STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09706

# BLINDER MAZL

David Kazanski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד קאזאנסקי

# בלינדער מזל

פארלאג אינזל ניו יארק
1930

דוד קאַזאַנסקי: אָרום און אַרום, ראָמאַן
אין פינף ביכער. בוך איינס: טריפהנע
בלוט. בוך צוויי: בלינדער מזל. בוך
דריי: אין יאַד. בוך פיר: דער מחותן
ר׳ יאָסעלע ראַפּאַפּאָרט. בוך פינף:
דער דעמב אָן יורשים.

Copyright by D. Kasansky
New York, N. Y.
1930

# בלינדער מזל

# I.

און לייזער־בערן האט דער אויבערשטער מצליח געווען. אין יענעם אויף דער נאכט, ווען זיי זיינען אלע אוועקגעפארן, און ער איז געבליבן אליין—זיי האבן אים איבערגעלאזט אליין—איז ער נאך לאנג געשטאנען אין דעם ליידיקן טויער, האט נאכגעקוקט די פאיעטאנעז, ווי זיי קייקלען זיך פון אים אוועק מיט א ווייכן רעש, ווערן נים, ווי עס פארשווינדט א וואלקן אויפן הימל, ביז עס האבן זיך ביי אים א בראך געטאן די קני, און ער איז געבליבן זיצן אויף דער ערד, ווי א פולער, אן אנגעשטאפטער זאק. ערגעץ טיף, זייער טיף אין דער נאכט, האבן זיך נאך געהערט די גלעקלאך, דזין־דזין־דזין, און לייזער־בער האט זיך א וויג געטאן אהין און אהער, און איז געבליבן ליגן אויף דער ערד, ווי א שטיין, וואס האט זיך ארויסגעגליטשט פון די הענט. אויף זיין מוח האט זיך נעגאסן א שלאף, ווי ווארעמע סמאלע, האט אלץ פארגאסן, און לייזערבער איז לאנג געלעגן אט אזוי, אין א הינער־פלעט, און ווען ער האט דערנאך געעפנט די אויגן, האט זיך נידריק איבער אים געזיפט דער הימל, א ווייסער, א מילכיקער און א פארשטויבטער. לייזער בער האט געקוקט, ליגנדיק מיטן פנים ארויף, און דער הימל איז געווען א געדיכטער, א ווארעמער, ווי דער שנייאיקער טוי, וואס גייט אויף פון דער ערד אין א פראסטיקן פארטאג.

לייזער־בער האָט זיך אויפגעהויבן, איז געשטאַנען מיטן רוקן צום הויף, און אין הויף איז זיך געשטאַנען די איבערגעבליבענע שטוב, עס האָט זיך שטיל געוויגט אַ טיר, און טיפער אין הויף האָט זיך געשפּרייט די פּוסטע, אויסגעליידיקטע שטאַל. לייזער־בער האָט איינגעהויקערט די פּלייצעס, ווי ער וואָלט געטראָגן אויף זיך אַ משא, און ער האָט זיך ניט אומגעקוקט, האָט ניט אַריינגעקוקט אין הויף, נאָר ער האָט זיך גלייך געלאָזט גיין מיט דער גאַס, אַוועקגיין. דער הימל האָט זיך געשפּרייט אַלץ העכער און העכער, טיף אין הימל האָט שוין געשטעקט די זון, אַ פּאָר־צויגענע, אַ פאַרשלייערטע, און אויף דער גאַס האָבן זיך באַוויזן מענטשן, פאַרשלאָפענע און דורכגענומענע פון דער פאַרטאָגיקער, עסיקער קעלט. לייזער־בער האָט ניט געוואוסט וואוהין ער גייט, נאָך וואָס ער גייט, נאָר געקומען איז ער אויפן מאַרק, ווי מען קומט צו זיך אהיים.

אויפן מאַרק איז נאָך קיינער ניט געווען, און דער מאַרק איז זיך געלעגן אַן אָפּענער, ווי אויף אַ לאַדאָניע, און לייזער־בער האָט זיך פאַרקליבן אין זיין אַלט, אַמאָליק ווינקל, צווישן די צוויי זייטיקע מויערן — די מויערן זיינע געשטאַנען שווערע, צעשוואָר־מענע אַז עס האָט זיך געדוכט, אַז זיי פאַרשטעלן דעם מאַרק, לאָזן אים ווייטער ניט גיין.

לייזער־בער האָט געקוקט, גלאָט אַזוי זיך, און ניט ווייט פון אים האָט אַ פּויער אויסגעשפּאַנט זיין פערד, האָט אויפגעשטעלט די האָלאָבליעס, האָט זיך איבערגעצלמט, און דערנאָך האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, און האָט גענומען קנייפּן פעטע שטיקער פון אַ גרויסן לאָבן ברויט. דער פּויער האָט געגעסן הונ־געריק, ווי אַ וואָלף, עס האָבן געבליצט זיינע נאַקעטע ציין, און דער ברויט האָט פריש געשמעקט, אַז לייזער־בער האָט געצוקט מיט די נאָז־לעכער, ווי אַ יונגער פערד, און ער האָט געוואָלט צו־גיין צום פּויער, אַ זעץ־טאָן אים אין האַרצן אריין און צונעמען דעם ברויט.

די זון אויפן הימל איז געוואָרן גלאַנציק, ניי, ווי אַ זילבערנער טעלער, און דער מאַרק האָט שוין גערוישט, געקאַכט, און פאַרביי

לייזער־בערן איז באַלד דורכגעגאַנגען אַ אידענע, און די אידענע האָט געטראָגן אַ שווערן קאַשיק. לייזער־בער האָט ביי איר צו־גענומען דעם קאַשיק, איז איר נאָכגעגאַנגען, און די אידענע האָט אים דערנאָך געגעבן אַ הייסע גלאָז טיי און אַ האַלבן קוכן. לייזער־בער איז געזעסן אין אַ וואַרעמער קיך, האָט געגעסן, האָט געטרונקען, און עס איז אים אַזוי גוט געווען, אַז ער האָט אַזש צוגעמאַכט די אויגן, און האָט מער גאָרניט געוואָלט.

# II.

ביינאַכט איז קאַלט, דער פראָסט וויקלט זיך אין אַ שאַרפן, רעגנדיקן ווינט, און לייזער־בער שטייט אַנגעשפאַרט צו דער אײַנ־וויניקסטער וואַנט פון מויער, און עס טרייסלט אים אַ צאָן אַן אַ צאָן. די קעלט נעמט איינציקווייז פאַנאַנדער זיינע אברים, שנײַדט אָפּ אַן אבר פון אַן אבר, און עס איז אים אַזוי קאַלט, אין יעדן אבר באַזונדער, אַז עס ווילט זיך שטאַרבן.

אויפן מאַרק איז פינצטער ווי אין אַ גרוב, און אויף לייזער־בערן פאַלט אַן אַ שרעק, ער קען שוין עס מער ניט אַריבערטראָגן, און ער שפּאַנט דורך דעם מאַרק און גייט אַריין אין שיינק. אין שיינק איז אַנגערויכערט און ענג, און לייזער־בער פאַרשלאָגט זיך אין אַ ווינקל, און ווי נאָר ער זעצט זיך אַנידער, אַזוי דערפילט ער אויף זיך די געשמאַקע, שווייסיקע וואַרעמקייט, וואָס נעמט אים אינגאַנצן אַרום, פון קאָפּ ביז די פיס, אַז כאָטש מאַך צו די אויגן און ווער זיך אַנטשלאָפן. נאָר באַלד גייט צו אים צו די שיקסע פון שיינק און קוקט אים רואיק אַן מיט אירע וואַסערדיקע אויגן. זי פרעגט ביי אים גאָר ניט, און ער זאָגט איר גאָר ניט, און זי גייט פון אים אָפּ, און באַלד נאָך דער שיקסע קומט שוין צו אים צו דער באַלעבאָס פון שיינק, אַ געזונטער קאַצאַפּ. לייזער־בער ווייסט וואָס עס וועט זיין, נאָר ער זיצט און טוט גאָרניט.

און דער באַלעבאָס נעמט אים טאַקע אַן מיט ביידע הענט און וואַרפט אים אַרויס פון שיינק.

לייזער־בער שלאָגט זיך ניט מיטן קאַצאַפּ. ער ווייסט, אַז עס דאַרף אַזוי זיין, דער קאַצאַפּ דאַרף אים טאַקע אַרויסוואַרפן. און ער פאַרקלייבט זיך צוריק אין זיין ווינקל צווישן די צוויי זייטיקע מויערן, זעצט זיך דאָרט אַנידער אויף דער נאַקעטער ערד, און דרעמלט איין. ער דרעמלט, ער שלאָפט, נאָר ער ווייסט אין שלאָף, אַז ער גייט אויס פון קעלט, אַז ער שטאַרבט.

די נאַכט ציט זיך לאַנג, זייער לאַנג. און ווען עס גייט דערנאָך אויף דער פאַרטאָג ווי אַ שווערער וואָלקן פון דער ערד אַרויס, און עס הויבט זיך אָן דער מאַרק, שטייט ער שוין ווידער, לייזער־בער, שטייט אויף זיין שטענדיקן אָרט און וואַרט אויף דוואָשן דער אַלמנה, וואָס דינט ביי דעם אַלטן מאַריאַנטשיק. און דוואָשע באַווייזט זיך טאַקע באַלד, מיט אַ שווערן קאַשיק אין די הענט, און לייזער־בער גייט איר אַנטקעגן, נעמט ביי איר צו דעם קאַשיק, און דוואָשע שמייכלט צו אים, איידל אַזוי, אַז עס פּאַסט גאָר ניט צו איר פעטן פּנים און צו אירע פאַרשטויבטע, שטריקענע האָר, וואָס זיינען שווער צעשויבערט, פאַרשלאָפן.

דער אַלטער מאַריאַנטשיק וואוינט וויט פון מאַרק, אַזש אויף דער פּריצישער גאַס. דער אַלטער מאַריאַנטשיק איז אַ גביר אַ ייִד, און לייזער־בער שפּאַנט מיט גרויסע טריט, און דוואָשע גייט ניט, נאָר יאָגט זיך נאָך אים נאָך. און אָט זיצט ער שוין אין דער וואַרעמער, ליכטיקער קיך, טרינקט הייסע טיי, און איז זיך מחיה. לייזער־בער עסט מיט אַ פולן מויל, און אויף ביידע באַקן, עס קנאַקן ביי אים די ציינער. און דוואָשע קוקט אויף אים, פון דער זייט, און שעפּט פון אים נחת. ער געפעלט איר.

דוואָשע איז אַן אַלמנה, נאָר זי איז נאָך יונג, איז אינגער פון אַן אַנדער מיידל. און וויפיל האָט זי עס אין גאַנצן געלעבט מיט איר מאַן? וויפיל? די שונאים אירע מעגן קריינקען אַבי־סל לענגער. און לייזער־בער עסט זיך גוט אָן, טרינקט זיך גוט אָן, און דערנאָך הויבט ער זיך אויף, אַ זאַטער, אַ צופרידענער, זאָגט שטיל אַ דאַנק, און גייט זיך צוריק אַוועק אויפן מאַרק.

אַט אַזוי איז כּמעט יעדן טאָג. ווען דוואַשע קומט נאָר איינ־קויפן, און דוואַשע לאָזט שוין איצט ניט דורך קיין איין איינציקן טאָג, כאָטש פריער, איידער לייזער־בערן, פלעגט זי גיין אין מאַרק אַריין נאָר צוויי מאָל אַ וואָך.

## III.

לייזער־בער טראַכט קיינמאָל ניט וועגן ציפּען, ער געדיינקט זי גאָר ניט, ער געדיינקט זיי קיינעם ניט, נים טאַירקען, ניט זלאַטען, ניט יאַסקען — ניטאָ! נאָר ציפּע קומט אַמאָל אַליין צו אים, פּלוצלונג מיטאַמאָל, קומט מיט אַ שמייכל און שניידט זיך אַריין אין זיין האַרצן, גלאַנציק און שאַרף ווי איינגעביסן. לייזער־בער בלייבט אַ צעטומלטער, נאָר ער רירט זיך ניט פון אָרט, רירט ניט מיט קיין אבר און זאָל זי דאָרט, זאָל זי צופּן זיין האַרץ, רייסן שטיקער, עס אַרט אים ניט, עס איז אים גוט פון דעם, עס טריפט זיין בלוט, אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן, ווי די טרערן פון די אויגן, און ער שמעקט אַ פאַרשיכּורטער, און איז גליקלאַך, גליקלאַך.

און אַמאָל איז עפּעס אַ לײדיקער טאָג אַזאַ, ניטאָ וואָס צו טאָן, און לייזער־בער פאַרנעמט זיך דעמאָלט מיט דער זייטיקער גאַס, גייט, שפּאַנט, און די גאַס פירט אים אַרויס פון שטאָט און ברייננגט צום הויף. אין הויף שטייט זיך נאָך די שטוב און די שטאַל, אַלץ איז אויפן זעלבן אָרט, אַלץ איז ווי געוועזן, נאָר אין שטוב זיינען איצט פרעמדע מענטשן, ניט ציפּע, ניט זלאַטע, קיינער ניט, פרעמדע מענטשן, און די שטאַל האָט מען אויסגעקאַלכט אויף ווייס, און עס איז שוין אויס שטאַל, עס איז גאָר אַ סקלאַד פון אייער. לייזער־בער זעט, אַז מען האָט דאָ אַלץ אָפּגעווישט, מען האָט אַפילו ניט געלאָזט קיין סימן, נאָר ער רירט קיינעם ניט אָן, ער רירט גאָרניט אָן, ער קוקט נאָר מיט פאַרשטשימעטע צייןן, און אַנטקעגן אים שטייט אַ צוגעקליבענער יונגערמאַן, ווי ער וואָלט אים געהיט, און דער יונגערמאַן פרעגט ביי אים וואָס ער דאַרף, און וואָס קומט ער אַהער, אַז ער דאַרף דאָ גאָרניט?

ביי לייזער־בערן ברעכן זיך די ליפּן, נאָר זאָגן זאָגט ער גאָר ניט. ער ווייסט, דוכט זיך, יאָ וואָס צו זאָגן, נאָר ער קען ניט, און ער פּינטלט מיט די אויגן, און ווערגט זיך מיט דעם אייגענעם אָטעם. דער יונגערמאַן טרייבט אים ניט. ער וואַרט נאָר, אַז ער זאָל אַוועקגיין, און לייזער־בער גייט אַרויס פון שטאָל, גייט אַרויס פון הויף, און פאַרנעמט זיך שוין צוריק מיט דער גאַס. נאָר דאָ דערפילט ער באַלד, אַז אימעצער גייט אים נאָך, און ער קוקט זיך אום און דערזעט — עס איז דער אַלטער הונט.

— בילאַם!

דער הונט קוקט אויף לייזער־בערן, און ביי לייזער־בערן ווערט ברייט דאָס פּנים, ווערט ווי אַ גוט־אויפגעגאַנגענע, אַ גוט־אויס־געבאַקענע חלה. און דער הונט גיט באַלד אַ לעק די ערד, אַ דריי מיטן ווידל און קערט זיך צוריק אום צום הויף, אַ היים. לייזער־בער בלייבט ווי אויפן וואַסער, און ער גיט אַ וויין, הויך אויפן קול, און ביים טויער שטייט זיך דער צוגעקליבענער יונגערמאַן, און טראַכט זיך רואיק:

— אַ משוגענער?

לייזער־בער קומט צוריק אויפן מאַרק, און אויף מאָרגן, אַז עס הויבט זיך אָן דער טאָג, וואַרט ער שוין ניט אויף דוואָשען, ער דאַרף זי ניט. נאָר דוואָשע קומט באַלד אַליין צו אים צו, זי וואַרט ניט, אַז ער זאָל איר גיין אַנטקעגן, און זי לאָזט אַראָפּ דעם קאַשיק נאָענט לעבן זיינע פיס. דוואָשע שמייכלט, אַט ווי עס וואָלט גאָרניט געווען, און לייזער־בער וויל זי אָפּטרייבן פון זיך, וויל זי אַ זעץ טאָן מיט אַ פוס, און דוואָשע וואַרט נאָך אַ מינוט און זאָגט:

— נו? קום...

לייזער־בער בויגט זיך אָן, גיט אַ נעם דעם קאַשיק, און שפּאַנט אַוועק. ער ווייסט גוט וואוהין ער גייט, נאָך וואָס ער גייט, נאָר עס דוכט זיך אים פּאַרט, אַז ער גייט ניט, נאָר אַז ער גייט גאָר אַוועק. נאָר קומען קומט ער אין דער גרעאַמער, ליכטיקער קיך, און דוואָשע טראָגט אים אונטער אַ גלאָז טיי, און ער זיצט אַ צונויפגענו־מענער, און טרינקט פּאַמעלאַך, זייער פּאַמעלאַך. ער שעמט זיך פאַר עפּעס, שעמט זיך פאַר זיך אַליין, פאַרוואָס עס איז געשמאַק די טיי,

און פארוואס ער עסט מיט הנאה, ביז ער רוקט אלץ אפ פון זיך, מיט א שטויס, גיט מיט אמאל א קוק אויף דוואשען, און ער פאר־שטייט עפעס ניט וואס ער טוט דא, וואס ער דארף דא, און ווער איז דוואשע און ווער איז ער. לייזער־בער דערפילט, אז עס טוט אים וויי, נאר ער ווייסט ניט וואס עס טוט אים וויי, ווייסט ניט וואו עס טוט אים וויי, ער ווייסט ניט אויף וואס פאר א וועלט ער איז, און דוואשע, אז זי דערפילט אויף זיך זיינע ביידע אויגן, וואס זיינען פאר איר בלוי און ליכטיק, ווי א שטיק הימל, ווערט איר זיס אזוי, אין אלע אירע אברים, אז עס פארדרייט זיך איר דער קאפ, ווי פון א שארפן ריח, און א פולע, און אנגעגאסענע ווי א פאס, שטייט זי אנטקעגן לייזער־בערן, שטייט און ווארט, און לייזער־בער הויבט זיך אויף און לאזט זיך גיין צו דער טיר. ער טראגט אויף זיך זיין גרויסן, שווערן גוף, אז די גאנצע שטוב, דוכט זיך אים, רוקט זיך מיט אים אינאיינעם, עס קלעפן זיך צו אים די ווענט, אלע זאכן, און ער טראגט זיי אויף זיך.

## IV.

נאר אויף מארגן זיצט ער ווידער אין דער זעלבער קיך און די זעלבע דוואשע טראגט אים אונטער א גלאז טיי, און ער עסט און טרינקט און האט הנאה.

אין דרויסן האט געגאסן א פעטער, אן איינגעגעסענער רעגן, און לייזער־בער האט שוין אפגעגעסן, האט שוין אפגעטרונקען, נאר עס האט זיך אים ניט געוואלט אוועקגיין, זייער ניט געוואלט, און דוואשע האט געזען, אז ער וויל ניט, נאר זי האט אים געלאזט, זי האט זיך כלומרשט ניט געמישט. און ערשט ווען ער איז שוין געשטאנען ביי דער טיר, האט זי אים רואיק אפגעשטעלט, אט ווי עס וואלט איר ווייניק וואס אנגעגאנגען:

— וואוהין וועסטו גיין אין אזא קאלעלע? עס רעגנט דאך, עס גיסט!

לייזער־בער איז געבליבן, האט דערזען, אז זי איז א גוטע, א געטרייע, און ביי דוואשען האט געפלאמט דאס פנים. דוואשעס פנים איז א פעטער, און דאס פעטע פנים גלאנצט ביי איר שטענדיק, ווי באשמירט מיט שמאלץ, נאר אמאל, אז עס פארציען זיך ביי איר די אויגן, און דער אטעם אירער ווערט לאנג און שווער, ווערט זי דעמאלט אן אנדערע, אז עס לעבן אפילו אויף אירע טויטע, שטריקענע האר אויפן קאפ.

א רגע האבן זיי ביידע גארניט געטאן, און דערנאך האט זי אים געשיקט אנטראגן האלץ, און דערנאך האט זי אים געשיקט א קוק טאן צו דער בהמה און פאר דוואשען איז שוין דער גאנצער טאג געווען א גוטער, אז עס האט זיך איר געזונגען אויפן הארצן, אויף דער נשמה, און די אויגן אירע זיינען פול געווען מיט טרערן.

און שפעטער, פארנאכט, ווען מען האט שוין אנגעצונדען די לאמפן, און דער רעגן האט נאך ניט אויפגעהערט, האט דוואשע צונויפגעלייגט אירע שווערע הענט, וואס האבן געטראגן אויף זיך א צעשפאלטענע הויט, און זי האט זיך ניט געקענט געבן קיין עצה:

— ווי אזוי וועסטו זיך אהינטאן אין אזא רעגן? א הונט האט אויך איבער זיך א דאך!

לייזער־בער איז געשטאנען פאר איר, אז זי קען מיט אים טאן וואס זי וויל, וועט זי אים שיקן וועט ער גיין, און וועט זי אים ניט הייסן, וועט ער ניט גיין, און איר איז גוט געווען, פון אלץ, אך ווי גוט, און זי האט זיך באלד א כאפ געטאן, אז ער קען טאקע נעכטיקן, איבערשלאפן, אט־א־דא, אין קעמערל. לייזער־בער האט ניט געזאגט, ניט יא, ניט ניין, און זי האט אים אליין אנגענומען פאר א האנט, און האט אים אליין צוגעפירט, ווי מען פירט א קינד:

— גיי לייג זיך...

נאר ער האט זיך ניט גערירט פון ארט, און זי האט דערפילט, אז זי איז גליקלאך, עס האט זיך געצאפלט אין איר די נשמה,

און זיי זיינען ביידע געשטאַנען מיט אַראָבגעלאָזטע הענט, איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, און האָבן ביידע גאָרניט געטאָן.

— גיי...

דאָס קעמערל איז געווען קליין און פינצטער, ווי אַז אויסגעבראָכענע לאָך אין דער זייטיקער וואַנט פון קיך, אָן אַ פענצטער, אָן אַ טיר אַפילו. אין קעמערל איז געשטאַנען אַן אַלטער, אַ צעבראָכענער דיוואַן אויף ספּרונזשינעס, און לייזער־בער האָט זיך אויסגעצויגן אויף די ספּרונזשינעס, האָט אוועקגעלייגט זיינע הענט, זיינע פיס, און האָט צוגעמאַכט די אויגן.

אין דרויסן האָט געגאָסן ווי פון אַן עמער, און לייזער־בער האָט געהערט ווי עס גיסט, האָט געפילט ווי עס רוט זיין גרויסער, אָפּגעלאָזטער גוף, און ער האָט אַזש געזשאַלעוועט אַנטשלאָפן ווערן. ער האָט געוואָלט אַ געשריי טאָן, צורופן צו זיך דוואַשען, און זאָגן איר עפּעס, זאָגן איר, נאָר עס האָט זיך אים זים געדרייט דער קאָפּ, און ער האָט ברייט געשמייכלט, מיט זיין גאַנצן גוף, פון אַלע זיינע אברים אַרויס.

און אויף מאָרגן איז ער געגאַנגען מיט דוואַשען אין מאַרק אַריין, האָט איר נאָכגעטראָגן דעם לייזיקן קאָשיק, און ווען מען איז געקומען פון מאַרק, איז ער שוין אַליין געגאַנגען נאָך האָלץ, איז אַליין געגאַנגען צו דער בהמה. זי האָט אים גאָר נים געדאַרפט זאָגן, האָט אים גאָר ניט געדאַרפט הייסן. נאָר ביז צו פאַרנאַכט איז נאָך אַלץ געבליבן אַ גרויסע שטיק טאָג, און לייזער־בער האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום שטוב, אַרום הויף. ער האָט געמיינט, אַז דוואַשע זעט אים ניט, און פרי, נאָך איידער מען האָט אָנגעצונדען די לאָמפּן, האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אין קעמערל, האָט זיך אויסגעצויגן אויפן דיוואַן, און האָט אויף גיך צוגעמאַכט די אויגן. נאָר דוואַשע האָט יאָ געזען ווי ער איז אַריין אַהין, זי האָט אַלץ געזען, און זי האָט הויך געזאָגט, ניט צו זיך, נאָר צו אים:

— אַז מען וועט זיך דערוויסן, וועט מען אונז ביידן אַרויסטרייבן!

לייזער־בער האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם, און דוואַשע איז געשטאַנען, האָט זיך צוגעהערט, האָט געלאַכט אין זיך, און דערנאָך האָט זי פאַרלאָשן דעם לאָמפּ, האָט זיך אויסגעטאָן, און ווען

זי איז שוין געלעגן אין בעט, האט זי ערשט דערפילט, ווי גוט איר איז, אויף דער אמתן.

# V.

דוואשע האט גאר אנגעקוואלן פון לייזער־בערן, ווי שטיל ער פאלגט אלץ, און וואס פאר א גוטער ער איז, און זי האט אים גוט געהיט, אז ער זאל ניט אוועק פון הויף, זאל זיך צוריק ניט פאר־קלייבן אויפן מארק. זי האט אפילו ניט מורא געהאט פאר דעם אלטן מאריאנטשיק. טאמער דערוויסט ער זיך, און טאמער זאגט ער איר עפעס, דער באלעבאס אירער, וועט זי גאר ניט פרואוון לייקענען, זי וועט גלייך אים זאגן:

— ער איז מיין חתן!

דער טאג איז געווען א טונקעלער, ווי א פארנאכט, און ווען עס איז אנגעקומען דער אוונט, האבן זיך נאך נידעריקער אראפגע־לאזט די וואלקנס, זיינען געווארן מיט דער האנט צו דערלאנגען, נידעריק און געדיכט. מער האט זיך גארניט געביטן. די וואלקנס זיינען גאר ניט געווען קיין וואלקנס, נאר שטיקער הימל. לייזער־בער האט זיך ארומגעדרייט איבערן הויף, גלאט אזוי זיך. עס האט געשמעקט מיט פראסט, פון דער ערד, פון די וואלקנס, און לייזער־בער האט אזוי ליב דעם ריח פון געפרארענער בלאטע. דערנאך איז ער אריין אין שטוב, און אין קיך האט שוין געברענט דער לאמפ, און פון אויוון האט געזעצט א ווארעמקייט, פונקט ווי עס וואלט טאקע געווען אין מיטן ווינטער.

דוואשע האט אוועקגעלייגט אויפן טיש אירע ביידע הענט, ווען די הענט אירע ליגן אויפן טיש זיינען זיי ניט שווער פאר איר, און לייזער־בער איז גוט געווען, ווי די וועלט, און דוואשע האט שטיל גערעדט:

—ווייסט ער פון וואס עס איז געשטארבן דער מאן אירער ? ער איז געווען א דארפישער, איז געוואקסן אין א דארף, און באלד נאך זייער חתונה האבן זיי גענומען א באשטאן.

ער איז געווען אַ געזונטער, דער מאַן אירער, אַ געזונטער און אַ שיינער ווי אַ דעמב, און אַ גוטער איז ער געווען, אַ דימענט. ער האָט זי געטראָגן אויף די הענט, האָט זי געהאַלטן ווי אַ קייסערינע. נאָר ער האָט שטאַרק ליב געהאַט אוגערקעס, גרינע, גלייך פון באַשטאַן אַראָפּ. זי האָט זיך ניט איינמאָל געבעטן ביי אים — עס ניט, עס וועט דיר פאַרשאַדן! נאָר ער האָט שטענדיק גע־לאַכט פון איר — דאָס זיינען דאָך צוקערקעס! און עס האָט אַזש געזונגען די סליונע צו זען, ווי ער בייסט מיט די ציין, בראַמזשעט, ווי ער זויגט דעם זאַפט.

ביז ער האָט זיך איינמאָל אָנגעגעסן מיט די אוגערקעס, אויפן ניכטערן האַרצן, האָט געכאַפּט אַ דרייעניש אין בויך, און איז פאַרכאַפּט געוואָרן, איבער אַ נאַכט. אין שטאָט האָט מען גע־מיינט, אַז עס הויבט זיך שוין אָן די כאָלעריע, עס איז דעמאָלט געווען אַ הייסער, אַ ברענעדיקער זומער, ערשט נייַן, אַ דאַנק דעם אייבערשטן!

ביי דוואָשען האָבן זיך אָפּגעלאָזט די ליפּן, עס האָט זיך גע־דוכט, אַז זי וויינט, און אין לייזער־בערן האָט זיך געוואָרעמט אַ רחמנות, אַ גוטסקייט, אי צו דעם מאַן אירן, וואָס איז געשטאָרבן, אי צו איר אַליין, וואָס זי וויינט נעבאַך, און ער האָט איר געוואָלט דערציילן — וועגן שמואלן, יאָ, וועגן שמואלן, און דוואָשע האָט איבערגעביטן די הענט, האָט זיי איבערגעלייגט, און די רייד אירע וואָס זי האָט ווייטער גערעדט, זיינען געוואָרן נאָך שטילער, נאָך געטרייער:

זי האָט איר אייגנס עטלאַכע הונדערט רובל, זיי ליגן ביי מאַריאַנטשיקן, און זיי קענען נעמען אַ באַשטאַן, אפילו דעם זעלבן וואָס אַמאָל מיט איר מאַן, עס איז אַ טייערער באַשטאַן! זי האָט זיך טאַקע ניט אויף וואָס צו באַקלאָגן, עס איז איר דאָ גוט, ביי די מאַריאַנטשיקס, נאָר דאַרף זי סיידן דעם גאַנצן לעבן אירן קאָכן פאַר פרעמדע? ראַמען פאַר פרעמדע?

זי האָט נאָך לאַנג גערעדט, האָט זיך געגנבעט מיט אירע רייד, און לייזער־בער איז געזעסן אַז אַנגעלאָדענער, אַ צולהכעיסדיקער. עס האָט זיך געריסן פון אים, אַז נייַן, ער וויל ניט קיין באַשטאַן, וויל ניט קיין אוגערקעס, ער דאַרף ניט! נאָר ער האָט געזען, אַז

מען טשעפּעט זיך דאָ צו אים, פֿאַר אומזיסט, פֿאַר אומנישט, און עס האָט זיך אין אים געהויבן אַ כעס, אַ שווערער, אַ פֿינצטערער. ער האָט איר גאָרנישט געזאָגט, קיין איין וואָרט ניט אפֿילו, און דוואָשע האָט געקוקט אויף אים די גאַנצע צייט, און ווי זי וואָלט אים געצופּט מיט די ציין, מיט די נעגל, אַז אפֿשר וויל ער נאָך ניט? אפֿשר לוינט אים נאָך ניט?

לייזער־בער האָט זיך אויפֿגעהויבן, האָט געמאַכט אַ טראָט, און האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן. ער האָט ניט געוואוסט וואוהין ער זאָל גיין, צי אין קעמערל, אָדער גאָר פֿון שטוב אַרויס, אַוועקגיין, און דוואָשע האָט אים נאָכגעקוקט, האָט געהיט, אַז זאָל ער נאָר גיין אין קעמערל זי וועט אים דעמאָלט — זי וועט אים ווייזן, זי וועט אים געבן! נאָר לייזער־בער איז אַרויס פֿון שטוב, און דוואָשע — זי האָט אָפּריער איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, און דערנאָך האָט זי נאָך לאַנג געקוקט צו דער טיר, ווי זי וואָלט נאָך אַלץ געזען זיינע טריט, אים אינגאַנצן, און די אויגן אירע זיינען געווען גרויסע און קיילעכיקע, ווי ביי אַ יונגער בהמה, וואָס קוקט, קוקט, נאָר ווייסן ווייסט עס גאָר ניט.

# VI.

און לייזער־בער איז געקומען אויפֿן מאַרק, איז דורכגעקומען די נאַכט, און דער מאַרק האָט זיך דערנאָך געשטעלט אַ גרויסער, ווי אַ ירידה, און איבערן מאַרק האָט זיך געצויגן אַ רעש, אַ טומל, אַ צעריסענער אין שטיקער, אין לעבער — איבערן מאַרק האָט גע־ציטערט, האָט זיך געוויגט אַ געלע, אַן אויסגעדאַרטע פֿעל.

לייזער־בער איז זיך געשטאַנען אויף זיין אָרט, גלאַט אַזוי זיך. ער האָט אויף קיינעם ניט געוואַרט, האָט קיינעם ניט באַדאַרפֿט. ער איז געשטאַנען, האָט געקוקט, און אַלץ אין אים איז געווען שווער און טויב, ווי אַ וואַנט, וואָס זינקט. אויפֿן מאַרק האָבן זיך אַרומגעדרייט גוים און אידענעס, און נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן, אַ

סך זאכן, נאר דאס אלץ מיט אנאנדער איז עפעס געווען באזונדער, אפגעטיילט. און לייזער־בער איז זיך געשטאנען אליין.

פון דערווייטנס האט זיך באוויזן א ווייבל, מיט א שווערן קאשיק אין די הענט, און לייזער־בער האט זי באלד דערקענט, צווישן אלע אנדערע זאכן, — זי האט זיך שארף ארויסגעטיילט פון גאנצן מארק. נאר ער איז זיך ווייטער געשטאנען און האט ווייטער געקוקט, אזוי ווי פריער, און דוואשע איז געגאנגען צו אים, איז געגאנגען אויף אים, און לייזער־בער האט זיך ניט גערירט פון ארט, ער האט גארניט געטאן. און דוואשע איז דורכגעגאנגען פארביי, האט זיך ניט אפגעשטעלט, און ערשט א טראט ווייטער פון אים, האט זי מיטביידע הענט ארויסגעכאפט אן עפל פון איר קאשיק. זי האט זיך ניט אומגעקערט צו לייזער־בערן, און לייזער־בער האט נאר געזען דעם שפיץ נאז אירן וואס האט זיך שארף אזוי א פיר געטאן אהין און צוריק, און דערנאך האט ער לאנג געקוקט אויף דעם גרויסן, רויטן עפל, וואס האט זיך שיעור ניט אראפ־געקייקלט פון איר אויסגעשטרעקטער האנט צו אים. דער עפל האט געציטערט אויף איר פלאטשיקער לאדאניע, און די פינגער פון איר האנט זיינען געווען פאנאנדערגענומען, צעשפרייט. לייזער־בער האט גענומען דעם עפל, האט אים איינגעביסן מיט א גרויסן מויל, ווי א חיה, און דוואשע האט זיך אויף גיך געלאזט אוועקגיין פון אים, אויף גיך.

לייזער־בער האט אויפגעגעסן דעם עפל, און אינאיינעם מיטן עפל האט ער אויך אריינגענומען אין זיך דעם ריח פון איר האנט, און די גוטסקייט פון איר הארצן. דער מארק האט גערוישט, גע־טומלט, האט זיך געדרייט אין דער איינענער ענגשאפט, און לייזער־בער איז דורכגעגאנגען דעם מארק, האט זיך פארנומען אויף דער פריצישער גאס, און ווען ער איז אריין אין קיך איז דוואשע גע־שטאנען מיטן פנים צום אויוון. לייזער־בער איז געבליבן אויפן שוועל, איז געבליבן אזוי, אז ער איז זיך מודה, אין אלץ, און עס ארט אים ניט פאר זיך, עס ארט אים נאר פאר איר, און דוואשע האט אויפגעציטערט, נאר געשטאנען איז זי ווייטער ווי א פארגליווערטע, מיט אראפגעלאזטע אקסלען און מיט אן אויסגע־בויגענעם רוקן, און ווי זי וואלט שטארק צוגעהאלטן אויף זיך זיין

שטיין אויפן שוועל, זיין שווייגן, זיין גאנצן קומען. דערנאך האט זי אים אנגעגאסן א גלאז טיי, א סך שפעטער, האט עס אוועקגעשטעלט אויפן ברעג טיש, און האט קוים ארויסגערעדט:
— גיי, טרינק...

לייזער־בער האט זיך צוגעזעצט, האט א זופ געטאן, נאר באלד האט ער אויפגעהערט צו טרינקען, ער האט גאר געקוקט אויף דוואשען, און דוואשע איז שוין צוריק געשטאנען ביים אויוון, און אין אויוון האבן געקנאקט די טרוקענע פלאמען. די פלאמען האבן געברענט איר פנים, און דוואשען האט עס שטארק הנאה געטאן, און זי האט זיך מיט הנאה געווישט די אויגן.

## VII.

דוואשע האט געוואוסט, אז פון אזוינע זאכן קומט קיין גוטס ניט ארויס, און זי האט שוין ניט איינמאל געוואלט אים זאגן, אז זאל ער גיין ערגעץ אנדערש, זאל ער זיך אפטשעפען פון איר, און לייזער־בער האט זיך ארומגעדרייט א שטילער, א שולדיקער, אז עס איז געווען א מחיה אויף אים צו קוקן, און דוואשע האט געוואוסט, אז ער איז איר טייער, אז ער איז אירער אן אייגענער. אויפן מארק פלעגן זיי גיין אינאיינעם, און פון מארק פלעגן זיי אויך קומען אינאיינעם, און דוואשען האט זיך געדוכט, גייענדיק מיט אים, אז זי איז גאר ניט קיין דינסט ביי יענעם, נאר א גאנצע באלעבאסטע ביי זיך אליין.

עס איז געווען פינצטער, נאכט, און דוואשע איז געלעגן אין בעט. זי האט געמיינט, אז זי שלאפט, אודאי שלאפט זי, נאר אט האט זי זיך געכאפט אז זי שלאפט ניט, שוין לאנג אז זי שלאפט ניט, און זי האט זיך אזש אויפגעזעצט, א דערשראקענע, א צעטומלטע. ארום איז געווען פינצטער, שווארץ, נאר דוואשע איז שוין ניט קיין מיידעלע, זי איז אן אלמנה, און זי האט זיך שוין צוריק געוואלט לייגן, נאר זי האט זיך ניט געלייגט. שטיל אזוי, ווי פארגנבעט, האט טיף אין איר געקלאפט דאס הארץ אירס, און

עס האט זיך איר גערדרייט דער קאפ, ווי אין א זיסן חלום. דער־נאך האט זיך איר אויסגעוויזן, אז זי וויל א טרונק, יא, זי וויל טאקע א טרונק, און זי איז אראפ פון בעט, האט זיך געלאזט גיין צו דער קאטקע מיט וואסער און דא האט זי זיך פלוצלונג אפ־געשטעלט — דורך די בארוועסע פיס אירע האט זיך שארף גע־שליינגלט אין איר א טרוקענע קעלט פון דער נאקעטער פאדלאגע, און דוואשע האט שוין קאלט א טראכט געטאן, מיט איר קלארן פארשטאנד אז זי דארף איצט נעמען לייזער־בערן, זי דארף אים ארויסטרייבן!

און לייזער־בער איז זיך געלעגן אין קעמערל, האט פון נאר־ניט געוואוסט, און אז אימעצער האט צעריסן איבער אים זיין שלאף, מיט די נעגל צעריסן, און ער האט געעפנט די אויגן, איז דוואשע געשטאנען לעבן אים. זי איז געווען א נאקעטע, אין איין ווייסער שמעקעדיקער העמד, און א ווייסע, א שמעקעדיקע האט זי געבויגן צו אים דעם פנים אירן, די ברוסטן אירע, ווי עס בויגט א צעבליטער בוים זיינע שווערע צווייגן.

## VIII.

לייזער־בער האט דערנאך געוואוסט, אז איצט מעג זי שוין טאן מיט אים וואס זי וויל נאר, זי מעג אים רייסן, צופן, מעג אים שפייען אין פנים אריין, און ער וועט איר מוזן שווייגן, וועט מוזן ליידן, נאר דוואשע איז גראדע גוט געווען צו אים, אזוי גוט, אז לייזער־בער האט זי געוואלט א כאפ־טאן ביים האלדז און אפרייסן זי פון זיך — עס האט זיך אים אויסגעוויזן, אז זי איז עפעס א צוגעקלעפטע צו אים.

לייזער־בער האט זי פיינט געהאט, האט זי א קאפ ניט גע־זשאלעוועט, און עס איז אים גוט געווען פון דעם, וואס ער האט זי פיינט, וואס ער זשאלעוועט זי גארניט, און דוואשע איז גע־גאנגען מיט אים אויפן מארק, איז געגאנגען מיט אים פון מארק, און זי האט זיך אזש געגרויסט מיט עפעס, און איז שטענדיק גע-

בליבן אַ צופֿרידענע. לייזער־בערן האָט עס פֿאַרדראָסן, דאָס וואָס זי גרויסט זיך נאָך, עס האָט אים ווײ געטאָן, נאָר ווי אַ הונט אויף דער קייט, אַזוי איז ער איר שטענדיק נאָכגעגאַנגען, מיט אַראָפּ־געלאָזטע הענט, און האָט זי שטום געפֿאָלגט, אַ שולדיקער אין אַלץ.

עס איז נאַכט, שפּעט אין דער נאַכט, און דוואָשע ליגט נאָך ביי לייזער־בערן. עס איז שטיל צווישן זיי, זיי שלאָפֿן ביידע. נאָר דוואָשע גיט זיך פּלוצלונג אַ כאַפּ, זעצט זיך אויף, און לייזער־בער האַלט איין דעם אָטעם. ער וואַרט אַז זי זאָל שוין אַוועקגיין פֿון אים, נאָר זי גייט ניט אַוועק. עס ווערט ענג אין קאַמערל, ענגער איידער פֿריער, און דוואָשע זיצט אַ שוואַרצע און אַ וואַרעמע, ווי אַן אויוון, טוט גאַרניט. און צום סוף זאָגט זי אים. זי רעדט ניט, נאָר זאָגט — זי האָט פֿאַר קיינעם קיין מורא ניט, וואָס קען מען איר טאָן? ווער קען איר זאָגן פֿאַר אַ דעות? נאָר טאַמער פֿאַרגייט זי מיט אַ טאָקע אין טראָגן, וועט ער שוין מוזן מיט איר חתונה האָבן, אפֿילו מיט גוואַלד, נאָר ער וועט מוזן, זי וועט ניט האָבן קיין ממזרים, ער וועט שוין שטיין אונטער דער חופּה.

דערנאָך הייבט זי זיך אויף, גייט אַוועק, און לייזער־בער קוקט איר נאָך מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, און עס אַרט אים אַזוי ניט, אַז אַקאָרשט וואָס ער לאַכט זיך ניט פֿאַנאַנדער.

אָט אַזוי האָבן זיך געצויגן די טעג, עס האָבן זיך געצויגן די נעכט, ביז וואַנען עס איז אַרויסגעפֿאַלן דער ערשטער שניי. די גאַנצע נאַכט האָט געדרייט אַ ווינט, ווי אַן איינגעגעסענער עגבער, האָט זיך געגראָבן טיף אונטער דער שטוב, אַז עס האָבן אַזש גע־ציטערט די ווענט, און אויף מאָרגן, אַז לייזער־בער איז אַרויס פֿאַרן שוועל, האָט אים אַ שלאָג געטאָן אַנטקעגן אַ ווייסקייט אַזאַ, האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ נאַקעטן, און לייזער־בער איז געבליבן אַ פֿאַרכאַפּטער, איז געבליבן אויף די שפּיץ פֿינגער, און אַלץ אין אים האָט אויפֿגעפֿלאַטערט, ווי אַ פֿויגל מיט צעשפּרייטע פֿליגלען.

עס איז געווען שניי, אומעטום שניי, און דער שניי האָט הילכיק געלאַכט, און דער דרויסן אַרום איז געווען אַ נייער, אַ זילבערנער. לייזער־בער האָט זיך אָנגעגאָסן מיט פֿרייד, ווי אַ בוים מיט זאַפֿט, איז געוואָרן פֿול ווי אַ פֿעסל, און אַ פֿריידיקער אַזאַ, אַ פֿולער, האָט

ער זיך פּאַמעלאַך אַנגעבויגן, זייער פּאַמעלאַך, און האָט אַ שלונג געטאָן דעם שנייַ, מיט די ציין, מיטן בויך. דערנאָך האָט ער שוין אויך געלאַכט, פּונקט ווי דער שנייַ, אַז אויסגעמישטער מיטן דרויסן און אינאיינעם מיטן דרויסן איז ער באַלד אַריינגעלאָפן אין שטוב. ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, אַלעמען אַנזאָגן, נאָר אין קיך איז קיינער ניט געווען, עס איז געווען פּוסט, ליידיק. דוואָשע האָט זיך געעסקט ביים אויוון, און דער אויוון האָט גראָדע ניט געוואָלט ברע־נען, און ביי דוואָשען האָבן זיך געבעסט די הענט אירע, און זי האָט זיך איטליך ווײַלע געווישט די קאַלטע נאָז.

לייזער־בערן האָט עס אַ זעץ געטאָן איבערן מוח, ווי מיט אַ פּלאַקן, און ער האָט מיטאַמאָל דערזען פֿאַר זיך אַלץ, ווי אַזוי ער לעבט, און וואָס ער לעבט. ער האָט געוואָלט אַ געשריי טאָן, אויפֿ־שרייען, פֿאַר ווייטיק, נאָר ער איז געשטאַנען אַ געפּענטעטער, מיט געבונדענע הענט, מיט געבונדענע פֿיס, און ערשט שפּעטער, אַ סך שפּעטער, האָט ער דערפֿילט, אַז ער קוקט אויף דוואָשען און קוויקט זיך מיט דעם, וואָס ער האָט זי פֿיינט. עס האָבן ביי אים געקלאַפּט די ציין, ער האָט אַזש געגעסן, אַזוי שטאַרק האָט ער זי פֿיינט געהאַט, פֿליישיק, זאַפּטיק. און זי האָט זיך אומ־געקוקט צו אים און האָט אַ געשריי געטאָן:

— וואָס שטייסטו? איך מאַטער זיך און ער שטייט!

זי איז מיט כּעס אָפּגעטראָטן פֿון אויוון, און ער איז צו־געגאַנגען, האָט איבערגעלייגט די האָלץ, און האָט רואיק געוואַרט, ביז עס וועט זיך פֿאַנאַנדערברענען. פֿון אויוון האָט באַלד אַרויס־געזעצט אַ שמאָלער צונג פֿייער, און דוואָשע האָט שוין צופֿרידן געשמייכלט. עס איז איר גוט געווען פֿון דעם וואָס ער איז אַ בריה, און ער האָט זי איבערגעלאָזט אינמיטן און איז אַרויס פֿון שטוב.

אין הויף איז געווען ווי פֿריער, גוט, זייער גוט, און לייזער־בער האָט זיך געוואָלט אַוועקגנבֿענען פֿון דאַנען, אינגאַנצן, אויף שטענדיק, אויף אַלע מאָל, נאָר ער האָט זיך ניט גערירט פֿון אָרט. ער האָט געקוקט אויפֿן שנייַ, און פֿון זיינע אויגן האָבן זיך געריסן טרערן, ווי שטיקער פֿלייש פֿון זיין לייב.

פון שטאָל האָט זיך דערהערט דאָס מעקען פון דער בהמה, און לייזער־בער האָט ניט אויפגעציטערט, האָט זיך ניט אויפ־געכאַפּט. די לאַנגע ווענט פון שטאָל האָבן זיך געהויבן פון דעם שנײ אַרום, און דער דאַך אויפן שטאָל איז אויך געווען פון שנײ, און איבער דעם שנייאיקן דאַך, ווי אַ שפּיגל, האָבן אַרומגעטאַנצט בלויע, געבראָכענע שטראַלן. לייזער־בער האָט זיך געלאָזט גיין אַהין, און ווען ער איז געגאַנגען איבערן שנײ, ווען ער האָט גע־שטעלט אַ טראָט איז אים אַי אַן עבֿרה געווען, אַי ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט, און ער האָט זיך שטאַרק צוגעהערט, מיט אַלע זיינע אבֿרים, ווי עס סקריפּעט אונטער זיינע פיס, פּראַסטיק, שנייאיק, אַז כאַטש נעם און טו־אויס די שטיוול און שפּאַן אַ באָרוועסער, מיט באָרוועסע פיס.

און אַז ער איז צוגעקומען צום שטאָל, האָט ער זיך אַ וויש געטאָן דעם פּנים, האָט שווער איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, און האָט ניט געוואוסט וואָס ווייטער ער זאָל טאָן. ער האָט שוין ניט גע־קוקט אויפן שנײ, אויפן דרויסן אַרום, ווי ער וואָלט עפּעס מורא געהאַט, וואָלט זיך געשעמט, ביז ער האָט אַ נעם געטאָן די האַק און האָט זיך געשטעלט האַקן האָלץ. די פּאַליענעס האָלץ זיינען געווען טרוקן ווי פּעפּער, און זיי האָבן זיך גרינג געשפּאָלטן, ווי שפּענד־לאַך, נאָר לייזער־בער האָט געהאַקט מיט אַלע זיינע כּוחות, אַ בלינדער, אַן איינגעעקשנטער. דער געוויין אין אים איז שוין פֿאַרהאַרטעוועט געוואָרן, איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטיין, און ער האָט געהאַקט אָן אויפהער, אין איין אָטעם, אַז ער האָט אַפילו ניט געהערט ווי מען רופט אים, נאָר דער, וואָס האָט אים גערופן האָט נאָך אַמאָל אַ געשריי געטאָן: — הער נאָר דו, בחור, קום נאָר אַהער!

לייזער־בער האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט אַ קוק געטאָן אין דער וועלט אַריין, און האָט דערזען דעם אַלטן מאַריאַנטשיקן. לייזער־בער איז צעטומלט געוואָרן — וואוהין אַנטלויפט מען? וואו באַהאַלט מען זיך? און מאַריאַנטשיק איז געשטאַנען ביים הויז און האָט אים גערופן צו זיך מיט אַ פינגער, און לייזער־בער האָט געזען, אַז ער מוז שוין גיין, אַז ער מוז שוין פאַלגן, און ער האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט, און איינע אַ האַנט זיינע האָט שווער נאָכ־

געשלעפּט נאָך זיך די האָק, וואָס איז געזונקען אינם שניי.

לייזער־בער קען זייער גוט דעם אַלטן מאַריאַנטשיקן, און מאַריאַנטשיק קען אים אויך זייער גוט, לייזער־בער האָט אים ניט איין מאָל געפירט צו דער סטאַנציע.

— וואָס, שוין אוים בעל־עגלה, האָ ?

— יאָ, אוים !

דער אַלטער מאַריאַנטשיק האָט אַ פּעטן בויך און ברייטע פּלייצעס, און ער האָט ליב, אַז אַ מענש זאָל זיין אַ גרויסער, אַ געזונטער, און דאָ ליגט נאָך דער ווייסער, שמעקעדיקער שניי, און עס שיינט די זון :

— נו, און שרייבן קענסטו ?

— איך קען !

— איך מיין — ציפער ?

— יאָ !

—און אַז אדרעס אויך ?

לייזער־בער וויל ענטפערן, אַז יאָ, אפילו אַ גאַנצן בריעף קען ער אויך אָנשרייבן, אַ גוטען בריף, נאָר דאָ דערמאָנט ער זיך פּלוצלונג אויף ציפען, אויף זלאָטען, ווי ער פלעגט פאַר זיי שרייבן די בריף זייערע, און ער בלייבט שוין אַזוי פאַר מאַריאַנטשיקן, פון קאָפּ ביז די פיס, אַז מאַריאַנטשיק צעשמייכלט זיך ברייט, צופרידן :

— ווילסט ווערן אַ מענש ? גוט... איך שיק דיך באַלד אין וואַלד אריין ! און קיין גנב ביזטו ניט ?

— ניין !

ביי לייזער־בערן האָט זיך עס ארויסגעריסן, פון האַרצן ארויס, און מאַריאַנטשיקן איז עס געפעלן געוואָרן, זייער. מאַריאַנטשיק האָט אַ גרויסן וואַלד, און איצט, אַז עס איז ארויסגעפאַלן דער שניי, און דער שניי איז אַ זאַמדיקער, אַ טרוקענער, עס וועט זיך שוין שטעלן אַ שליט־וועג און מען וועט שוין קענען ארויספירן די שפּאַלן, דאַרף מען ערשט האָבן אַ מענשן צו דעם אַלטן סטעפּאַנען. סטעפּאַן איז טאַקע אַ וואוילער גוי, דינט געטריי, נאָר ער איז ניט מער ווי אַ גוי.

— קום !

לייזער־בער האט ניט געוואוסט וואס עס וועט איצט זיין מיט אים, צי גוט, צי ניט גוט. נאר אבי אוועק פון דאנען, און ער איז נאכגעגאנגען מאריאנטשיקן, און שפעטער א ווײַלע איז ער שוין געזעסן אין אן איינגעשפאנטן שליטן, און מאריאנטשיק מיט דוואשען זיינען געשטאנען ביים טויער, און האבן אים ארויס־געבאגלייט, ווי אן אייגענעם. דוואשע האט אים וואס געוואלט אנזאגן, א סך אנזאגן, נאר געשטאנען איז זי מיט אן אויסגע־צויגענער האלדז, ווי א דערוואָרגענע, און לייזער־בער האט אריינ־גענומען די לייצעס, און דער שליטן זיינער האט זיך א צי אוועק געגעבן איבערן שניי, אזוי גלייך ווי א סטרונע, און אזוי גרינג ווי א פויגל, וואס שאטנט נאר, רירט ניט אן דעם שניי, נאר שאטנט בלויז.

דער אלטער מאריאנטשיק האט אים נאכגעקוקט, האט זיך מחיה געווען, און דערנאך האט ער זיך אומגעקוקט צו דוואשען, האט זי ערשט איצט דערזעען, און ער האט איר אזש א שטורכע געטאן אין זייט, מיט אן עלנבויגן, דער אלטער, אזוי אויפגעלייגט איז ער געווען:

— האב נאר מיט אים חתונה, דו, א טייערער בחור!

און דוואשען איז אויך געווען גוט, די אויגן אירע האבן גע־גלאנצט מיט טרערן, און זי האט זיך אפן מודה געווען פאר מאריאנטשיקן, פארן באלעבאס:

— אז ער וויל ניט!

# IX.

לייזער־בער האט מורא געהאט פאר א וואלד, פון שטענדיק אן, ווי אלע מענשן, ער האט געמיינט, אז עס איז גאט ווייסט וואס, נאר אט איז ער אין וואלד, און גארניט.

עס איז פינצטער, אין וואלד זעען זיך ניט קיין ביימער, עס הערט זיך ניט דער וואלד, און די פינצטערניש איז א ווייכע, א גלאנציקע, אז עס אטעמט אזש מיטווארעמקייט, נאר ערגעץ

ווייט, דרויסן פון וואלד, גייט שוין אויף דער פארטאג, און עס קלייבן זיך שוין די פורן.

סטעפאן גענעצט־אויף מיט א פולן מויל, שלינגט־איין אין זיך א גרויסע שטיק, א סד, און זאגט:

— גאט, העלף!

לייזער־בער וויל אים עפעס ענטפערן אויף דעם, נאר ער ווייסט ניט וואס. די פורן קלייבן זיך אין וואלד אריין מיט דעם שנייאיקן וועג, וואס ליגט אין דער פינצטער, ווי דער אפ־גלאנץ פון א באהאלטענער לבנה. די לבנה איז ערגעץ ווייט, ניטא קיין לבנה, נאר איר אפשפיגלונג שפרייט זיך ליכטיק, ציט זיך ווי א וועג. די פורען קלייבן זיך פאמעלאך, איינגעהאלטן, זיי ברייגנען מיט זיך דעם פארטאג, און דער פארטאג היינגט איבער זיי ווי א דאך און אז א פויער שטעלט אפ דעם פערד, און קריכט ארויס פון שליטן, שטייט ער א רגע, קוקט ערגעץ, און צלמט זיך איבער. די קלעצער, וואס מען דארף ארויספירן פון וואלד ליגן אויסגעלייגט אין גלייכע קלאפטער, און לייזער־בער ציילט די קלעצער און פארשרייבט וויפיל עס נעמט יעדע פור, און סטעפאן עסקט זיך ארום די פורען, העלפט דעם פויער, העלפט יענעם פויער, און דערנאך שרייט ער ניט, נאר פרעגט ביי לייזער־בערן:

— ריכטיק? פונקט!

די פינצטערניש אין וואלד ווערט שיטערער, שיטערער, און אט שיילט זיך שוין ארויס א בוים, און די ביימער נעמען זיך פאנאנדער, עס ווערט לוידיק צווישן איין בוים און א צווייטן, און צווישן די פאנאנדערגענומענע ביימער שפארט זיך ענג דער אנקומענדיקער טאג, שפארט זיך מיט גרויסע שטיקער. אין וואלד ווערט ליכטיק, גרוי, און די פויערים שרייען שוין אויפן קול, טומלען ווי באפרייטע. זיי לאדן־אן די ברייטע, פאנאנדערגע־פארענע שליטנס, און אט פארן זיי שוין אלע ארויס פון וואלד, ציען אוועק מיטן ברייטן, שנייאיקן וועג, אז עס דוכט זיך, זיי וועלן שוין קיינמאל ניט קומען צוריק, וועלן שוין מער קיין מאל ניט קומען אהער. עס ווערט פוסט אין וואלד, זייער פוסט, און סטעפאן שטייט א ווײלע מיט לײדיקן, דערנאך בייגט ער זיך

אַז אַלט און שווער, נעמט עטלאַכע שטיקלאַך האָלץ און גייט אַריין אין שטוב. לייזער־בער בלייבט איינגאַנצן אַליין, נאָר פון דעם נידעריקן קוימען שפּאַרט באַלד אַרויס אַ רויך, און לייזער־בערן ווערט וואַרים, היימיש.

לייזער־בער ווייסט שוין אַז אַ בוים איז אַ בוים, און אַז עס קלייבן זיך צונויף אַ סךביימער אין איינעם איז עס אַ וואַלד, און מער גאָר ניט. די ביימער זעגט מען אונטער, דערנאָך האַקט מען פון זיי אַראָב די צווייגן, און עס ווערן קלעצער, פּראָסטע קלעצער. נאָר אַ מאָל אַז ער קוקט אַט אַזוי אַ אויף אַ בוים, און דער בוים ציטערט פאַר אים אַ נאַקעטער, אַ לעבעדיקער, פאַר־געסט ער וואָס ער ווייסט, און עס זיינען שוין ניטאָ קיין קלעצער, נאָר ביימער, אַ וואַלד...

ערגעץ ווייט פון דאַנען גיט זיך אַ בראָך אַ צווייג, עס ניט טרוקן אַ קנאַק, און לייזער־בער ציטערט־אויף, קוקט אַ צעטומלטער, און כאַפּט זיך אויף גיך אַריין אין שטוב. ער וויל עפּעס זאָגן סטעפּאַנען, וויל זיך פאַרענטפערן, און אין גאַנצען איז ער דאָ אַ פרעמדער, ער דאַרף דאָ ניט זיין, און סטעפּאַן קוקט אויף אים פון דער זייט, ווייסט אַליץ, און מורמעלט צו זיך אַליין:

— ניש־קשה, וועט געוואוינט ווערן!

סטעפּאַן האָט וואַסערדיקע אויגן, און די אויגן האָבן ניט קיין ברעמען, און ער אַליין האָט ניט קיין באָרד, קיין וואָנסעס, און דער פּנים זיינער איז ביי אים אַ ווייבער, אַ געקנאָטענער, ווי ביי אַן אַלטער גויע. ער איז אַ גוטער, אַ צוגעלאָזענער, נאָר זייער אַ שווייגעדיקער. ער האָט אַליין פיינט רעדן צו יענעם, און האָט פיינט אַז מען זאָל רעדן צו אים. לייזער־בער האָט עס אָפּריער ניט געוואוסט, נאָר סטעפּאַן האָט אים באַלד אָפּגעהאַקט:

— קנאַק ניט מיטן צונג, קריכסט ווי אַ פליג!

ביי טאָג איז אין גאַנצן ניטאָ וואָס צו טאָן, עס איז אַ ליידיקער טאָג, און לייזער־בער האָט ליב אַרומצובלאָנדזשען איבערן וואַלד. ער דערקענט שוין די ביימער, ווי מען דערקענט מענטשן אין גאַס, און ער האָט זיי ליב ווי מענטשן. אָט איז אַ בוים, וואָס איז פּונקט ווי זלאַטע, און אָט איז אַ בוים, וואָס איז פּונקט ווי מאַירקע, און אָט איז ווי יאַסקע. לייזער־בערן ווערט גוט פון דעם, זייער גוט, אַז

ער זאָגט עס אַזש הויך אויפֿן קול, שרייט: — זלאַטע! יאַסקע! און אַט איז אַ בוים אַ זייטיקער, וואָס איז פּונקט ווי ציפּע. נאָר דאָס זאָגט ער שוין ניט, רופֿט ניט, דאָס טראָגט ער שוין נאָר ביי זיך אין די געדאַנקען, אין דער נשמה.

עס ווערט אים ניט אומעטיק, ניין, ער שפּאַרט זיך אָן צו אַ בוים, שטייט, און דאָס גאַנצע לעבן זיינס, וואָלט ער, דוכט זיך, אוועקגעגעבן, ווען ציפּע וואָלט נאָר איצט געקענט זיין מיט אים, אַט־אַ־דאָ־אַ. זאָל זי נאָר צוגיין, אַוועקשטעלן זיך, און מער גאָר־ניט. ער וועט זי ניט אָנרירן, ער וועט אפילו ניט ריידען צו איר, זאָל זי נאָר שטיין דאָ אַ מינוטקעלע, און דערנאָך קען זי שוין אוועקגיין, אויף שטענדיק, אויף אַלעמאָל.

לייזער־בער שטייט אָנגעשפּאַרט צו אַ בוים, און דער בוים גיט אַ ציטער, און לייזער־בערן ווייזט זיך אויס, אַז דאָס ציטערט ער אַליין, זיין לייב.

צו מאַריאַנטשיקן שרייבט ער אָפטע בריף, יעדן טאָג כמעט, ניט אים אָפּ אַ חשבון, אַ רעכענונג, נאָר אַז עס איז אויך דאָ אויף דער וועלט אַ דוואָשע, דאָס האָט ער עפּעס אין גאַנצן פאַרגעסן, פֿון זינט ער איז אין וואַלד. און די בריף, וואָס ער שרייבט צו מאַריאַנטשיקן, זיינען אויך גאָר קיין בריף ניט, נאָר פּונקט ווי ער ציילט די קלעצער...

## X.

אין אויוון פּלאַטערט, ציטערט אַ דינער פייער, ווי אַ לעבעדיק בלוט אַזאַ וואָלט געשפּראַצט מיט אימפּעט, און סטעפּאַן זיצט ביים אויוון און באַקט זיך די באָרוועסע פיס.

לייזער־בער טשעפּעט אים ניט, זאָגט צו אים גאָרניט, נאָר סטעפּאַן איז היינט ניט אַזאַ ווי אַלעמאָל, עס איז אים אומעטיק, און ער רעדט אַליין צו לייזער־בערן, אַז מיט דער וועלט איז שטענדיק אַזוי: דער וואָס לעבט אין וואַלד האָט מורא פאַר דער שטאָט, עס יאָגן דאָרט אַרום מענטשן, ווי משוגעים — וואָס יאָגן

— וואלד האט מורא פארן שטאט און לעבט אין שטאט! און דער וואס זיי
איז וואלד זעט מען נאר זיך אליין, און אז מען זעט נאר זיך, איז
קיינער ניטא. דער מענטש מיינט אבער, אז ער מוז אלץ וויסן,
מוז אלץ פארשטיין, און אז ער ווייסט נים, פארשטייט נים,
שרעקט ער זיך און שרייט. וואס שרייט ער? נאר ער איז נים
שולדיק, דער מענטש, יא, נים שולדיק, עס זיצט אין אים א קליפה
אזא און לאזט אים נים איינרוען. א פאסקודנע זאך א מענטש!
אט איך און דו, הא? נאר פונדעסטוועגן דארף מען אונז זשאַ־
לעווען, מען דארף!

לייזער־בער גייט צו, זעצט זיך אנידער נעבן סטעפאנען, און
זיי זיצן דערנאך ביידע, קוקן אויפן פייער, און שווייגן ביידע.
סטעפאן איז היינט דעם גאנצן טאג געווען א מאדנער, זייער א
מאדנער. ער איז אומגעגאנגען איבערן וואלד, האט געשמעקט
ווי א חיה, מיט ציטעריקע נאז־לעכער, מיט אן אפענעם מויל, מיט
דעם גאנצן לייב זיינעם, און האט איטלאכע ווײַלע געזאגט צו
לייזער־בערן:

— הערסט? א ווינט... הערסט?

אין וואלד איז געווען שטיל, זייער שטיל, אזש פוסט, נאר
דרויסן פונם וואלד האט טאקע געריסן א ווינט, האט געריסן די
איבערגעבליבענע, פארגעסענע בוימער, — די בוימער זיינען גע־
לאפן צום וואלד, נאר זיי זיינען עפעס נים דערלאפן, זיינען גע־
בליבן שטעקן אין מיטן. דער ווינט רייסט די בוימער, און די
בוימער וואיען און פארגייען זיך, ווי חיות אזוינע...

סטעפאן איז אריין אין שטוב, האט פארהאקט נאך זיך די
טיר, מיט כעס, מיט א קללה, נאר באלד האט ער זיך גענומען
צעליינגן דעם פייער אין אויוון, אזוי ווי אלעמאל, ווי יעדן אוונט.

—גזלנים... האסט אמאל געזען א גזלן? מענטשן נארן זיך,
אז גזלנים לעבן אין וואלד. א פויער קען אמאל א כאפ־טאן א
שייטל האלץ — און איבערן קאפ, איבערן מוח, און פארטיק, דער־
הרגט א מענשן! אבער גזלנים? ניטא קיין גזלנים, ניטא!

סטעפאן זיצט א צונויפגעדרייטער ווי א בייגל, און דאס
פייער פון אויוון ברענט אים טאקע די פיס זיינע, אויף צו דער
אמתן, ביז ווייטיק, און סטעפאן רעדט הייזעריק, פארשטיקט:

— אז איך אליין בין נאר דער גזלן, און דו ביזט אויך א גזלן, אט וואס! און געדיינק וואס איך זאג דיר: א בוים וועט דיך ניט דערהרגענען, א וואלד וועט דיך ניט דערהרגענען, אבער א מענטש יא, א מענטש קען!

דאס פייער אין אויוון פלאקערט-אויף מיט א קנאק, עס צעשיסן זיך פונקען, און דערנאך ציטערט שוין ווידער איין לאנגער צונג פייער, פלאטערט ווייך און געטריי, וויל זיך צוטוליען, גלעטן, און זיי זיצן ביידע ביים פייער, שווייגן ביידע, און דרויסן, איבערן וואלד, טראגט זיך נאך אלץ ארום דאס וואיען פון די ביימער. ווי פון א געבאפטער, געטריבענער סטאדע. סטעפאן האט ניט ליב, אז עס וואיען בוימער, ער וואיעט יעמאלט אליין ווי א פארסמטער, און עס איז אים איצט גוט פון דעם, וואס ער האט לעבן זיך לייזער־בערן. און לייזער־בערן ארט ניט די ביימער, עס ארט אים ניט דער וואלד, נאר סטעפאן אליין האלט אים איצט אין דער מורא, ווי דאס בלייענע ליכט פון דער לבנה, אשטייגער, וואס גיסט זיך אויף א פוסט פעלד, ווייט פון מענטשן, ווייט פון אלץ.

סטעפאן ציט זיך אוים ביים אויוון, מאכט צו די אויגן און לייזער־בער גייט צו זיין געלעגער, ציט זיך דארט אוים, און מאכט אויך צו די אויגן. דאס פייער אין אויוון לעשט זיך, לעשט זיך, ווערט אינגאנצן פארלאשן, און סטעפאן קען ניט איינשלאפן, קען ניט איינרוען, און ער גיט זיך א הויב־אונטער אויף די עלנבויגנס, ווי פון א שטאך אין הארצן:

— הערסט ?

לייזער־בער ענטפערט אים גארניט, שווייגט, און סטעפאן הערט זיך צו — — —

## XI.

סטעפאן ווייסט שוין אז לייזער־בער האט געהאט א מאל א זלאטעו, א יאסקען, א שמואלן און א ציפען. לייזער־בער האט עס אים אליין דערציילט, דערציילט און גערעדט. אך, ווי גערעדט!

לייזער־בער האָט זיך דערנאָך אַליין געוואונדערט, ווי אַזוי עס קומט צו אים, אַ רעדן אַזאַ, און סטעפאַן האָט אים געוואָלט זאָגן, אַז ער זאָל פאַרגעסן אויף ציפען, פאַרגעסן! אַ נקבה איז גרינג אויף די פיס, און אַז זי גייט אַוועק, קומט זי שוין ניט צוריק. פאַרפאַלן! זי וויל אפשר קומען, נאָר זי ווייסט ניט דעם וועג. די טריט אירע זיינען הינערשע, ציפ־ציפ, אויבן־אויף, און זיי ווישן זיך גלייך אָפּ נאָך איר, די טריט אירע, טאָ וואוהין זאָל זי גיין, אַז עס זיינען ניטאָ קיין סימנים? ניטאָ?!

נאָר ער האָט עס אים ניט געזאָגט, און לייזער־בער האָט לאַנג גערעדט, האָט זיך געוואָרפן, האָט זיך געצאַפּלט, ווי אַ יונגער בוים, וואָס וואַקסט גלייך און שיין, און סטעפאַן האָט געקוקט אויף אים מיט פרייד:

— אַ יונג פערדל, האָט נאָך ווייכע ציין אין מויל, זאָל ער!

סטעפאַן האָט זיך שטאַרק צוגעבונדן צו לייזער־בערן, אַז ער האָט אַפילו ליב געהאַט, אַז לייזער־בער זאָל רעדן צו אים, ער האָט אים איינגאַנצן ליב געהאַט, און לייזער־בער האָט געמיינט, אַז ער וועט שוין שטענדיק זיין אין וואַלד, מיט סטעפאַנען, נאָר עפּעס גאָר פּלוצלונג זיינען אָפּגעפאַלן די פרעסט, איבער אַ נאַכט, און אויפן ברייטן שנייאיקן וועג וואָס פירט אין וואַלד אַריין, האָבן זיך באַלד באַוויזן שוואַרצע, אויסגעגעסענע שטיקער ערד, וואָס האָבן זיך בלאַטיק־פעט געגלאַנצט אויף דער זון.

סטעפאַן איז אומגעגאַנגען אַ ברוגזדיקער, ניט פון כעס צו לייזער־בערן, נאָר פון ליבע צו אים, און ווען עס איז צום סוף אָנגעקומען דער לעצטער טאָג, און לייזער־בער האָט שוין גע־דאַרפט אַוועקפאָרן אין שטאָט אַריין, האָט סטעפאַן אַליין פאַר אים איינגעשפּאַנט דעם פערד, האָט זיך געריבן ביים וואָגן, נאָר לייזער־בער איז געשטאַנען, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף עפּעס, געוואַרט, און סטעפאַן האָט אים טאַקע באַלד אַרומגענומען, און האָט אים שטאַרק צוגעדריקט צו זיך:

— וועסט קומען איבער אַ יאָר, מיט גאָטס הילף, וועסט קומען?

סטעפאַן האָט זיך געצאַפּלט, האָט געפּלאַטערט, אַן אַלטער, זייער אַן אַלטער, און אין גאַנצן אַ פאַרלאָזטער אויף דער וועלט.

און ווי א קינד האט ער זיך געקלאמערט, מיט די הענט, מיט די פיס, האט ניט געוואלט די הארטע פוסטקייט, וואס איז פלוצלונג ארויסגעוואקסן ארום אים, און לייזער־בער איז אריינגעקראכן אין וואגן מיט גרויסע פיס, מיט איבעריקע הענט, האט אריינגענומען די לייצעס, און דער וואגן האט זיך שווער און בלאטיק א ריר געטאן פון ארט.

סטעפאן האט אים נאכגעשריען, ווייך אזוי, מיט די ליפן, מיט דער נשמה, און לייזער־בער האט זיך אומגעקוקט, נאר דער וואלד איז שוין געשטאנען אן איינגעשלאפענער, א פארשלאפענער, און מען האט קיינעם ניט געזען. לייזער־בערן האט פארקלעמט ביים הארצן, אז ער האט שוין געוואלט פארקירעווען אויף צוריק, אין וואלד אריין, צו סטעפאנען, נאר ער האט געוואוסט, אז ער קען דאס ניט, און ער האט א כאפ געטאן די לייצעס, אז דער פערד, א שווערער, א וואלאווער, האט זיך פארהאלטן א רגע, האט זיך אומגעקוקט, און איז זיך ווייטער אוועק אזוי ווי פריער.

לייזער־בער האט צוריק אפגעלאזט די לייצעס, און ער איז לאנג אזוי געפארן, זייער לאנג, און ווען ער איז אנגעקומען אין שטאט אריין האט זיך שוין געקליבן דער פארנאכט, א בלויער און מיט א סך שטערן אויפן הימל. די שטערן זיינען געווען אנגעווארפן אין באזונדערע קופקעלאך, דא א קופקעלע און דארט א קופקעלע, און לייזער־בער האט געקוקט אין הימל און האט זיך שיעור ניט פאנאנדערגעוויינט. ער האט ניט געוואוסט וואס עס וועט איצט זיין מיט אים, וואס מען וועט מיט אים טאן, נאר דער אלטער מאריאנטשיק האט שוין געווארט אויף אים, און אז ער האט אים דערזען, איז ער אים אזש געגאנגען אנטקעגן, מיט אן אויסגעשטרעקטער האנט:

— פיין, לייזער־בער, זייער פיין, ביזט ווערט א נאגראדע!

מאריאנטשיק האט גארניט געוואוסט וואס צו טאן מיט אים, און לייזער־בער איז געשטאנען פאר מאריאנטשיקן אן אויסגעצערנטער ווי א סאלדאט, און מיט צוויי גלאמפישע אויגן.

— קום אהער, לייזער־בער, אט א דא, קום, נו?!

ארום מאריאנטשיקן איז אלץ געווען פריילאך, רעשיק, נאר לייזער־בער האט זיך ניט גערירט פון ארט, און מאריאנטשיק האט

גענומען אין מיטן דרינען, און האט זיך ברייט פאנאנדערגעזעצט ביים טיש, מיט א ברייטן געלעכטער אויפן פנים. ער האט עפעס געוואלט זאגן לייזער־בערן, טאן אים גוטס, ווי עס קומט אים, ווי ער האט פארדינט, נאר ער האט זיך גאר פארטראכט. דער אלטער, קוקנדיק אויף לייזער־בערן, איז געווארן א פארטראגענער, ווי מען דערמאנט זיך, א שטייגער, אויף אן אלטן ניגון פון אמאל־אמאל, מיט א סך יארן צוריק. דער נגון האט זיך געגאסן אין אים מילד און שמעקעדיק, ווי אן אלטער וויין, און מאריאנטשיק האט זיך באלד אויפגעהויבן אט אזא א, א פארשיכורטער פון זיך אליין, איז צוגעגאנגען צו דער בראנד־שאפע, און האט פון דארט ארויסגענומען איין צען־רובלדיקן, און א צווייטן און א דריטן און א פערטן, און נאך און נאך.

—צען! צוואנציק! דרייסיק! פערציק! — — — — — — —

— — —אכציק! — — — — —!

— — — אכציק! — — — !

ער האט ניט געציילט קיין געלט, ער האט גערופן די צען־רובלדיקע, האט זיי אויסגערופן ווי מען רופט אוים קינדער ביי די נעמען, ווען מען טיילט זיי מתנות, און לייזער־בער איז געשטאנען דערביי, איז געווען ווי אין א חלום, און פון מאריאנטשיקן האט זיך אזש אריבערגעגאסן, די איינגענע נשמה זיינע, און ער האט א כאפ געטאן פון וואנט א גארניטור, כמעט נאך גאר א נייעם:

— נא, לייזער־בער, און פארניץ געזונטער־הייט, ביזט ווערט!

לייזער־בער האט געהאלטן דעם גארניטור אין איין האנט און דאס געלט אין דער צווייטער, האט געזאגט א דאנק, וואס ער אליין האט עס דערהערט פון דער ווייט, ווי א ווייטן אפקלאנג, און א צוטומלטער, אז ער האט ניט געוואוסט וואס מיט אים איז, וואס עס קומט מיט אים פאר, האט ער זיך געלאזט גיין צו דער קיך. און אין קיך האט געווארט אויף אים דוואשע די גאנצע צייט, אד, ווי זי האט געווארט, נאר אז זי האט אים דערזען, איז זי ניט אויפ־געשפרונגען פון ארט, איז אים ניט געלאפן אנטקעגן. זי איז גע־בליבן זיצן דארט, אוואו זי איז געזעסן, און אז זי האט, מיט א זיפץ, אראפגעלאזט דעם קאפ, האט זי דערפילט א צעשוואומענעם ווייטיק איבערן גאנצן האלז און נאקן.

און לייזער־בער האָט דערווייל אַריבערגעטראָגן דעם שוועל, און עס איז אים אַזוי שווער געווען צו האַלטן דעם גאַרניטור און דאָס געלט, און געהאַלטן האָט ער עס נאָך, אַט די ביידע זאַכן, אַזוי ווי מאַריאַנטשיק האָט זיי אים געגעבן, אַריינגעשפּאַרט אין די הענט אַרייַן, און ער האָט געזוכט אַן אָרט וואו צו אַוועקצו־לייגן. אין קיך איז געווען שטיל, און דוואָשע האָט צוריק אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט אַ קוק געטאָן צו לייזער־בערן, האָט זיך איינגעגאַנצן אַ צי געטאָן צו אים, און לייזער־בער, אַז ער האָט זי דערזען , האָט ער זיך אַזוי דערפרייט מיט אַ מאָל, האָט זיך אַזוי מחיה געווען, אַז ער האָט שוין אַ נעם געטאָן די זאַכן מיט לעבעדיקע פינגער, דעם גאַרניטור און דאָס געלט, און איז מיט דעם צוגעגאַנגען צו דוואָשען:

— זעסט?

זי האָט אים עפּעס געוואָלט זאָגן, האָט אים עפּעס געוואָלט אויסריידן, נאָר ער האָט זיך שוין צוגעזעצט לעבן איר, ווי צו אַ נאָענטער, אַ שטאַרק נאָענטער, און האָט איר אַלץ דערציילט, אַלץ!

ער האָט גערעדט אַזוי ווי עס גיסט זיך אַ וואַסער, ווי עס שטייט געשריבן אין אַ בריוו, און זי האָט אים געהערט די גאַנצע צייט, און האָט די גאַנצע צייט געמורמלט צו זיך אַליין:

— אַ דאַנק דעם אויבערשטן, געלויבט איז דער אויבערשטער, אַ דאַנק דעם אויבערשטן...

דערנאָך האָט זי פאַרשפּרייט פאַר אים אַ ברעג טיש מיט אַ צונויפגעלייגטן האַנטוך, האָט אים דערלאַנגט וואָס צו עסן און וואָס צו טרינקען, און אַליין איז זי דערביי געבליבן שטיין אַן אַ זייט, האָט געקוקט אויף אים ווי ער עסט, און האָט געשעפּט פון אים נחת. זי איז זיך עפּעס פאַרגעקומען ווי אַ יונגע באַלאַבאַסטע, און ער, לייזער־בער, איז איר מאַן, וואָס איז אָקאָרשט געקומען פון אַ וווייטן יריד. זי האָט זיך געבענטשט מיט אים, האָט אים געזשאַ־לעוועט, און לייזער־בער האָט אויפגעגעסן און אויסגעטרונקען אַלץ, וואָס זי האָט אים דערלאַנגט, געגעבן, און דוואָשע האָט שטיל אַ זיפץ געטאָן, און מיט אַ שטילן זיפץ האָט זי אים דערנאָך אויס־געבעט אויף דער קאַנאַפּע אין קעמערל, און אַ געטרייע, מיטן

גאנצן הארצן, האט זי אים דערביי אוועקגעגעבן איר אייגענעם קישן פון צוקאפנס.

לייזער־בער האט זיך אויסגעצויגן אויף די ספרוזשינעס, א זאטער פון קאפ ביז די פיס, ווי א גראף, ווי אן אמתער גראף, און דוואשע האט זיך נאך לאנג ארומגעדרייט איבער דער קיך. זי האט צוגענומען פון טיש, האט צעוואשן די געפעס נאך זיין עסן, און געטאן האט זי עס ניט ווי דאס טוט א דינסט. און דערנאך האט זי פארלאשן דעם לאמפ, און האט זיך אויסגעטאן — אין דער פינצטער:

— שלאפסט שוין?

נאר זי האט ניט דערקענט איר קול, און זי האט געוואלט נאך עפעס זאגן, און געגאנגען איז זי צו אים מיט בארוועסע טריט, וואס מען כאפט זיי גלייך צו אויף צוריק, פון קאלטקייט, פון פריש־קייט, און אז זי איז צוגעגאנגען, האט זי זיך שטיל אויסגעצויגן לעבן אים, פונקט אזוי שטיל, ווי ער אליין איז געלעגן. עס איז געווען מאדנע, ניי, און דוואשע האט ניט געוואוסט, וואס דאס איז פאר אזוינס, זי האט נאר געוואוסט, אז עס איז מאדנע, אי מיט איר, אי מיט אים, און מיט א קאפ ווי אין א שלאפקייט האט זי זיך אונטערגעהויבן און האט זיך צוגעדעקט די פיס מיט דער נאקעטער העמד, וואס האט געציטערט אויף איר, געפלאטערט, אז עס האט אזש ווי געטאן, דאס לייב, די הויט.

און לייזער־בערן איז גוט געווען אויף דער נשמה, זייער גוט, און ער האט אויסגעצויגן צו איר א האנט, און האט זי א גלעט געטאן, דוואשען, האט איר געזאגט א ליב ווארט.

## XII.

דוואשע איז באלד נאכדעם איינגעשלאפן א זאטע אזא, איבער דער ברייטער, צעשפרייטער קאנאפע, און לייזער־בער איז געלעגן אויפן ברעג, א גלייכער, אן אויסגעצויגענער, און ער האט זיך שטארק אנגעהאלטן, אז ער זאל אינגאנצן ניט אראפפאלן. טיף

אין אים האט וואס געוויינט, ווי פון א וואלד ארויס, און ער איז ניט געווען אין כעס אויף דוואשען, ער האט זי אפילו ניט פיינט געהאט, ער האט נאר געוואוסט, אז איצט מעג ער שוין נעמען דעם גארניטור און די הונדערט רובל, און מעג עס ארויסווארפן אין דרויסן, אויפן גאס.

— איא, דוואשע?

ער האט זי געוואלט אויפוועקן פון שלאף, און אוועקזעצן זיך מיט איר, און דערציילן איר אלע זיינע צרות, נאר דוואשעס א קני איז שווער געלעגן ביי אים אויפן בויך, און ער האט אנגערירט די קני, האט עס א גלעט געטאן מיט א פינגער, ווי מען גלעט-צו אן אייגענעם געשוויר, און דוואשע האט ברייט געעפנט די אויגן.

זי האט זיך ניט א כאפ געטאן, האט זיך ניט ארומגעקוקט, זי האט אלץ געוואוסט, מיט יעדן ביינדל אין איר לייב, און אירע אויגן האבן זיך באגעגנט מיט זיינע, און זי האט דאך געזען, אז אים איז גוט — טא זאל ער נאר זיין א מענטש, וועט אים שטענדיק זיין אזוי ווי איצט, און נאך בעסער.

דערנאך האט זי זיך אויפגעזעצט, א פולע, אן אנגעגאסענע, ווי א פאס, און האט זיך זיס פאנאנדערגעגענעצט מיט אלע אירע אברים:

— שוין שפעט?

לייזער־בער האט איר גאר ניט געענטפערט, ער האט געשוויגן, אך, ווי ער האט געשוויגן, און דוואשע איז אראפ פון קאנאפע, איז אריין אין קיך, און לייזער־בער האט געהערט ווי זי האט זיך דארט אריינגעלייגט אין בעט, האט צוגעמאכט די אויגן און איז איינגעשלאפן.

אויף דער קאנאפע, נאך איר אוועקגיין, איז געווארן פוסט, ליידיק, נאר לייזער־בער איז נאך אלץ געלעגן אויפן ברעג, האט ניט אנגערירט די פוסטקייט, און אין מוח ביי אים האבן זיך אזוי געמישט אלערליי זאכן, אז אט האט ער זיך געוואלט א ריס־טאן און לויפן און ברעכן און שטעכן, און אט איז אים מיטאמאל אזוי גוט געווארן פון דעם, וואס עס איז קיינער ניטא, וואס ער איז אליין.

עס איז געווען שטיל, גוט שטיל, דוואשע איז געשלאפן, און אלע זיינען געשלאפן און לייזער־בערן האט גאר ניט געארט, א קאפ

אויך ניט, און אט אזוי א, גלאט אזוי זיך, האט ער באלד אויס־געצויגן א האנט און האט אנגעטאפט דעם גארניטור. ער האט זיך ניט געהיט, האט זיך ניט געגנבעט, ער האט געפילט ביי זיך אין בוזים־קעשענע די הונדערט רובל, און ער איז שוין געווען אין קיך, איז געגאנגען צו דער דרויסנדיקער טיר, און דא האט דוואשע עפעס דערהערט אין איר שלאף, און זי האט זיך א כאפ געטאן:

— ווער איז? לייזער־בער?

ער האט זיך אפגעשטעלט, האט שטארק געהאלטן דעם גאר־ניטור, מיט ביידע הענט, ווי ער וואלט זיך געריכט אויף עפעס, און דוואשע האט זיך אויפגעזעצט, האט געקוקט צו אים, און אירע אויגן האבן געביסן זיין לייב, ווי ציינער:

—פארוואס שלאפסטו ניט?

זי האט געווארט א רגע, איז אראפ פון בעט, איז צוגעגאנגען צו אים, און אז זי איז צוגעגאנגען און ער האט זי דערזען לעבן זיך, נאענט, זייער נאענט, האט ער זיך אזש א צאפל געטאן, נאר באלד דערנאך האט ער איר רואיק און שטיל געזאגט:

— טשעפע זיך אפ פון מיר.

דוואשע האט ניט פארשטאנען וואס ער וויל, וואס ער מיינט, און לייזער־בער האט זי איבערגעלאזט אינמיטן און איז ארוים פון שטוב.

## XIII.

לייזער־בער האט שוין די נאכט גענעכטיקט אין שיינק, און דוואשע איז די נאכט געלעגן מיט אפענע אויגן, האט אים ליב געהאט, לייזער־בערן, מיט איר גאנצער נשמה, און האט אים גע־שאלטן מיט טויטע קללות.

און לייזער־בער, אז ער איז געקומען אין שיינק, האט ער בא־צאלט וויפיל מען האט געבעטן, און דער שיינקער האט אים ארייג־געפירט אין א זייטיקן חדר. דער חדר איז געווען פון קורצע

ווענט, האט געהאט א גרויסע, א צעשוואומענע בעט. און אין א ווינקל האט זיך רחמנותדיק געטוליעט א קליין טישל. דער שיינקער האט עפעס א בורטשע געטאן, דאס האט ער געזאגט הפנים די גוטע נאכט אזוי, און לייזער־בער איז געבליבן אליין. נאר באלד, נאך איידער וואס ווען, האט ווידער א סקריפע געטאן די טיר און עס איז אריינגעקומען די שיקסע. לייזער־בער קען די שיקסע, ווייסט ווער זי איז, זי דערלאנגט דארט אין שיינק די גלעזלאך בראנפן צום טיש, און ער האט זיך איצט אזוי דערפרייט מיט איר, אליין ניט ווייסנדיק פארוואס, און די שיקסע האט אים געוויזן אירע ווייסע געזונטע ציין:

— רייך געווארן? א פריץ א גאנצער?!

לייזער־בער האט זיך פארשעמט, האט אראפגעלאזט די אויגן, און האט איר געזאגט דעם אמת:

— יא!

די שיקסע האט א לאך געטאן, און ער איז געשטאנען פאר איר, האט געביטן א פוס אויף א פוס, אז זי האט אים שוין געוואלט א גלעט געטאן, אמתדיק, פון דער נשמה ארויס, און זי האט אליין ניט געוואוסט, אז זי ווערט א שטילע, א הארציקע:

— דו ביזט נאך א נאר.

זי האט זיך ניט געריכט אויף דעם, אליין אויף זיך, און זי האט נאך צונעליינגט, נאך שטילער, און נאך הארציקער:

— א רחמנות אויף דיר!

די שיקסע האט ווארעמע ארעמס, ווארעמע און ווי סאמעט, און אז זי האט מיט אירע ארעמס ארומגענומען זיין האלדז האט ער דערפילט אז ער וויינט. עס איז געווען גוט, די גוטסקייט האט געפלאטערט אין אים, ווי א פיינעלע אזא, און זיי זיינען ביידע געשטאנען א ווײַלע אט אזוי, ביידע גלייך, און די שיקסע האט זיך דערנאך צוגעזעצט אויף דער בעט און האט אומעטיק און פאר־דראסיק אויסגעשטרעקט צו אים א האנט:

— גיב צוויי רובל!

לייזער־בער האט זיך א כאפ געטאן צו די קעשענעס, ער האט נאר פארגעסן אויף דער רגע אוואו ער האלט דאס געלט, און די שיקסע האט זיך שוין דערווייל אוועקגעליינט, ווי לאנג זי

איז, ווי גרויס זי איז, האָט צוגעמאַכט די אויגן, און די האַנט אירע, אַן אויסגעצויגענע צו אים האָט געשטעקט אין דער לופטן, פון דער בעט אַרויס.

לייזער־בער האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט, האָט דערזען וואָס דאָ איז, און ווי אימיצער, ווי אַלע אינאיינעם, וואָלטן אים מיט־אַמאָל אָנגעשפּיגן אַ פולן פּנים. די שיקסע איז געלעגן מיט אָפּ־געדעקטע פּיס, מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט צו אים, און ער האָט געקוקט, און טיף פון אים, פון זיין יעדן אבר באַזונדער, האָט זיך שוין געשטופּט אַ כעס, ווי גריסענע שטיקער פלייש פון זיין לייב:

— אַט... איך פלעט דיר באַלד דעם מוח... באַלד!

די שיקסע האָט געעפנט די אויגן, האָט געוואַרט, אַז ער זאָל צו איר צוגיין, נאָר ער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט, און זי איז צוגעגאַנגען צו אים. זי האָט שוין געזען, אַז ער מיינט ניט דאָס, און זי האָט געוואַרט וואָס עס וועט זיין, האָט אים אַזש געוואָלט אַ גלעט טאָן, און ער האָט אויפגעהויבן אַ האַנט און האָט איר אַראָפּ־געלאָזט אַ זעץ. זי האָט אים אַפּריער אָנגעקוקט, דערנאָך האָט זי אים אַ נעם געטאָן אין אירע הענט, האָט אים אַ טרייסל געטאָן, און ווי אַ שטאַרקערע, אַ גרעסערע, האָט זי אים צוגעפירט צו דער בעט, און האָט אים געהייסן:

— לייג זיך!

ער האָט געפאָלגט, האָט זיך אַוועקגעלייגט, און זי איז גע־שטאַנען איבער אים. ער האָט פון איר אָפּגעקערט דעם קאָפּ, האָט אַרויסגעלאָזט אַ זיפץ, און זי האָט זיך אָנגעבויגן, האָט אים אַ קוש געטאָן, און אויף איר פּנים האָט געשיינט אַ שמייכל, ווי זי וואָלט אימיצן פאַרוויגט:

— שלאָף!

# XIV.

און לייזער־בער איז רואיק געשלאָפן, די גאַנצע נאַכט, אַזוי ווי מען האָט אים געהייסן, און אויף מאָרגן, אַז ער האָט געעפנט די אויגן, האָט ער מיט אַ האַנט פאַנאַנדערגענומען דעם שווערן פאָרהאַנג, וואָס האָט פאַרשטעלט דעם פענצטער, און האָט אַרויס־געקוקט אין דרויסן. דער פרימאָרגן אין דרויסן איז געווען אַ בלייכער, אַ שטויביקער, און אויפן גאַס איז קיינער ניט געווען. וואו־ניט־וואו האָט זיך פון אַ קוימען געשלייגלט אַ שוואַרצער רויך, און מער גאָרניט.

לייזער־בער האָט אָנגעטאָן מאַריאַנטשיקס גאַרניטור, האָט איבערגעציילט די הונדערט רובל, האָט זיי באַהאַלטן אין דער נייער בוזים־קעשענע און איז אַריין אין שיינק. עס איז געווען פרי, פאַר־טאָג, און די שיקסע איז אַליין געווען אין שיינק, און זי איז גע־שטאַנען מיט צעשפּרייטע פיס, מיט צעשפּרייטע הענט, און האָט געוואַשן דעם לאַנגן טיש. די הענט אירע זיינען געווען נאַקעטע, און די פיס זיינען אויך געווען נאַקעט, און עס האָט זיך געדוכט, אַז זי שטייט אי אויף די הענט, אי אויף די פיס.

די שיקסע האָט אים ניט געזען, ווי אַזוי ער איז אַריין אין שיינק, און זי האָט זיך ווייטער געזונגען, שטיל און צו זיך אַליין, פאַר זיך אַליין:

ווילסט איך זאָל דיין כלה ווערן?
פאַרדריי מיר ניט מיין קאָפּ,
און טשעפּע ניט דעם טאָפּ.
עס קאָכט זיך דאָרט מיין מזל,
ביטער ווי אַ קלעק,
גיי פון מיר אַוועק!

לייזער־בער האָט געמאַכט אַ טראָט, און די שיקסע האָט זיך צו אים אומגעקוקט, נאָר זי האָט זיך ניט אַ כאַפּ געטאָן, גאָרניט, זי האָט נאָר געפרעגט:

— אַ טשייניק טיי?

לייזער־בער האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ ברעג באַנק, און די

שיקסע האָט אוועקגעשטעלט פאַר אים אַ קאַכיקן טשייניק און אַ רייניע גלאָז.

—נו, פאַרוואָס טרינקסטו ניט?

זי האָט אַליין פאַר אים אָנגעגאָסן די ערשטע גלאָז, און לייזער־בער איז געזעסן ווי אַ געבונדענער, ווי אַ געפּענטעטער. ער האָט זי נעכטן געשלאָגן, פאַר גאָרניט, פאַר אומזיסט, האָט איר אַראָפּ־געלאָזט אַ זעץ — פאַרוואָס? נאָר זי האָט אים איבערגעשלאָגן אינמיטן:

— ניש־קשה, מיך אַרט ניט, דו ביזט אַ גוטער, איך זע נאָך דיר נאָך!

די שיקסע האָט דערנאָך ווייטער געוואַשן דעם טיש, און לייזער־בער האָט געטרונקען די טיי, און נאָכן טרינקען האָט ער באַצאָלט וויפיל עס האָט געקומען, און באַצאָלנדיק האָט ער זיך פּלוצלונג דערמאָנט, אַז נעכטן האָט זי ביי אים געבעטן צוויי רובל.

— איאַ געבעטן?

— וואָס געבעטן?

לייזער־בער האָט זי אָנגעקוקט מיט צוויי פאַרטראַכטע אויגן, און אַ פאַרטראַכטער האָט ער אוועקגעלייגט פאַר איר, מיט אַ פולן הויפן, פיר האַלבע זילבערנע רובלס. ער האָט איר דערביי געקוקט גלייך אין פּנים אַריין, און זי האָט ניט פאַרשטאַנען און האָט גע־פרעגט:

—וואָס ווילסטו?

—גאָרניט.

— פאַר אומזיסט?

— פאַר אומזיסט!

ביי די שיקסע האָבן זיך גענומען וואַסערן די אויגן, און מיטביידע הענט האָט זי זיך אַזש אַ כאַפּ געטאָן רייבן די שטייפע, גע־זונטע ברוסטן אירע, און עס האָט געדויערט אַ לאַנגע מינוט ביז וואַנען זי האָט געקענט זאָגן, אויסקלאַפּן מיט די ציין:

— איך האָב געוואוסט... איך האָב געטראָפן!

ער איז אַ וואוילער, זייער אַ וואוילער, און עס איז איר אַזוי גוט פון דעם, וואָס זי האָט אויף אים רחמנות געהאַט, אויף וואוילע דאַרף מען שטענדיק רחמנות האָבן.

די שיקסע האָט צוגענומען די צוויי רובל, און לייזער־בער איז אַרויס פֿון שיינק, אַ פֿריילאַכער, אַ גליקלאַכער. אויפֿן מאַרק זיינען נאָך געווען וויניק פּורן, עס איז געווען לײדיק, צעשוואומען, און לייזער־בער האָט אַוועקגעשפּאַנט אַהין און אַהער, דאָרט און צוריק, אַט ווי אַן אַמתער באַלאַבאָס, פֿון דעם גאַנצן מאַרק. און אַט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און האָט אויף זיך אַ קוק געטאָן, אַליין אויף זיך. דער גאַרניטור מאַריאַנטשיקס איז אויף אים געווען אַביסל צו לאַנג און אַ ביסל צו ברייט, און לייזער־בער האָט זיך געפֿרייט ווי אַ קינד, וואָס טוט אויף זיך אַן קליידער פֿון אַ גרויסן. ער האָט זיך נאָך טיפֿער פֿאַרבאַהאַלטן אין דעם לאַנגן און ברייטן גאַרניטור, האָט ווידער אַוועקגעשפּאַנט איבערן מאַרק, און דער מאַרק האָט זיך שוין דערווייל געשטעלט אַלץ גרעסער, אַלץ געדיכטער. עס זיינען אָנגעפֿאָרן פּורן, אַ סך פּורן, און מענטשן האָבן געשריען, געליאַרעמט, און באַלד איז שוין דער גאַנצער מאַרק געוואָרן אַזוי, ווי אַרומגע־נומען מיט אייזערנע רייפֿן.

לייזער־בער האָט זיך געריבן צווישן די פּורן, האָט זיך געשטופּט צווישן די מענטשן, און ער האָט זיך שטאַרק צוגעקוקט צו אַלץ, ביז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ניט ווייט פֿון דעם לאַנגן און דאַרן ר׳ האַצען. ר׳ האַצע איז געשטאַנען ביי זיין שטעלכל, אַ גלייכער, אַן אויסגעצויגענער, האָט געקוקט ערגיץ פֿאַר זיך מיט זיינע גע־דיכטע ברעמען, און דער גאַנצער מאַרק, דוכט זיך, איז אים גאָר ניט אָנגעגאַנגען. און אַט איז צוגעקומען אַ גויקע, האָט אַוועקגעלייגט אויפֿן שטעלכעל אַ שטיק לייווענט, וואָס זי אַליין האָט אויסגע־וועבט אין די לאַנגע ווינטער־אָוונטן, און ר׳ האַצע האָט איבערגע־מאָסטן דעם לייוונט, האָט געמאָסטן אַזוי, אַז די גויקע זאָל אויך זען וויפֿיל און וואָס, און דערנאָך האָט ער איר באַצאָלט וויפֿיל עס איז איר געקומען. דאָס געלט האָט ער איר ניט געגעבן אין האַנט אַריין, נאָר ער האָט עס אַוועקגעלייגט אויפֿן שטעלכל, און די גויקע האָט שטיל צוגענומען דאָס געלט און האָט שטיל געזאָגט אַ דאַנק. נאָר ר׳ האַצע האָט זי שוין ניט געזען און ניט געהערט, ער איז שוין ווייטער געשטאַנען אַזוי ווי פֿריער, און האָט, ווי פֿריער, געקוקט ערגעץ פֿאַר זיך מיט זיינע געדיכטע, פֿינצטערע ברעמען.

לייזער־בער איז לאַנג געשטאַנען, האָט זיך גוט צוגעקוקט, צו

אַלץ, און אויף מאָרגן האָט ער שוין אַליין געהאַלטן אין די הענט א נייעם, אייזערנעם אַרשין, וואָס האָט געבליאַסקעט אויף דער זון, און געשטאַנען איז ער ניט ווי ר' חאַצע, נאָר אַ פריילאַכער, אַ לעבע-דיקער האָט ער ניט אויפגעהערט צו שרייען, הויך אויפן קול:

— איך קויף! לייוונט! אַהער צו מיר! לייוונט!

און אַרום אים איז טאַקע באַלד געוואָרן אַ רעדל, עס האָבן זיך אַרומגעשטעלט גויקעס און שיקסעס, ווי זיי וואָלטן אים אַריינ-גענומען אין אַ קאַראַהאָד, און ער האָט געמאָסטן דעם לייוונט, האָט געשריען אויפן קול, און ווען ער האָט אַ גויקע געגעבן דאָס געלט, וואָס איר איז געקומען, האָט ער עס געטאָן, אַזוי, אַז די גויקע האָט קוויטשעדיק אויפגעלאַכט:

— אוועק! קריך ניט!

נאָר זי אַליין האָט זיך פונדעסטוועגן ניט גערירט פון אָרט, גראָדע פאַרקערט, זי איז נאָך עפּעס היימישער געוואָרן פון דעם, דאָ אינעם רעדל, און ווי אַ היימישע האָט זי שוין דערנאָך געלאַכט און אָפּגעלאַכט פון די אַנדערע, וואָס האָבן זיך נאָך געשעמט, האָבן כלומרשט געטריבן פון זיך.

# XV.

**אַט אַזוי איז לייזער-בער געוואָרן אַ לייוונט-מעסטער, און דער אייבערשטער האָט אים מצליח געווען.**

ער איז געשטאַנען מיט זיין שטעלכל ניט ווייט פון ר' חאַצען, און ר' חאַצע האָט זיך ניט געקריגט מיט אים, האָט אים ניט גע-טריבן פון מאַרק, ניין, די וועלט, דעם אויבערשטנס, איז אַ גרויסע, און יעדער איינער אויף דער וועלט האָט שוין אָנגעגרייט זיין חלק, נאָך איידער ער דערזעט די ליכטיקע זון — קיינער נעמט ביי קיינעם גאָר ניט צו, עס איז קיינעמס ניט! נאָר אַמאָל, ווי לייזער-בער שטייט אַט אַזוי אַרומגערינגלט מיט די גויקעס און שיקסעס, און דאָס געלעכטער זייערס, דאָס געקוויטשעריי, שטעכט אין די אויגן,

רייסט ביי דער נשמה, ווייל ער, ר׳ חאצע, צוגיין צו לייזער־בערן און אראפלאזן אים א פאטש:

— בושה! א מענש דארף האבן חרפה!

אמאל, מיט יארן צוריק, איז ר׳ חאצע ניט געווען קיין לייוונט־מעסטער. יעמאלט, מיט די יארן צוריק, איז ער געווען א איד א נגיד, מיט א ברייטן, באלעבאטישן שטאט און מיט א גרויסן טוך־געשעפט, טאקע דא אויפן מארק. די קראם וואס איז יעמאלט געווען זיינע, שטייט נאך עד היום, איז נאך איצט אויך די גרעסטע אין שטאט, און מענטשן זאגן נאך אלץ, אז זיי גייען צו ר׳ חאצען אין קראם... נאר ר׳ חאצע אליין האט שוין לאנג פארגעסן, אז ער האט גאר ווען אמאל געהאנדלט, און געווען איז ער דאך ניט סתם א קרעמער, נאר טאקע א איד א סוחר. איין מאל א יאר איז ער געפארן אין ווארשע, און איין מאל א יאר איז ער געפארן אין אויסלאנד, האט דארט איינגעקויפט סחורה אויפן גאנצן יאר, האט געצאלט און געגעבן וועקסלען, און אין קראם מיט די קונים, האט שטענדיק געהאנדלט די ווייב זיינע. ער אליין פלעגט נאר אריינגעקומען אויף א ווייליע אין טאג, און די ווייב זיינע פלעגט אים שטענדיק באגעגענען, האט אים שטענדיק אויפגענומען, ווי מען נעמט אויף א גאסט, און ער איז טאקע געווען א גאסט. ער האט עפעס געפרעגט ביי איר, געזאגט צו איר, און זי האט אים געענט־פערט, און גערעדט האבן זיי אין קראם ניט וועגן דער סחורה, און ניט וועגן די קונים, נאר אט, גלאט, זיי האבן פארבראכט.

זי, די ווייב זיינע, דבורה האט זי געהייסן, איז געווען א ריינע, א צוגעקליבענע ביי זיך, מיט א קיילאכדיקן פנים ווי אן עפל, מיט עפלדיק־רויטע באקן און מיט רויטע, מיידלשע ליפן. זי האט זייער ווייניק גערעדט, און אז זי האט עפעס געזאגט, אדער אז מען האט גערעדט צו איר, האט זי שטיל געשמייכלט, מיט די ליפן נאר, און אינגאנצן איז זי דעמאלט געווען אזא, ווי זי וואלט נאכגעמאכט דעם קלוגן מאנדזביל. נאך מיידלווייז, ווען ר׳ חאצעס טאטע איז זי געקומען אנקוקן פאר ר׳ חאצען, האט ער דערנאך געזאגט אויף איר צום שדכן:

—אן איינגעגעבענע פרי!

און ווי אן איינגעגעבענע פרי איז געווען ר׳ חאצעס גאנצע

לעבן. ער האט געהאט א ווייב, צוויי קינדער, האט געפירט גע־
שעפטן מיט ווארשע און אויסלאנד, האט געפירט א ברייטן, באלע־
באטישן שטאט, מיט צדקה און נדבות, און צדקה האט ר' האצע
פון תמיד־אן געגעבן מיט דעמזעלבן חוב, ווי ער האט געצאלט
זיינע וועקסלען — ניט דערפאר וואס מען האט געמאנט, נאר
דערפאר ווייל עס קומט.

אט אזוי איז אלץ געווען אין דער דרך הטבע, דאס ווייב, די
קינדער, די געשעפטן, אז עס האט זיך אויסגעוויזן, עס איז פון
שטענדיק אן אזוי, און עס וועט שוין אט אזוי פארבלייבן, אויף
שטענדיק, און אין דער דרך הטבע איז געווען אפילו דאס, וואס ר'
האצע, א פרומער איד, א למדן, איז עפעס קיינמאל ניט גע־
גאנגען, נאר האט שטענדיק געשפאצירט, אין אפגעפוצטע קאמאשן,
מיט א הארטער, ענגלישער הוט אויפן קאפ, און אז ער איז געגאנגען
און האט געמאכט מיט די הענט האבן זיך ארויסגעוויזן זיינע גע־
פרעסטע מאנזשעטן. מיט א ספר אין האנט האט ר' האצע ליב
געהאט צו זיצן ביי זיך אין דער היים — אין בית המדרש איז ער
נאר געגאנגען דאווענען. אין דער גאנצער שטוב איז שטיל, און אין
פענצטער שיינט אריין די זון, צעשפרייט א ווייסן, שפילעוודיקן
פלעק אויף דעם אנטקעגנדיקן אלמער מיט ספרים, און ר' האצע נעמט
ארויס א ספר, זעצט זיך אנידער צום טיש, און אפילו בעתן לערנען
האט ער שטארק אפגעהיט די בארד זיינע, וואס איז ביי אים
לכתחילה געוואקסן אזוי, ווי א פארטיקע, אן ארומגעשוירענע.

דאס עלטערע קינד זיינס, א בחור שוין פון א יאר פערצן,
האט שוין געהאלפן אין קראם, האט געגעבן עצות דעם טאטן ווי און
ווי אזוי צו פירן, און ר' האצע האט פארבארגן געשמייכלט איבער
אים, און אט נאך א יאר, נאך א יאר, און דער זון וועט אוועקפארן
אין ווארשע און וועט דארט ווערן א קאמיסיאנער. ר' האצען ווערט
אומעטיק־באנק, אז ער הויבט אזש אויף א האנט און לייגט זי שווער
אוועק צום זון אויפן אקסל, ווי ער וואלט זיך אן אים אנגעשפארט.

דער זון האט געוואוסט, אז ער וועט דארפן פארן אין ווארשע,
וועט דארפן ווערן א קאמיסיאנער, און ער האט געווארט אויפן
טאג, ציילנדיק די טעג, נאר ער האט ניט געוואוסט צי איז ער שוין
טאקע א גרויסער, און ווען ער וועט פארן. אמאל האט זיך אים

אויסגעוויזן, אז דאס וועט זיין מארגן. און אמאל — אז דאס וועט זיין ערשט אין א לאנגן יאר ארום.

און דבורה האט זייער ליב געהאט צו שאפן זיך מיט דער טאכטער מיט אירער, א מיידל פון א יאר צוועלף: טאכטער, דערלאנג, טאכטער, נעם־צו — און דאס מיידל האט געשוועבט איבער דער גרויסער, ליכטיקער עס־שטוב. און דבורה האט נאכגעשוועבט נאך איר, מיט די אויגן, מיט דער נשמה. און ר׳ חאצע האט פארבארגן געשמייכלט פון זיי, פוןביידן, אי פון דבורהן, אי פון דער טאכ־טער.

# XVI.

אט אזוי האט זיך געצויגן דאס לעבן, גלאט ווי א סאמעט און שטיל ווי א טויב, ביז איינמאל איז געווען א גרויסער מארק, ווי א יאריד. און ר׳ חאצע איז געשטאנען אין קראם גלייך מיט דבורהן, דעם גאנצן טאג. און דערנאך, שפעט שוין אין אוונט, איז ער אינ־איינעם מיט איר געגאנגען אהיים. אויף דבורהן האט זיך געגאסן א מידקייט ווי א דינער וואסער אזא, אז עס איז אזש גוט געווען. און ר׳ חאצען האט זיך אלץ אויסגעוויזן, אז ער האט עפעס איינגע־שמירט די הענט, די זאכן אויף אים, כאטש אין קראם איז גארניט געווען אזוינס. ביי וואס מען זאל זיך קענען איינריכטן. זיי זיינען געגאנגען איינער לעבן דעם אנדערן, ווי א פאר־פאלק, וואס טראגןביידע גלייך אויף זיך דעם יאך. און דבורה האט שוין עט־לאכע מאל געוואלט אנהויבן רעדן, און ר׳ חאצע האט אויך געוואלט פארפירן א שמועס. נאר זיי האבן ביידע געשוויגן, און זיי איז ביידן געווען, אי גוט, אי פרעמד־נייי...

אין עס־שטוב האט געברענט דער גרויסער הייננג־לאמפ, ווען זיי זיינען געקומען אהיים. און די גאנצע שטוב איז געווען אנגע־פילט, אנגעזאפט מיט א רואיקער שטילקייט. אויפן טיש האט געווארט אויף זיי די וועטשערע, וואס די דינסט האט אנגעגרייט, איידער זי איז געגאנגען שלאפן. און דאס עסן איז געווען איבער־

געדעקט מיט א ווייסן, בלאנקעדיקן טישטוך. דבורה האט זיך אראבגעלאזט אויף א שטול, האט מיט הנאה געפילט אין זיך די מידקייט, וואס האט זיך געגאסן אין איר מיט ווייכע, גלעטנדיקע סטיינגעס, און ר' חאצע האט זיך צוגעזעצט צום טיש, האט גע־מאכט „המוציא", נאר געגעסן האט ער אויך נים.

ר' חאצע האט דערנאך פארלאשן דעם לאמפ, און ווען ער איז שפעטער מיט א ווײלע אריין אין שלאף־חדר, איז שוין דבורה געזעסן אן אויסגעטאנענע, אויפן בעט, און אין ביידע הענט אירע האט זי געהאלטן א נאקעטע פוס, וואס איז געווען פארלייגט א קני אויף א קני. זי האט אקארשט אראפגעצויגן דעם זאק און עס איז אזוי גוט געווען צו האלטן אין די הענט די נאקעטע פוס, דאס אייגענע לייב.

ר' חאצעס בעט איז גלייך אנטקעגן דבורהס, און ער איז גע־שטאנען מיטן רוקן צו דבורהן, אן א סורדוק, אן דער אויבער־העמד שוין, און דבורה האט זיך שטיל צו אים אפגערופן:

— הערסט חאצע, מיר דוכט...

— וואס? וואס דוכט דיר?

— גאר ניט!

און זי האט מיטאמאל ארויסגעלאזט די פוס, און האט מיט־אמאל א קוק געטאן אויף זיך, ווי זי וואלט זיך אליין אפגעמאסטן, פון קאפ ביז די פיס:

— יא, חאצע, איך בין פארגאנגען אין טראגן.

— וואס?!

דבורה האט זיך ניט געריכט אויף אזא אויסגעשריי, ווי אזוי האט זי זיך געקענט ריכטן אויף דעם? און ר' חאצע איז צוגעלאפן צו איר, ווי א געטראפענער פון א בליץ, האט זי א כאפ געטאן אין די הענט אריין, האט זי ארומגעכאפט מיט זיינע צוויי גרויסע, נאקעטע אויגן, אז ער האט זי אזש א טרייסל געטאן, און זי האט אים אנ־געקוקט א צעטומלטע, מיט אן אפגעשטעלט הארץ, און עס האט געדויערט א לאנגע מינוט, און זי האט קוים געקענט ארויסרעדן:

—טא וואס זשע שרייסטו?

ר' חאצע האט זי ארויסגעלאזט פון די הענט, און זיינע הענט

זיינען געבליבן אַט אַזוי אַ. פּוסטע, ליידיקע, און ווי ער וואָלט גאָר פאַרגעסן אויף זיי:

— טאַקע... איך האָב געשריען?

—אוודאי האָסטו געשריען.

דבורה האָט זיך אַנידערגעלייגט, האָט זיך אויסגעצויגן, און זי האָט געוואָלט, אַז ער זאָל צוגיין צו איר און זאָל איר געבן צו פאַרשטיין, נאָר עס האָבן זיך איר געקלעפּט די אויגן, און אַלץ אַרום איר איז עפּעס געווען אַזוי, ווי ערגעץ דאָ אין חדר וואָלט זיך גע־רויכערט אַן אַלטער, שמעקעדיקער ווייַן. זי האָט געוואוסט, אַז זי דאַרף איצט ניט שלאָפן, זי דאַרף גאָר רעדן מיט חאַצען, נאָר נייַן, זי איז שוין געשלאָפן, זי האָט געפילט, אַז זי שלאָפט, אַז אייַנ־גערעדטע, אַ פאַרוויגטע. און ר׳ חאַצע איז פּאַמעלאַך אָפּגעטראָטן פון איר, האָט זיך פּאַמעלאַך אויסגעטאָן, און האָט זיך פּאַמעלאַך אַרייַנגעלייגט אין זייַן בעט.

שוין יאָרן און יאָרן, דאָס גאַנצע לעבן זייַנס, אַז ר׳ חאַצע האָט אָפּגעלעבט מיט דבורהן, מיט די צוויי קינדער, מיט זייַן גאַנצן הויז־געזינט, זייַן שטאָט, זייַן קראָם, ביז איין מאָל, דאָ ניט לאַנג, און ר׳ חאַצע טראַכט איצט נאָכאַמאָל איבער קאַלט און בייז, אַז דאָ, ניט לאַנג צוריק — וואָס איז דענסטמאָל געווען מיט אים? ער ווייסט ניט, ר׳ חאַצע, ער קען עס זיך ניט פאַרענטפערן. געווען איז דעמאָלט אַ נאַכט ווי אַלע נעכט נאָך אַ טאָג ווי אַלע טעג, נאָר דבורהס הענט, אירע אָרעמס, יעדער אבר פון איר לייב, זי איז געווען ניט זייַן ווייב דבורה, און ער איז געווען ניט ר׳ חאַצע, נייַן, ניט איר מאַן, אַזוינס איז נאָך קיינמאָל ניט געווען צווישן זיי, און געבליבן איז ביי אים, אויף לאַנגע טעג דערנאָך, ווי זי האָט געשטשירעט צו אים מיט נאַ־קעטע ציין, פון ווייטיק, פון הנאה:

—חאַצע... חאַצע!...

נאָר בעת מעשה זייַנען אָפּגעווישט געווען אַלע גרעניצן, עס איז ניט געווען קיין ברעקל בושה, קיין סימן פון דרך ארץ, און זי האָט דערנאָך אַוועקגעלייגט די שווערע אָרעמס אַרום זייַן האַלדז, און ער האָט ניט געהאַט פאַר זיך קיין טאַדל, נאָר ווי אַ זייטיקער האָט ער געקוקט אויף זיך און האָט זיך שטאַרק געחידושט.

אויף איר פנים, ווי אויף איר אינגאנצן, איז געווען פארצויגן א שמייכל, וואס איז ארויסגעקומען פון איר טיפעניש. און דער שמייכל האט זי פארווינט, פארשלעפערט, און ער האט זיך צוגענומען פון איר, איז אראפ פון איר פרעמדער בעט, און איז א נאקעטער צו־געגאנגען צום פענצטער. אין דרויסן איז געווען א ליכטיקע נאכט, דער הימל איז פול געווען מיט שטערן, און ער האט געקוקט אין דרויסן ארויס, וואס איז געווען אזוי ריין, אויף די שטערן, אויף דער לבנה, און — ווייסט א מענטש, א בן־אדם, ווען ער זינדיקט יא און ווען ער זינדיקט ניט?

ר' חאצע האט דערנאך געטריבן פון זיך די מאדנע רעיונות זיינע, וואס זיינען אזוי קאלט און עקשנותדיק געקראכן צו אים, האבן אים קלאר נעגעבן צו פארשטיין דאס, וואס דער שכל האט ניט גע־וואלט באנעמען, ווי מען וויל ניט אויסלייגן אויף אן אומגליק, נאר צוריק אריין אין דער דרך הטבע האט ער שוין מער ניט געקענט, ער איז זיך אליין פארגעקומען, ווי אן אויסגעטיילטער פון דער מחנה, ווי איינער, וואס טראגט אין זיך פארבארגן א קוואל פון אומ־ריינקייט, און ער האט אלץ געווארט אויף דבורהן, אז זי זאל אים אויסרעדן, זאל אים אויפווארפן אפילו, זאל מאנען ביי אים, נאר זי איז גראדע געווען א צוגעלאזענע, זייער צוגעלאזן צו אים, ביי איר איז עס געווען ווי אקארשט נאך דער חתונה, און אין ר' חאצען האט זיך געוועקט א בייזקייט צו איר, אז א אידענע איז פארט א אידענע!

און איצט, אז דבורה האט אים אקארשט געזאגט, אז זי איז פארגאנגען אין טראגן — ר' חאצע איז געלעגן מיט אפענע אויגן, און ווי מען זעט אמאל דעם אייגענעם שאטן, אזוי האט ער איצט געהערט די ערשטע טריט פון דעם אומגליק, וואס גייט אויף אים — זיין שכר! זיין פסק! און מיט זיין לייב, מיט זיין לעבן, האט ער געוואלט פארשטעלן דבורהן, פארהיטן זיין הויזגעזינט.

און דבורה איז געשמאק געשלאפן, ווי עס באדארף צו זיין, נאר שפעט אין דער נאכט האט זי זיך אויפגעכאפט, האט זיך מיטאמאל דערמאנט אן אלץ, און זי האט זיך אזש אויפגעזעצט:

— חאצע, דו שלאפסט?

— ניין.

—פאַרוואָס שלאָפסטו ניט?

— איך ווייס ניט.

דבורה האָט צוריק אוועקגעלייגט דעם קאָפּ אירן אויף די קישנס, האָט צוגעמאַכט די אויגן, און האָט שטיל און באַקאַנט אַ רוף געטאָן צו אים:

— קום אַהער, חאַצע...

ר' חאַצע האָט זיך אויפגעהויבן, איז צוגעגאַנגען, און האָט זיך ביי איר אַנידערגעזעצט אויפן בעט. דבורה האָט אים געוואָלט צוציען צו זיך, מיט דער נשמה, מיטן האַרצן, נאָר ווי ער איז געזעסן לעבן איר אָט אַזוי האָט זי גאָרניט געקענט טאָן. און ער האָט שטיל גערעדט צו איר — ניט גערעדט, נאָר עס האָט זיך געצאַפּלט אין אים די נשמה זיינע:

—ווי אַלט איז שוין אונזער מלכה זאָל לעבן? שוין דאָס דרייצנ-טע יאָר, האַ?

— נו איז וואָס?

— גאָרניט... דרייצן יאָר גאָר ניט און דאָ, פּלוצלונג... וואָס זאָגסטו?

—וואָס פּלוצלונג? אַז דער אויבערשטער וויל איז ניטאָ קיין פּלוצלונג!

זי האָט עס אים געוואָלט זאָגן מיט ווייכקייט, מיט רחמנות, ווי מען רעדט צו אַ קינד, ווייל וואָס ווייסט אַ מאַנדזשביל? נאָר עס האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן, אַז זי האָט זיך שיעור ניט פאַנאַנדער-געוויינט. עס האָט איר פאַרדראָסן אויף אים, שטאַרק פאַרדראָסן, און ער האָט אויפגעהויבן אַ האַנט, ווי אַ טרוקענע צווייג אויפן ווינט, און האָט זי אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ:

—שלאָף.

דבורה האָט זיך געוואָרגן מיטן געוויין, ווי מיט אַ הוסט, נאָר זי האָט צוגעמאַכט די אויגן, האָט זיך געמאַכט ווי זי שלאָפט, און ר' חאַצע איז נאָך לאַנג געזעסן לעבן איר, האָט נאָך לאַנג געקוקט, און זיינע ברעמען, געדיכטע, צונויפגענומענע, זיינען געוועזן צו-געוואַקסן צום מוח ווי צוויי טאָטווייאיקע שטיקער — — —

# XVII.

דבורה איז אויף מארגן אויפגעשטאנען אזוי ווי אלעמאל, האט אפגעגעסן דעם אנבייסן, האט אנגעזאגט דער דינסט וואס צו קאכן און איז ווי אלעמאל אוועק אין קראם. און אין קראם איז אויך געווען אזוי ווי עס באדארף צו זיין, דעם גאנצן טאג, און שפעטער, שוין צו פארנאכט־צו, איז ווי אלעמאל געקומען ר׳ חאצע. ביי דבורהן האט געשיינט דאס פנים, און ר׳ חאצע האט געוואלט מיט איר פארברייינגען, נאר זיינע אויגן האבן שווער געקוקט אויף איר, אין א שווערן אומעט, און דין, ווי ביי א מיידל, האבן ביי אים געציטערט די ליפן, און ער האט ניט ארויסגערעדט קיין איינציק ווארט.

דערנאך זיינען זיי אינאיינעם געגאנגען אהיים, און אין דער היים איז מען געזעסן ביים טיש און מען האט געגעסן, נאר דבורה האט זיך היינט ניט געשאפט מיט דער טאכטער מיט אירער, ניט דאס איז איר היינט געלעגן אין זינען, און באלד נאכן עסן האט זי זיך אויפגעהויבן פון טיש און איז אוועק אין שלאף־חדר. זי האט זיך דארט אויסגעטאן, האט זיך אויף גיך ארייינגעלייגט אין בעט, און זי האט געמיינט, אז חאצע וועט אויך באלד ארייינקומען, ער וועט איר נאכגיין, נאר ר׳ חאצע איז געבליבן אין עס־שטוב. און דבורה האט לאנג געווארט, ביז שפעט אין דער נאכט. די קינדער און די דינסט זיינען שוין פון לאנג געשלאפן, און אין דער גאנצער שטוב איז געווען שטיל און פינצטער, און שטיל איז ר׳ חאצע אריין אין שלאף־חדר, האט זיך שטיל גענומען אויסטאן, און שוין אז אויסגעטאנענער, איידער ער האט זיך ארייינגעלייגט אין בעט, האט ער פאמעלאך, אויף די שפיץ פינגער, געמאכט א טראט צו דבורהן, און האט פון דערווייטנס געקוקט אויף איר, מיט א שווערן זיפץ. דבורה האט געוואלט אויפשרייען פון שרעק, נאר זי איז געלעגן מיט צוגעמאכטע אויגן, זי האט אליין ניט געוואוסט פארוואס זי איז אזוי געלעגן, און דאס הארץ אירס האט אזוי געקלאפט, אז עס האט איר אזש וויי געטאן אין די אויערן. און ר׳ חאצע איז ניט צוגעגאנגען צו איר און איז ניט אפגעטראטן פון איר, ער איז אלץ געשטאנען אויף איין ארט, און דבורה האט זיך מיט אמאל אויפגעזעצט און האט ברייט געעפנט די אויגן:

— חאצע!

ר' חאצע האט זיך א צאפל געטאן, ווי א געפאנגענער, און ווי א געפאנגענער איז ער צוגעגאנגען צו איר, האט זיך אנידערגע־זעצט, און זי האט אויף גיך פארווארפן ארום זיין האלדז די ביידע נאקעטע הענט אירע, ווי זי וואלט מורא געהאט, אז זי זאל עפעס ניט אנווערן:

— דערציייל מיר דעם אמת, חאצע, דעם גאנצן אמת!

ר' חאצע האט אוועקגעלייגט דעם קאפ זיינעם צו איר אויפן הארצן, און זי האט אים צוגעטוליעט צו זיך, און וואס זאל ער איר דערציילן? דעם אמת? גלייבער אז ניט!

# XVIII.

ר' חאצע איז ניט געווען פארבלענדט, און א קלארער מענטש טראכט ניט אזוי, טוט ניט אזוי, און ר' חאצע האט עס זייער גוט געוואוסט, נאר עס האט אים פארט געצויגן צו די רעיונות צו זיינע, צו די מאטערנישן צו זיינע, אז ער האט זיך ניט געקענט אפהאלטן פון דעם — ווי מען האט הנאה פון גלעטן מיט די שפיץ פינגער אן אפענע וואונד. און דבורה האט געשטיקט אין זיך די וואונד אירע, די ליידן, האט גארניט געוויזן פאר מענטשן, נאר מיט ר' חאצען איז עס געווארן אלץ ערגער און ערגער, אז מענשן האבן שוין אליין געפרעגט ביי דבורהן:

— וואס איז מיט אייער חאצען? עפעס ניט מיט אלעמען, חלילה?

און ר' חאצע האט טאקע אויסגעזען, ווי ער וואלט געווען ניט מיט אלעמען. דאס פנים זיינס איז געווארן בלייך און אויסגעצויגן, מיט דינע געשליפענע נאז־לעכער, וואס האבן שטענדיק געשמעקט ארום זיך אזוי הונגעריק, ווי ער וואלט וואס געזוכט אין דער וועלט.

געטאַפּט אין דער פינצטער, ווי אַ חיה, וואָס האָט, דוכט זיך, אויגן, נאָר זען זעט עס גאָר ניט, און די שווערע נעדיכטע ברעמען האָבן פאַרשטעלט זיינע אויגן, האָבן אים אינגאַנצן פאַרשטעלט, און שטענדיק האָט אַרום אים געציטערט אַ שאָטן, אַן אָפּגלאַנץ, ווי פון איינעם, וואָס איז אַן אבל. דבורהן האָט ער געהערט און געפאָלגט, אין אַלץ — זי האָט געוואָלט, אַז ער זאָל גיין מיט איר צו אַ דאָקטאָר, איז ער געגאַנגען, דערנאָך האָט זי געוואָלט, אַז ער זאָל גיין מיט איר צו נאָך אַ דאָקטאָר, איז ער ווידער געגאַנגען, און זיין פּאָלגן אַט־אַזוי־אַ, שטום און פול מיט רחמנות צו איר, און מיט שרעק פאַר איר, האָט איר געעשניטן ביים הארצן:

— חאַצע, איך האָב פאַר דיר מורא!

און די דאָקטוירים האָבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס — ער איז געזונט — האָבן זיי געזאָגט — עס איז אים גאָרניט, עס איז נאָר נערוון. נאָר דבורה לעבט שוין מיט ר׳ חאַצען ניט פון נעכטן, אַ דאַנק דעם אויבערשטן, און אַ ווייב ווייסט דאָך בעסער פון די אַלע דאָקטוירים צי דער מאַן אירער איז געזונט, צי ניט געזונט. נאָר וואָס האָט זי געקענט טאָן, וואָס?

עס איז נאַכט, פּונקט אַזאַ נאַכט ווי עס איז געוועזן נעכטן, און אייער נעכטן, שוין לאַנג אַז עס זיינען אַזוינע נעכט. דבורה האַלט איינגעגראָבן דעם קאָפּ אירן אין די קישנס און עס פּלאַמט איר יעדער אבר אירער, פאַרוואָס זי דאַרף אַזוינס רעדן, וואָס זי דאַרף אַזוינס טענהן:

— שוין באַלד פינף חדשים, חאַצע, אַז דו האָסט זיך צו מיר ניט צוגערירט, וואָס בין איך חס ושלום אַן אומריינע?

ר׳ חאַצע זיצט ביי איר אויפן בעט, ער שווייגט, און דבורה ניט זיך מיטאַמאָל אַ זעץ־אויף און קוקט אים גלייך אין פּנים אריין:

— אַנאַנדערער וואָלט געקענט מיינען, אַז איך טראָג אַ ממזר!

ר׳ חאַצע גיט זיך אַ ריס, וויל אַנטלויפן, פון אַלץ, פון אַלעמען, נאָר דבורה לויפט גלייך נאָך אים אַראָפּ פון בעט און כאַפּט אים אַן פאַר די הענט:

— האָב רחמנות אויף מיר! האָב רחמנות אויף זיך! חאַצע!

דבורה בעט זיך ביי אים, ווי ביי אַ גזלן, און ר׳ חאַצע כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ און שרייט אין זיך:

— הער אויף! הער אויף!

דבורה איז א נאקעטע, אין איין העמד, און זי צאפלט זיך אײַנגאנצן, ווי פון א שטארקער קעלט, און ר׳ חאצע גלעט איר איבערן קאפ מיט א האנט, וואס איז ווי א וואונד, און פון זיינע אויגן קייקלען זיך טרערן — וואס באוויינט ער זי?

# XIX.

און אט האט זיך אונטערגערוקט די צייט, ווען ר׳ חאצע האט געדארפט געווען פארן אין אויסלאנד. דבורה האט געווארט א טאג, האט געווארט צוויי טעג, און אז ער האט איר גארניט געזאגט האט זי מיט אומעט נעפרעגט ביי אים:

—ווען פארסטו? ווען פארן?

ר׳ חאצע האט געשוויגן א לאנגע מינוט — זיין האנט מיט די צושפרייטע פינגער האט זיך געגעסן אינם ספר, וואס איז אן אפענער געלעגן פאר אים:

— פארן?... וועל פארן...

ר׳ חאצע איז דערנאך לאנג געזעסן פארן ליכטיקן לאמפ, האט שטום געהאלטן פאר זיך דעם אפענעם ספר, און דבורה איז גע־לעגן ביי זיך אין בעט און האט געטראכט מיט א צעהיצטן מוח, אז זי וועט נאר אליין פארן מיט אים אין אויסלאנד, וועט דארט אריינגיין מיט אים צו א דאקטאר, צו א גרויסן דאקטאר, און זאל עס נעמען א סוף, איינמאל פאר אלעמאל!

דבורה איז קיינמאל ניט געווען אין דער פרעמד, און אין דער אויסלענדישער שטאט איז אלץ אזוי אנדערש געווען ווי אין דער היים, אפילו די גאסן אין דרויסן האבן אנדערש געשמעקט, אז מען האט אזש געקענט פארשיכורט ווערן, נאר דבורה איז אומגעגאנגען ווי אין א פאנצער, זי האט זיך צו גארניט צוגעקוקט, האט זיך צו גארניט צוגעהערט, זי האט גלייך אויסגעפונען א דאקטאר, אן אמתן, אזא איינעם, וואס היילט אזוינע חולאתן, די אלערליי איינ־רעדענישן, און איז צו אים אוועק מיט ר׳ חאצען.

דער דאָקטאָר איז געווען אַ הויכער, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ ברייטער, צעקאַמטער באָרד און קינדערשע, לאַכנדיקע אויגן, און הענט האָט דער דאָקטאָר געהאַט אַזוינע ווייסע און אַזוינע קליינע, אַז זיי האָבן זיך גאָרניט געפּאַסט צו אַזאַ גרויסן מאַנצביל ווי ער איז געווען, האָבן אויסגעקוקט ווי ניט זיינע, ווי געליִענע.

דבורה האָט זיך אַפריער געשעמט פאַרן דאָקטאָר, האָט געשטאַמעלט, נאָר ער איז געווען צו איר אַזוי גוט, אַזוי צוגעלאָזן, אַז דבורהן האָט זיך באַלד געדוכט, אַז ווען ער וואָלט אויסגעזען אַט ווי ער, דער דאָקטאָר, וואָלט געווען אירער אַן אייגענער, עפּעס אַ פעטער אַזאַ, וועמען זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען, און זי איז שוין צוגעפאַלן צו אים און האָט אים אַלץ דערציילט, ביז צו דער קלענסטער קלייניקייט. דער דאָקטאָר האָט זי דערנאָך אַרויסגעשיקט פון קאַבינעט, האָט אַריינגערופן ר' חאַצען און האָט פאַרפירט מיט אים אַ שמועס — ניט ווי אַ דאָקטאָר מיט אַ חולה, נאָר גלאַט אַזוי אַ שמועס. ר' חאַצע האָט זיך באַלד ביים אָנהויב געחידושט אַביסל, נאָר לאַנג טראַכטן וועגן דעם האָט ער ניט געטראַכט. דער דאָקטאָר האָט אים אַריינגעצויגן אַלץ מער און מער, און ר' חאַצע האָט שוין לאַנג ניט גערעדט, שוין לאַנג אַז ער שווייגט, און ער האָט איצט זייער גערן גערעדט מיטן דאָקטאָר, אַז צום סוף האָט ער שוין גאָר אַליין געפירט דעם שמועס, און דער דאָקטאָר האָט פּלוצלונג ביי אים אַ פרעג געטאָן, אַז עס האָט זיך גאָר ניט געפּאַסט צו דעם, וועגן וואָס זיי האָבן גערעדט:

— וואָס האָט איר צו איר? איך מיין, וואָס האָט אַ איד צו זיין ווייב?

ר' חאַצע האָט דערפילט ווי דער דאָקטאָר וואָלט אים דאָ אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש, און ער איז געבליבן זיצן אַ רגע מיטן פּאַטש אויפן פּנים, און דערנאָך האָט ער זיך אויפגעשטעלט, איז געשטאַנען אַ גלייכער פּונקט אַנטקעגן דאָקטאָר, און צום סוף האָט ער זיך אַ פיר געטאָן איבערן פּנים מיט אַן איידעלער, זיידענער האַנט. דער דאָקטאָר האָט די גאַנצע צייט ניט גערעדט מיט אים ווי עס געהער צו זיין, ניט ווי עס פּאַסט פאַר אים, פאַר ר' חאַצען, און ער האָט עס ערשט איצט באַגריפן, ערשט איצט באַנומען.

— נו, וואָס זאָגט איר?

דער דאָקטאָר האָט געמאָנט אַ האַרטער, ווי אַ בעל חוב, און ר׳ חאַצע איז געשטאַנען אַ פאַרשעמטער, האָט ניט געפונען וואָס צו זאָגן, ווי אַזוי אַנטקעגנשטעלן זיך דעם דאָקטאָר, און ער איז נאָך מער אונטערגעפאַלן אונטער אים און האָט שטיל אַרויסגערעדט:

— עס איז ניט אין דער דרך הטבע...

— וואָס?

ר׳ חאַצען איז עס ניט אָנגעשטאַנען, ביז ווייטיק, די גאַנצע זאַך, דער גאַנצער ענין — אַ נאַקעטער איז ער געשטאַנען פאַרן דאָקטאָר און האָט נאַקעט געוואוסט, אַז דער דאָקטאָר ווייסט אַלץ סיי ווי סיי.

— איר רעדט וועגן דרך הטבע?

דעם דאָקטאָרס אויגן האָבן אויפגעהערט צו לאַכן, און די הענט זיינע, ווייסע, קינדערשע האָבן גענומען אַרומטאַנצן אַרום טיש, ווי פון כעס, פון אומרו. ר׳ חאַצע האָט געוואַרט אויף זיין פסק דין, און דער דאָקטאָר האָט אויסגעטאָן פון זיך דעם דייטש און איז געוואָרן אַ איד, אַזוי ווי אַלע מענטשן:

— פון וואַנען ווייסט איר עס? פון וואַנען ווייסט איר וואָס עס איז יאָ אין דרך הטבע און וואָס ניט?

ר׳ חאַצע האָט געלאָזט מיט זיך טאָן וואָס דער דאָקטאָר האָט נאָר געוואָלט, און דער דאָקטאָר האָט גערעדט מיט ביטול, מיט כעס:

— לאָזט שוין דעם אויבערשטן אַליין פירן זיין וועלט, העלפט אים ניט, איך בעט אייך!

ר׳ חאַצע איז אַרויס פון דאָקטאָר אַ צעטולטער, אַ צעטרייסלטער און דער דאָקטאָר האָט דערנאָך גערעדט מיט דבורהן, אַז עס איז גאָר־ניט, עס וועט אים גאָרניט זיין, זי דאַרף אים נאָר ניט טשעפּען, זאָל ער טראַכטן וואָס ער וויל און קלערן וואָס ער וויל. זי דאַרף נאָר אַכ־טונג געבן אויף זיך אַליין, גוט אַכטונג געבן, און אַז זי וועט איבער־קומען דעם קימפּעט וועט ער שוין במילא געזונט ווערן. אַט אַזאַ תולאַת איז עס און עס געוועגדט זיך אָן איר. גוט?

דבורה האָט ליב, מיט דער גאַנצער נשמה, גענומען אויף זיך די משא, וואָס דער דאָקטאָר האָט אויף איר אַרויפגעלייגט, און עס האָבן ביי איר אַזש אויפגעשיינט די אויגן, אַט אַזוי קען מען זיך

אויף איר פארלאזן, און ר' חאצע האט זיך אפגערוקט פון איר און האט איר שיעור ניט געזאגט א שלעכט, בייז ווארט—צום ערשטן מאל אפשר אין זיין לעבן. עס האט זיך אים אויסגעוויזן אויף דער רגע, אז זי שטעלט זיך דא עפעס ניט איין פאר אים, נאר גראדע פארקערט, אז זי האלט גאר מיט זיי, מיט די אנדערע.

## XX.

און דבורה, אז מען איז געקומען אהיים, האט זי גלייך גענומען אויף זיך אכטונג געבן, אז זי האט זיך אפילו ניט געשעמט, אשטייגער, צו בלייבן ליגן אין בעט אן איבעריקע שעה אין דער פרי, ליגן און וויסן, אז זי רוט, אז זי ניט זיך נאך, כאטש קראנק איז גאר געווען ניט זי, נאר ר' חאצע, קראנקער מיט יעדער מינוט, מיט יעדן טאג. נאר זי האט עס דאך געטאן ניט צוליב זיך, נאר טאקע צוליב אים, פאר זיין געזונט ווענן. זי האט עס אים אבער קיינמאל ניט געזאגט, האט זיך ניט פארענטפערט, זי האט אים ניט געטשעפעט — פונקט ווי עס האט איר פארזאגט דער דאקטאר.

אין קראם איז זי נאך געגאנגען יעדן טאג, איז דארט אפגעווען דעם גאנצן טאג, נאר פירן די קראם האט שוין איצט געפירט דער עלטערער זון אירער, נחמן האט ער געהייסן, און נחמנען איז שטארק געפעלן געווארן, וואס ער איז פלוצלונג געווארן א גרויסער. עס איז געקומען צו אים אזוי ניט געריכטערהייט, אז כאטש נעם און שפיל זיך מיט דעם, און די פריקאזשטשיקעס אין קראם, וואס דינען שוין ביי ר' חאצען פון יארן און יארן, זיינען איצט, מיט נחמנען, געווארן נאך געטרייער, נאך איבערגעגעבענער, און פון ליבשאפט, פון גע־טרייקייט, האבן זיי אים גערופן ניט נחמן, נאר נחמנקע.

און נחמן גייט מיט דער מאמען אהיים אין אוונט, און ער וויל רעדן מיט איר וועגן דער קראם, וויל זיך מיט איר מישב זיין, ווי עס איז זיך מישב א באלעבאס, ווי דער טאטע אשטייגער, נאר זי

הערט קוים וואָס ער רעדט צו איר:

— האָ? האָסט עפּעס געזאָגט? יאָ, ביזט גערעכט, מיין זון, ביזט גערעכט...

און ר' חאַצע זיצט דעם גאַנצן טאָג אין דער היים, און מלכה, די טאָכטער זיינע, דאַרף אויף אים אַכטונג געבן, ווי מען גיט אַכטונג אויף אַ קראַנקן. ר' חאַצע איז פאַרוויקלט אין אַ שלאַפראָק, און מיט שטעקשיך אויף די פיס, און שטענדיק האַלט ער פאַר זיך אַן אָפענעם ספר, ווי אַ שטענדיקן עדות...

ער גייט קיינמאָל ניט אַרויס פון שטוב, אין ערגעץ ניט, און נאָר אַמאָל, אַז אין דרויסן איז זייער אַ שיינער טאָג, עפנט מלכה פאַר אים די גרויסע, שווערע טיר, וואָס פירט אין גאָרטן אַריין. מלכה גייט די ערשטע און ר' חאַצע גייט איר נאָך — ער פאָלגט. פון גאָרטן קומט אים אַנטקעגן, גיט אויף אים אַ יאָג, דער ליכטיקער טאָג, ווי אַ ים אַזאַ, און ר' חאַצע הויבט אויף די שווערע, טוט־ווייאיקע ברעמען, קוקט, אָטעמט, נאָר באַלד לאָזט ער זיי צוריק אַראָפּ און בלייבט אַזוי, ווי אַ דאַרער, אַן אַלטער בוים, וואָס דאַרט אין זיך און בויגט זיך אַלץ מער צו דער ערד אונטער דער שווערקייט פון טאָג, פון דער זון. מלכה גיט שטיל אַ געשריי:

— טאַטע!

ר' חאַצע ציט אויס אַ האַנט, נעמט זי אַרום און טוליעט זי צו זיך:

— דער אויבערשטער פירט די וועלט, דער אויבערשטער...

ר' חאַצע וויל זיך אַליין אין עפּעס איינרעדן, און דאָס וואָס ער זאָגט, זאָגט ער זיך אַליין אויף צו־להכעיס, און מלכה טוליעט זיך צו אים און ציטערט, צאַפּלט זיך, ווי אַ יונג צווייגל, און זי האָט אים אַזוי ליב, דעם טאַטן אירן, אַז זי וואָלט פאַר אים אויסגעגאַנגען, אַבי ער זאָל נאָר געזונט ווערן.

ר' חאַצע זעצט זיך דערנאָך צוריק אַנידער אויף זיין אָרט, צוריק מיטן ספר אין די הענט, און דער טאָג ציט זיך ווייטער, נאָר שוין ניט אַזוי ווי פריער, ער פלאַטערט ווי אַ פליגל, דער טאָג, און מלכה פלאַטערט איינאיינעם מיטן טאָג, און זי טראַכט און וואַרט, וואַרט און טראַכט, און זי וועט עפּעס טאָן, וועט עפּעס אָפּטאָן, זאָל מען נאָר

קומען פון קראַם, זאָל נאָר קומען די מאַמע!

נאָר אַט פֿאַלט שוין צו דער אָוונט און מען קומט שוין אַהיים, און די מאַמע רופֿט זי גלייך אָפּ אין אַ זייט און פֿרעגט ביי איר, מיט דעם זעלבן אָטעם נאָך, ווי זי איז אַריין פֿון גאַס:

— וואָס מאַכט ער? ווי אַזוי איז היינט געווען?

דבורה כאַפּט ערשט איצט איבער דעם אָטעם, נאָכדעם ווי זי האָט שוין געפֿרעגט, און מלכה ענטפֿערט איר שוין—ווי אַלעמאָל:

— גאָרניט...

מלכה איז אין כעס אויף דער מאַמען, עס דוכט זיך איר, אַז די מאַמע איז שולדיק אין אַלץ, און די מאַמע שווייגט טאַקע — אַ שולדיקע.

דערנאָך זעצט מען זיך ביים טיש און די דינסט דערלאַנגט דאָס עסן. אַרום טיש איז שטיל, קיינער קוקט ניט אויף קיינעם און קיינער זאָגט צו קיינעם גאָרניט, נאָר יעדער איינער פֿון זיי ציטערט, אַז אָט און עס וועט אַראָפּפֿאַלן אַ טעלער, עס וועט זיך עפּעס צעברעכן.

ר' חאַצע הויבט זיך דער ערשטער אויף נאָכן עסן, און נחמן ברייננגט מיט זיך פֿון קראָם אַ פּאַק מיט ביכער, פּאַפּירן, און ער נעמט זיך פֿאַרשרייבן, רעכענען, חשבונען, און דבורה בלייבט אַליין ביים טיש, ווי זי וואָלט ניט געוואוסט וואָס זי דאַרף איצט טאָן, ווי אַזוי איז דאָרט פֿאַרשריבן אין דעם רעצעפּט פֿאַר אים?

די דינסט נעמט־צו פֿון טיש, קומט מער ניט אַריין אין קיך, און דאָ צווישן זיי איז אַזוי שטיל, ווי אויפֿן שפּיץ מעסער, און מלכה וויל עפּעס זאָגן צו אַלעמען, נאָר זי דערפֿילט, אַז זי האָט אַ פֿולן מויל מיט טרערן. מלכה שטיקט זיך מיט דעם, באַהאַלט זיך, און אין אַ מינוט אַרום גייט זי צו צו נחמנען, נאָר נחמן זעט זי ניט, ער חשבונט, איז פֿאַרטיפֿט. מלכה וויל שוין אָפּטרעטן פֿון אים, ניט וויסנדיק נאָך וואָס עס וועט ווייטער זיין, וואָס זי וועט ווייטער טאָן, און פּלוצלונג, ניט געריכטעריט פֿאַר זיך אַליין, גיט זי אַ כאַפּ די ביכער זיינע, די פּאַפּירן, און כאַפּט זיי רייסן, פֿליקן אויף פּיצלאַך. נחמן ווערט אַ פֿאַרציטערטער, אַז ער גיט זיך אַ וואָרף צו איר, און דבורה קומט אויך צו צו זיי, און עס ווערט אַרום זיי אַ טומל, אַ געשריי, מען גלעט זי, מען בעט זיך ביי איר, און מלכה לאָזט ליידיק אַראָפּ די הענט, דעם קאָפּ, און וויינט זיך שטאַרק פֿאַנאַנדער.

# XXI.

אַט אַזוי האָבן זיך געררוקט די טעג ביי ר' חאַצען אין שטוב, האַרטע און שווערע, און די טעג, ווי ברעטער, האָבן זיך געלייגט צווישן זיי, האָבן זיי אַלץ מער פּאַנאַנדערגעטיילט איינעם פון דעם אַנדערן, טאַטע און מאַמע, ברודער און שוועסטער, אַז יעדער איינער פון זיי איז אומגעגאַנגען נאָר מיט זיינס, ביז עס האָט זיך אָנגערוקט דער לעצטער טאָג, און דבורה האָט זיך אַריינגעלייגט אין קימפּעט.

ביי דבורהן האָט געשיינט דאָס פּנים, ווען זי האָט זיך געלייגט אין בעט אַריין, און אינגאַנצן איז זי געווען אַ צוגעקליבענע, אָן אויפגעראַמטע, אַט ווי זי וואָלט זיך עס אַשטייגער געזעצט גאָר צום סדר מיט איר מאַן, מיט אירע קינדער.

די שטוב האָט איצט איבערגענומען די באָבע, האָט עס איבער־גענומען מיט ווייכע, געטרייע הענט פון אַ מאַמען. דעם האָט זי געהייסן אויפשטעלן דעם סאַמאָוואַר און דעם עפּעס אַנדערש, און אַליין האָט זי אַרומגעטאַנצט מיט איילנדיקע טריט און האָט געזויט פון זיך גוטסקייט. די באָבע איז געקומען אַהער ווי צו אַ שמחה, זי האָט ווייבעריש געשמייכלט צו דער קימפּעטאָרן, און דבורה האָט פּונקט אַזוי צוריקגעשמייכלט צו איר, און זיי האָבן שוין, דוכט זיך, אַלץ געוואוסט, כאָטש זיי האָבן זיך נאָך גאָרניט געזאָגט.

די באָבע האָט פּאַנאַנדערגענומען לייַלעכער, האָט צוגעגרייט האַנטיכער, און געטאָן האָט זי עס זייער פּאַמעלאַך, אַז עס האָבן ביי איר אַזש הנאה געהאַט די פינגער, וואָס האָבן געגלעט דעם שמע־קעדיקן לייוונט, און דער דינער, פּאַרשפּיצטער נאָז אירער, וואָס האָט זיך געטונקט אין דעם ריח, און זי האָט עפּעס געמורמלט דערביי, ניט מיט די ליפּן, נאָר מיט די אויגן.

דבורה האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף איר, איז אויך געווען אין דעם, און די באָבע האָט געטראָגן אויפן קאָפּ אַ ווייסע, אַ קלאָרע פאַטשיילקע, און זי האָט אַלץ אָפּגעטאָן, אַלץ צוגעגרייט, און אַז זי האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן דער קימפּעטאָרן מיט צונויפגעלייגטע הענט, האָט זי אויסגעקוקט ווי אַ מחותנתטע, וואָס האָט אַקאָרשט דערציילט דער כלה דעם סוד.

די באָבע איז געזעסן, האָט געוואַרט, און ביי דבורהן האָט זיך טאַקע באַלד פאַרקרימט דאָס פּנים, זי האָט דערפילט דאָס אַנקו־מען פון די ערשטע ווייטיקן. די ווייטיקן האָבן זיך פאַנאַנדערגע־נומען אין איר, ווי צייטיקע בלעטער, און די באָבע האָט אויסגע־צויגן אַ האַנט, האָט פאַרמאַכט די טיר, און ווי נאָר זי האָט צוגע־מאַכט די טיר, אַזוי האָט דבורה אויפגעשריען מיט אַן אָפענעם מויל, האָט אַרויסגעלאָזט פון זיך דעם ווייטיק.

די באָבע האָט אַלץ געקענט טאָן, וואָס זי האָט נאָר געוואָלט, און קיינער האָט איר גאָרניט געזאָגט, קיינער האָט זיך איר ניט גע־שטעלט אַנטקעגן, נאָר איצט, אַז זי האָט צוגעמאַכט די טיר, איז די מאַמע דאָרט האָט באַלד אויפגעשריען, ווי מ'וואָלט זי געשלאָגן, האָט זיך מלכה אַ ריס געטאָן פון אָרט, האָט אויפגעריסן די טיר און האָט זיך אַריינגעיאָגט אין חדר, נאָר דאָ איז איר באַלד אַנטקעגן גע־קומען די באָבע און מלכה איז געבליבן שטיין אויפן שוועל. די באָבע איז איר אַנטקעגן געקומען אַזוי, אַז זי האָט פאַרשטעלט מיט זיך די בעט, וואו עס איז געלעגן די מאַמע, האָט אַלץ פאַרשטעלט, און מלכה האָט וויינענדיק אויפגעשריען:

— מאַמען!

צווישן איר און דער מאַמען איז געשטאַנען די באָבע, און מלכה האָט געקוקט צו דער מאַמען, אויף דער מאַמען, און די מאַמע האָט באַלד אַראָפּגעלאָזט די אויגן און האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ. מלכה איז געבליבן איינינקע אַליין, און די באָבע האָט זי אָנגע־נומען פאַר אַ האַנט און האָט זי אַרויסגעפירט פון חדר:

—גיי אַרויס, מיין קינד, דאַרפסט דאָ ניט זיין.

די באָבע האָט צוריק פאַרמאַכט די טיר און מלכה איז געבליבן אַזוי ווי די באָבע האָט זי אַוועקגעשטעלט, אַן אויסגעצויגענע, אַ דינע, און עפּעס ווי דאָס רחמנותדיק בוימל, וואָס האָט אַרויסגעשפּראַצט אויפן מיטן וועג — אַ פאַרלאָרענע, אַ פאַרגעסענע באַשעפעניש. זי האָט געפירט מיט די אויגן, האָט געקוקט ווי אין אַ חלום, האָט גע־קוקט אויפן טאַטן, און ר' חאַצע איז זיך געזעסן אין ווינקל, דאָרט וואו שטענדיק, און אַזוי ווי שטענדיק. אין זאַל איז געווען פּוסט, ליידיק, ווי אויף אַ פעלד, און מלכה האָט פּלוצלונג אויפגעשריען, זי האָט זיך דערמאַנט, אַז זי האָט מורא, שרעקט זיך, נאָר ר' חאַצע האָט

זיך ניט געריררט פון אָרט, האָט אפילו ניט אַ ריר געטאָן מיט אַן אבר. ער האָט געהאַלטן פאַר זיך דעם אָפענעם ספר, אַזוי ווי אַלעמאָל, און נאָך אַ סך פריער פאַר מלכהס געשריי, באַלד ווי דבורה האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט, און עס איז געקומען די באָבע, האָט ער אַרויפגעהויבן אַביסל די שווערע ברעמען זיינע און האָט שטאַרק אויסגעצויגן די האַלדז. די האַלדז איז געווען ביי אים אַ דינע, אַ צעקנייטשטע, ווי ביי אַ מענטשן, וואָס איז שוין לאַנג קראַנק, און ערשט איצט האָט מען געקענט זען, ווי דאַר ער איז, ווי אויסגעדאַרט. מלכה האָט זיך גע־וואָלט אַפּרייסן פונם טאַטן, נאָר זי האָט עס ניט געקענט, און דער שרעק אַרום איר און אין איר איז געוואָרן גרעסער, איז געוואָרן מערער, ביז זי האָט זיך קוים אָפּגערוקט אַן אַ זייט, ווי מען באַהאַלט זיך פון שטיינער וואָס אימיצער וואַרפט, און האָט זיך דאָרט פאַר־שלאָגן אין דעם ברייטן, פליושענעם פאָטעל. זי האָט צוגעמאַכט די אויגן, אַז זי וועט ניט זען, וועט גאָרניט זיין, נאָר די מאַמע דאָרט, אין דעם פאַרשלאָסענעם חדר, האָט באַלד ווידער אויפגעשריען, און די געוואַלטן אירע האָבן זיך צעטראָגן איבער דער שטוב, ווי גע־פּלאַצט פון איינגשאָפּט, און מלכה האָט געעפנט די אויגן, האָט גע־עפנט דעם מויל און האָט אויך אָנגעהויבן צו שרייען.

די געשרייען אירע האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער מאַמעס, און ר׳ חאַצע האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, איז דורכגעגאַנגען פאַרביי דער פאַרמאַכטער טיר, ווי פאַרביי אַ נאַקעטן פייער, וואָס מען ציטערט דערביי אויף מיטן גאַנצן לייב, מיט די נעגל, און דערנאָך איז ער צוגעקומען צו מלכהן. ער האָט איר נאָך גאָרניט געזאָגט, און מלכה האָט אַריינגעכאַפּט דעם גראָבן פינגער אין מויל אַריין, אַז זי זאָל מער ניט שרייען, און ר׳ חאַצע האָט אויפגעהויבן אַ האַנט, און האָט איר אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ.

מלכה האָט דערזען, אַז דער טאַטע וויינט. זי האָט טאַקע גאָר־ניט געהערט, גאָרניט געזען, נאָר דער טאַטע האָט פאָרט געוויינט, און מלכהן איז קאַלט געוואָרן אין קאָפּ, און ווייט פון זיך האָט זי געהערט, ווי עס קלאַפּט איר אַ צאָן אָן אַ צאָן. ר׳ חאַצע האָט זיך צוריק געלאָזט גיין צו זיין אָרט, און אַז ער האָט זיך פאַרהאַלטן, האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער פאַרמאַכטער, בלינדער טיר,

האט מלכה צו אים א געשריי געטאן מיט אלע אירע כוחות, ווי זי וואלט אים געוואלט פון עפעס ראטעווען:

— טאטע!

ר׳ חאצע האט זיך אומגעקערט, האט אויף איר א גלאנץ גע־טאן מיט זיינע אויגן, וואס זיינען איצט געווען נאקעט, אויס־געטאן פון די ברעמען, שוין לאנג, אז דער טאטע האט ניט געהאט אזוינע אויגן, און מלכהן איז ווארעם געווארן אויף דער נשמה, און זי האט זיך א וואקל געטאן ווי א שיכורע. און ר׳ חאצע איז ווייטער געגאנגען, האט זיך אנידערגעזעצט אויף זיין ארט, און אז ער איז שוין געזעסן, האט ער הויך אויפגעאטעמט אויפן קול, מיט א קרעכץ, ווי נאך א שווערער ארבעט. דער קרעכץ זיינער האט אפגעהילכט, אז עס האט געשטאכן אין די אויערן, און דערנאך איז געווארן שטיל, ווי אויסגעבעטער סאמעט, און עס האט זיך געהערט אין דער פור־לער, זאפטיקער שטילקייט, ווי עס וויינען די ווענט, ווי עס וויינט די שטוב.

אין דרויסן האט זיך שוין גענזעצט די זון, עס האט זיך געזיפט דער פארנאכט, און נחמן האט היינט איבערגעלאזט די קראם א סך פריער איידער אלעמאל, און ווי נאר ער איז געקומען אהיים, ווי ער איז נאר אריין אין שטוב, אזוי האט ער גלייך געוואלט אויס־שרייען:—וואס איז דער מאמען? וואס מאכט די מאמע?—נאר אין שטוב איז אלץ געווען אזוי, אז ער האט גארניט געזאגט, גארניט געפרעגט. ער איז געבליבן שטיין א צעטומלטער, א דערשראקענער, און ר׳ חאצע האט זיך ניט אומגעקוקט אויף אים, און מלכהן האט ער אויך ניט געארט, און די צאפלדיקע פרישקייט, וואס ער האט געבראכט מיט זיך פון דרויסן, איז דא ביסלאכווייז דערטרונקען גע־ווארן אין דער שטילקייט, און ר׳ חאצע האט זיך באלד נאך דעם אפגערופן:

— נחמן...

ער האט אים ניט גערופן צו זיך, האט אים גארניט געזאגט, ער האט נאר ארויסגערעדט א לעבעדיק ווארט אזא, און נחמן האט אים פונקט אזוי געענטפערט:

— איך...

נחמן האָט שטאַרק אָפּגעאָטעמט, פון וואַרעמקייט, און ר׳ חאַ־צע האָט שווער אַראָפּגעלאָזט די ברעמען, דעם קאָפּ.

אין זאַל איז געוואָרן טונקל, פינצטער, און באַלד איז אַריינ־געקומען די דינסט און האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ. ר׳ חאַצע האָט פּאַמעלאַך און לאַנג אויסגעדרייט צו איר דעם קאָפּ, ווי עס וואָלט אים דערביי שטאַרק ווייַ געטאָן דער נאַקן זייַנער, און די דינסט האָט שטיל געזאָגט:

— גייט צום טיש, שוין געגרייט.

און אַז זי האָט עס אָפּגעזאָגט האָט זי זיך אויף גיך געלאָזט אַרויסגיין פון זאַל, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז זי זאָל ניט אויס־פּלאַצן אין אַ געוויין. ר׳ חאַצע האָט זיך דער ערשטער אויפגעהויבן פון אָרט, האָט זיך געלאָזט גיין צום עסשטוב, און מלכה מיט נחמנען האָבן זיך אויפגעהויבן נאָך אים און זייַנען אים נאָכגעגאַנגען.

ר׳ חאַצע האָט אַפּריער אָנגעקוקט דעם געגרייטן טיש, שטייענ־דיק אַ גלייַכער, אַ רואיקער, דערנאָך האָט ער זיך אַנידערגעזעצט ווי עס באַדאַרף צו זייַן, און געקוקט האָט ער גלייַך פאַר זיך, ער האָט הויך אַריבערגעקוקט איבער דבורהס שטול, וואָס איז איצט געשטאַ־נען פאַר אים — אַ ליידיקער.

די קינדער האָבן גענומען עסן, קוקנדיק צו זיך אין טעלער אַריין, נאָר באַלד האָבן זיי ביידע גלייַך דערפילט, אַז דער טאַטע אַליין עסט ניט, ער האָט נאָר געמאַכט די „מוציא״ און ווייַטער רירט ער זיך אַפילו ניט צו, און זיי האָבן ביידע גלייַך אַוועקגעלייגט לעבן זיך דעם גאָפּל, דעם מעסער, האָבן קוים אַראָפּגעשלונגען דעם ביסן און זייַנען געבליבן זיצן אַזוינע פאַרשוּלדיקטע, ביז טרערן.

## XXII.

און שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן די נאַכט, אַ גערדיכטע ווי סמאָלע, און אַ קריכנדיקע ווי אַ שלאַנג. מען איז באַלד אַוועקגעלאָפן נאָכן דאָקטאָר, און דער פריציישער דאָקטאָר האָט אַפּריער אַרומ־

געקוקט די קימפעטארן, און דערנאך האט ער א געשריי געטאן אויף דער באבען:

— שלעכטן!

די קימפעטארן האט שוין מער ניט געשריען, נאר זי איז געלעגן אין א שטילקייט, ווי א שטיין אין דער נאכט, און די שטילקייט האט געשווידערט אויף די ווענט, אויף די שויבן, האט געשווידערט אויפן נאקעטן מוח, אז מען האט געקענט ארונטער פון זינען.

ר׳ חאצע איז געשטאנען אין מיטן שטוב, א גלייכער, אן אויסגעשטעלטער, און די באבע האט זיך ארומגעדרייט איבערן שטוב, האט זיך געבראכן די הענט, און האט געהאלטן אין איין איבערחזרן, ווי זי וואלט אימיצן געטרייסט:

— דער אויבערשטער וועט העלפן, ער וועט זיך מרחם זיין!

אין קיך האט הויך אויפן קול געוויינט די דינסט, און מלכה איז צוגעפאלן צו איר, האט זיך געטוליעט, האט זיך געצאפלט ווי אן אפגעריסענע בלאט, און די דינסט האט זי אריינגענומען צו זיך, ווי זי וואלט זי געוואלט פארווינן, און נחמן איז געשטאנען א צעגעקלעפטער צו דער וואנט, ווי א טויטער שאטן.

דער דאקטאר האט געעפנט די טיר, האט געהייסן, אז מען זאל אים עפעס דערלאנגען, געבן, און דערנאך האט ער ווידער געעפנט די טיר, האט ארויסגעשפארט א צעשויבערטן קאפ און האט א געשריי געטאן צו ר׳ חאצען:

— גייט!

ר׳ חאצע האט איבערגעווארט א רגע און דערנאך האט ער זיך געלאזט גיין מיט פיס, אז עס האבן געהילכט זיינע קנעכל, און אז ער איז אריין אין חדר און דבורה האט אים דערזען לעבן זיך, איז זי ווי דורך א כישוף געווארן אויס שטיין, איז צוריק געווארן א מענטש — א מענטש, וואס האט זיך שוין אנגעליטן א סך, א סך, און אירע אויגן זיינען אנגעפילט געווארן מיט שטילע, געטרייע טרערן. זי האט שלאף אנגענומען זיין האנט און ער האט זיך צוגעבויגן צו איר און זי האט אים שטיל געזאגט, מיט ליבע:

— איך שטארב.

זי איז געווען א ריינע, א ליכטיקע, ווי א זייל פון הימל, און

ער איז געשטאנען לעבן איר, אז ער פאלט פאר איר כורעים, און זי האט נאך עפעס געוואלט זאגן, זייער א נויטיקע זאך, נאר דא האט שוין אים דער דאקטאר געהייסן ארויסגיין, האט פארהאקט נאך אים די טיר, און ר' חאצע איז געגאנגען און געגאנגען, איינהיטנדיק אויף זיך די שטראלן, וואס ער האט מיטגענומען ביי איר, ביז ער האט זיך אנידערגעזעצט אויף זיין ארט. און שפעטער, א סך שפעטער, אז ער איז שוין געזעסן, האט ער אריינגענומען דעם ספר אין די הענט אריין, האט זיך שטארק אריינגעקוקט אין דער לעצטער שורה, אוואו ער לאזט איבער, אין דעם לעצטן ווארט, און ער האט עס איצט געקענט אריבערטראגן, עס איז אים געווען ניט שווער, און מיטביידע הענט האט ער באלד טאקע צוגעמאכט דעם ספר, אז עס האט אפגעהילכט איבער דער גאנצער שטוב, ווי דער לעצטער אטעם פון א מענטשן. נחמן האט זיך אפגעקלעפט פון דער וואנט, האט געוואלט א געשריי טאן, נאר ר' חאצע האט זיך שוין אויפגעהויבן מיטן ספר אין ביידע הענט, האט געהאלטן דעם ספר אזוי, ווי עס וואלט געווען א גאנצער בארג און מען טאר פון דעם ניט פארלירן קיין שטויבעלע, און געגאנגען איז ער מיט טריט, וואס האבן זיך ניט געהערט, נאר געזען. נחמן האט אויפגעהערט צו אטעמען, אזוי האט ער געהיט דעם טאטן, און ר' חאצע האט אריינגעשטעלט דעם ספר אין ספרים-אלמער, האט פון דארט ארויסגענומען דעם אלטן, צעפלאכטענעם תהילים, וואס האט שוין יארנלאנג געשוויגן, און מיט דעם תהילים אין די הענט האט ער זיך אנידערגעזעצטביים טיש, פארן לאמפ, און האט גענומען זאגן הויך אויפן קול: אשרי האיש אשר לא הלך — — —

מלכה איז אנטשלאפן געווארן ביי דער דינסט אויפן שויס, און די דינסט האט אויך איינגעדרעמלט א וואכיקע איבער איר, ווי א מאמע, און נחמן איז געשטאנען ביי דער וואנט ווי א שאטן, האט געהערט דעם טאטנס תהילים זאגן, און אויף זיין מוח האט געזעצט א האמער, קלאפ נאך קלאפ, אז די מאמע שטארבט! די מאמע שטארבט! די מאמע שטארבט! ער האט זיך געפרייט, ווען די מאמע האט זיך אויפגעהערט מישן אין קראם, וואס ער איז געווארן א גרויסער, א באלעבאס, און איצט שטארבט די מאמע צוליב אים, איבער אים. מאמע!

נחמן איז געוועזן אליין, און קיינער האָט אים ניט אָנגערירט, ניט געשושקעט, און עס האָט זיך אים געדוכט, אַז ער דרעמלט איין, און אין מויל איז אים געוועזן זיס ביז חלשות.

—והיה כעץ שתול — — —

ווי עס טריפן די טראָפנס טוי פון אַ בוים אין אַ פרישן פרי־מאָרגן, טרערנדיק און ריין, אַזוי האָט זיך געגאָסן ר׳ חאַצעס תהילים זאָגן, וואָרט נאָך וואָרט, לעבעדיקע טראָפנס טוי, וואָס רייסן זיך אָפּ, פלאַטערן אין דער לופטן און פאַרגייען פון דער וועלט מיט אַ לויב צום בורא עולם, און נחמן האָט זיך געוואָלט אַ וואָרף טאָן צום טאַטן, און אין אַלץ זיך מודה־זיין פאַר אים און אַלץ אים דערציילן, אַז ער וועט באַלד שטאַרבן אינאיינעם מיט דער מאַמען, וועט אויסגיין אינאיינעם מיט איר. רעכט אַזוי, טאַטע, גוט?

נחמן האָט זיך שוין אָפּגעקלעפּט פון וואַנט, האָט געמאַכט אַ טראָט, נאָר דעם טאַטנס תהילים זאָגן האָט שוין פאַרנומען די גאַנצע שטוב, האָט לעבעדיק געציטערט אין יעדן ווינקל, און נחמן איז ענג און פאַמעלאַך, שפּאַן נאָך שפּאַן, צוגעגאַנגען צום זייטיקן טישל, וואָס איז געוועזן צוגערוקט צו דעם גרויסן שפּיגל, האָט זיך דאָרט אַנידערגעזעצט, און אין שפּיגל האָט ער דערזען דאָס אייגענע פּנים זיינס. ער האָט געוואָלט וויינען, פאַנאַנדערוויינען זיך, נאָר אַליין פון זיך האָבן בײַ אים די ליפּן געמורמלט דעמזעלבן ניגון, וואָס דער טאַטע מיט זיין תהילים זאָגן, און אויפן טישל זיינען געלעגן די לאַנגע רעכענונגען, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פון דער קראָם, און זיבן מיט פיר איז עלף, עלף מיט זעקס איז זיבעצן, און זיבעצן מיט — — —

ביז עס האָבן זיך צעשפּאַלטן די צוויי שווערע, גלעזערנע טרערן, וואָס האָבן די גאַנצע צייט געשטאַנען אין זיינע אויגן, און ער האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט, אַריבער דעם טאַטנס ניגון, און ר׳ חאַצע האָט זיך אַ ריס געטאָן, ניט צו אים, ניט צו נחמנען, נאָר ער האָט אויפגעריסן די טיר, האָט זיך אַריינגעשניטן אין חדר, און דער דאָקטאָר איז גלייך פאַר אים אָפּגעטראָטן אַן אַ זייט, האָט גלייך אָפּגעטראָטן פאַר אים דעם אויבן־אָן. ער האָט געהאַלטן אַראָפּגע־לאָזט דעם קאָפּ, דער דאָקטאָר, און דבורה איז געלעגן אַ צוגערעקטע

ביז צום האלדז, און עס זיינען שוין ביי איר געווען צוגעמאכט די אויגן און צוגעמאכט דאָס מויל.

ר' חאַצע האָט זיך אַ וויש געטאָן דעם שטערן, דעם פּנים, אײַז מאָל און נאָך אַ מאָל, און דערנאָך האָט ער זיך אָנגעבויגן צו דבורהן, נאָענט־נאָענט, אַז ער האָט מיט זיין גליכן, געשניטענעם אָטעם אָנגערירט איר שלאָפנדיקן פּנים, איר פאַרשלאָסן מויל, און ער האָט הויך אַרויסגערעדט, וואָרט ביי וואָרט, און יעדן וואָרט אַזוי קלאָר, ווי קריסטאַל:

— ברוך דיין אמתו

דער דאָקטאָר האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם מאַנטל, האָט מיט גע־וואָלט געוואָלט אַרײַפשלעפּן אַ הענטשקע אויף די פינגער, וואָס האָבן זיך גראָדע איצט ניט געלאָזט פענטען, און ער האָט זיך אויף גיך געלאָזט גיין צו דער טיר, אַוועקגיין, נאָר שוין אויף יענער זייט שוועל האָט ער זיך פלוצלונג אָפּגעשטעלט, האָט זיך צוריק אומגע־קערט אין זאַל אַריין און האָט זיך אַנידערגעזעצט ביים טיש, פּונקט אַנטקעגן ר' חאַצען. דער דאָקטאָר האָט שווער אַראָפּגע־לאָזט די הענט, אַריבער די ווענטלאַך פון שטול, ווי ער וואָלט גע־ווען זייער מיד, און ר' חאַצע האָט געאָטעמט מיט קאַל־טע טראָפּנס שווייס, און דער דאָקטאָר האָט געקוקט אויף ר' חאַצען, און ר' חאַצע האָט גלאַט אַזוי געהאַלטן אָפן די אויגן.

— מזלו

דער דאָקטאָר האָט עס געזאָגט מער צו זיך אַליין ווי צו ר' חאַ־צען, און נחמן האָט זיך שוין לאַנג אויפגעכאַפּט פון זיין חלשות, און ער האָט געקוקט, האָט געהערט, נאָר קיינער האָט ניט געוויינט, קיינער האָט ניט געשריען, מען האָט קיינעם ניט באַוויינט, עס איז געווען שטיל, גוט, און נחמן האָט גליקלאַך געשמייכלט מיט זיינע נאַקעטע ציין, ווי אין אַ חלום, ווי ניט ביים זינען. און דער דאָק־טאָר האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט, און ווי ער וואָלט עס אַרויסגע־זאָגט פאַר אַ וועלט מיט מענטשן:

— מזלו

# XXIII.

און אין דרויסן האָבן זיך שוין אויסגעלאָשן די שטערן, און נאָך איידער עס איז אויפגעגאַנגען דער פרימאָרגן, וואָס האָט נאָקעט אָפּגעדעקט דעם אומגליק, איז שוין די גאַנצע שטוב פול געווען מיט מענטשן. די מענטשן האָט קיינער ניט גערופן אַהער. זיי זיינען אַליין געקומען, און פרעמדע, ניט געבעטענע, האָבן זיי באַלד פאַרנומען די גאַנצע שטוב, יעדן ווינקל. זיי האָבן געטראָגן שווערע, פאַרבלאָטיקטע שטיוול, כאָטש דעם יאָר זיינען געפאַלן ווייניג רעגן, עס איז נאָר געווען אַ טריקעניש, און גערעדט האָבן זיי נאָר צווישן זיך, אָפּגעריסענע ווערטער נאָר, הייזעריק, פאַרשימלט, און עס האָט זיך געטראָגן פון זיי אַ שווערקייט, אַ פאַרזשאַווערטקייט. זיי האָבן אַלץ געוואוסט, האָבן ביי קיינעם גאָרניט געפרעגט, האָבן זיך מיט קיינעם ניט אָנגעקערט, און באַזונדער פון זיי האָט אימיצער אין דער שטיל אַ וויין געטאָן אין אַ ווינקל, אַזוי דין ווי אַ נאָדל:

— די חברה קדישא, אוי!

אין שטוב איז געווען בלייאיק־שטיל און בלייאיק־שווער, ווי דער פאַרטאָג אין דרויסן, נאָר דער פאַרטאָג אין דרויסן האָט זיך ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט אין אַ ליכטיקן, זוניקן טאָג, און אין שטוב האָט זיך גאָר ניט געביטן. אימיצער פון די שטוביקע האָט געעפנט די טיר וואָס צום גאָרטן, און דער גאַנצער, פרייליכער, ליכטיקער טאָג האָט זיך מיטאָמאָל אַ שפּאַר געטאָן אין שטוב אַריין, נאָר איינער פון דער חברה קדישא איז באַלד צוגעגאַנגען מיט שווערע טריט, ווי דאָס זעצן פון אַ האַמער, און האָט צוריק פאַרהאַקט די טיר. און ערגעץ ווייט, אין קיך, צי גאָר אין דרויסן, האָבן ווייבער אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, ווי דאָס ברעכן פון טרוקענע צווייגן.

די מענטשן האָבן זיך גערירט ווי קלעצער, און דער פרעמדער געוויין האָט איבעריק געשניטן ביים האַרצן, און ער האָט טאַקע באַלד אויפגעהערט, און פאַר די אויגן האָט מיטאָמאָל אויפגעשיינט דער טרוקענער גערויש פון נייע, האַרטע לייוונט, נאָר אַ צעשראָקענע האַנט האָט עס באַלד צוגעדעקט, פאַרגלעט מיט אַ טרער, און די דינסט האָט געמינטערט מלכהן, וואָס האָט געהאַלטן אין איין

חלשן, שטום, אָן אַ פּיפּס אַפילו, אָט לעבט ביי איר דאָס פּנים און זי וויל עפּעס זאָגן, און אָט חלשט זי שוין ווידער, און ביי נחמנען האָבן געברענט די אויגן ווי צוויי אַנגעצונדענע קוילן, און אַליין איז ער געווען בלייך ווי דער טויט, און ר׳ חאַצע איז נאָך אַלץ געזעסן ביים טיש, אַזוי ווי נעכטן, אַזוי ווי ער איז געזעסן די נאַכט, מיט אַ נאַקעטן לייב, מיט אַ נאַקעטער נשמה, און ער האָט אַלץ איין זיך איינגעזאַפּט, ווי אַ יונגער, פרישער שוואָם, אי דעם רעש פון די אָרו־מיקע, און אי די שטילקייט פון די, וואָס לעבן שוין מער ניט.

דערנאָך איז געווען די לויה, און נאָך דער לויה זיינען נאָכ־געגאַנגען קינד און קייט, די גאַנצע שטאָט, אַפריער ,פאַר דער לוויה, האָט זיך גערוקט די זון אויפן הימל, ווי געפירט, ווי אָנגעוויזן דעם וועג, און דער ערשטער נאָכן אָרון איז נאָכגעגאַנגען ר׳ חאַצע, אַ שוואַרצער ווי די ערד און אַ שטומער ווי די ערד. און ערשט אויפן הייליקן אָרט, ווען מען האָט שוין אַראָפּגעלאָזט דעם מת, איז ר׳ חאַצע צוגעגאַנגען גאָר נאָענט צום ראַנד, האָט זיך אָנגעבויגן נידעריק־נידעריק, און האָט אַריינגעשריען אין קבר אַריין:

—איך בין דיין מלאך המות, איך!

דעם עולם אַרום האָט דורכגעשטאָכן אַ ציטער, מען איז גע־בליבן פאַרגליווערטע, אַז עס האָבן פּלוצלונג אויפגעלעבט די מצבות, און ווי אַ בת־קול פון בית־עולם אַרום האָט זיך דערטראָגן דאָס, וואָס ר׳ חאַצע האָט ווייטער געשריען:

—דו הערסט מיך, דבורה? איך!

דערנאָך האָט ער זיך אויסגעגלייכט, האָט זיך אומגעקערט, איז דורכגעגאַנגען צווישן דעם עולם, און דער עולם האָט געקוקט אויף ר׳ חאַצען, און געזען האָט מען פאַר זיך אַ פרעמדן מענטשן, ניט קיין הינו, און ר׳ חאַצע האָט זיך געלאָזט גיין פונם הייליקן אָרט אַוועק, דער ערשטער און איינער אַליין.

דערנאָך איז מען געזעסן שבעה, און קרובים און גוטע פריינט און סתם אָנגעזעענע באַלעבאַטים זיינען געקומען מנחם־אָבל זיין דעם אַלמן, טרייסטן די יתומים. און ר׳ חאַצע האָט געקוקט אויף אַלעמען, האָט אַלעמען אויסגעהערט און האָט געשוויגן, ווי עס שווייגט די ערד. נאָר אַז עס איז געקומען דער אַלטער רב, און דער

אלטער רב האט אויך גערעדט דאס זעלביקע וואס אלע, טרייסט־ווערטער, האט ר' חאצע פלוצלונג אויסגעצויגן צו אים א האנט, ווי אן אפגעשיילטע צווייג, און האט אים אפגעהאקט אין מיטן:

— געבענטשט זאל זיין די זריעה, וואס ברייגנגט פרוכט אויף דער וועלט, און פארשאלטן זאל זיין דער מענטש, וואס זייט פון זיך טויט!

ר' חאצע האט זיך אויפגעשטעלט פון דער ערד, האט איבער זיך אויפגעהויבן די ברעמען, און דער אלטער רב איז אזש אפגעטראטן פון אים, און ר' חאצע וועט אט א פאטש טאן מיט די פליגלען, וועט זיך אויפהויבן, נאר דער אלטער רב איז באלד געקומען צו זיך, און ער איז צוגעגאנגען צו ר' חאצען, איז צוגעטראטן צו אים, און גע־ווען איז שוין דער אלטער רב פול מיט כעס, מיט צארן:

— זינדיקסט, חאצע, זינדיקסט!

ר' חאצע האט צוריק אראפגעלאזט די ברעמען, ווי א צודעק אי־בער זיך, און פון זיינע אויגן האט זיך ארויסגעקוועטשט א טרער — אן אויסגעלייזטע שטיק צער:

— דער אויבערשטער וויל ניט פון מיר קיין מצוות, ער ציילט נאר מיינע עבירות.

# XXIV.

ר' חאצע האט מער ניט גערעדט מיט קיינעם, ער האט גע־שוויגן, נאר זיין שווייגן האט געטריבן פון זיך ווי מיט בייטשן, און טאג און נאכט איז ער געזעסן אליין, מיט אראפגעלאזטע ברע־מען, וואס האבן אים געפאנצערט, און האט צו קיינעם ניט ארויס־גערעדט קיין ווארט. נאר פלוצלונג שטעלט ער זיך אמאל אויף מיטן פנים צו דער וואנט, טראגט זיך נאענט צו די אויגן צו דעם אלטן, פארגעלטן תהילים, און זיין תהילים זאגן רייסט די פארשלאסענע הימלען, ווי דאס ברומען פון א געפאנגענער חיה. די דינסט אין קיך הויבט אויף א געוויין אויפן קול, און מלכה ציטערט, צאפלט

זיך, און מיט די אויגן, מיט די אויגן נאָר, בעט זי זיך, אַז מען זאָל אויפהערן, זי וויל איינשלאָפן, פאַרגעסן, און נחמן כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ, ווייסט ניט וואָס צו טאָן, און לויפט אין גאַנצן אַרויס פון שטוב. נאָר ער לויפט ניט ווייט, ער בלייבט שטיין אין גאָרטן, וואָס רינגלט אַרום די שטוב, און ערשט דאָ הערט ער זיך צו צום טאַטנס תהילים זאָגן, הערט און זעט, און דער טאַטע איז נערעכט, איז נערעכט!

נחמן גייט דריי מאָל אַ טאָג אין שול אַריין, זאָגט קדיש נאָך דער מאַמען און אין שול פרעגן ביי אים מענטשן:

— וואָס מאַכט דער טאַטע?

— אַ דאַנק!

נחמן האָט ניט געוויינט ביים קדיש זאָגן, נאָר איצט, ביים ענטפערן וואָס עס מאַכט דער טאַטע, דערפילט ער, אַז ער האָט פולע אויגן מיט טרערן, און ער קערט זיך אָפּ פון די מענטשן און גייט אויף גיך אַרויס פון שול. ער קומט צוריק אַהיים, ברייננט מיט זיך אַ כעס, נאָר אין דערהיים איז שטיל, ווי אויסגעבעט פאַר אימיצן, און נחמן פאַרשלאָגט זיך אין אַ ווינקל, הערט זיך צו, און עס דוכט זיך אים, אַז אימיצער איז דאָ קראַנק, אַז אַלע זיינען קראַנק און קיינער וועט ניט קומען אַהער, קיינער ניט, און עס איז גוט, גוט...

אַט אַזוי האָבן זיך געדרוקט די טעג, די וואָכן, און די קראָם ווייערע אויפן מאַרק איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ פאַרשלאָסענע, האָט גע־שטאַכן אין די אויגן: און וואָס וועט פאַרט זיין? ווען וועט מען שוין אַמאָל עפענען די קראָם?

מענטשן רעדן, טענהן, מאַנען — די עוולה, וואָס ר' חאַצע באַ־גייט דאָ רירט דאָך אָן דעם עצם דרך פון דער וועלט, וואָס די ערד דעקט צו איז צוגעדעקט, און ניט דער מענטש, נאָר דער אויבער־שטער אַליין האָט אוועקגעלייגט די מחיצה צווישן דעם לעבעדיקן און דעם טויטן, און קיינער קען עס ניט אַריבערטרעטן, קיינער ניט, ר' חאַצע!

נאָר ר' חאַצע איז געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע ברעמען, וואָס האָבן אים געפּאַנצערט, און אויף נחמנען האָט זיך דאָס אַלץ גע־לייגט אַזוי שווער, ווי בליי, און אַזוי שאַרף, ווי אַ מעסער. ער האָט

נאר געוואָלט פאַרהיטן דעם טאַטן, אָפּהיטן, און אָפּט כאַפּט ער זיך אויף אין מיטן דער נאַכט, קוקט צעשראָקן, זוכט דעם טאַטן, און אַז ער געפינט אים, צעשמייכלט ער זיך בלייך, ווי אַ שוואַך קינד: טאַטעו און ווערט צוריק אַנטשלאָפן.

דער אַלטער פריקאַזשטשיק פון קראָם איז שוין איין מאָל געקומען צו ר׳ חאַצען, איין מאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל, אַז אַ סוף, און געווען איז עס שוין ווייט נאָך שבעה, ווייט נאָך שלושים, נאָר ר׳ חאַצע האָט נאָך אַלץ געשוויגן, ווי עס שווייגט די ערד, און דער אַלטער האָט געריידט צו נחמנען, ווי ער וואָלט אים געהייסן, וואָלט אים אָנגעזאָגט:

— רעד דו מיטן טאַטן, רעד דו מיט אים!

און נחמן האָט געענטפערט צעטראָגן, ווי אַ גרויסער, אַ דער־וואַקסענער:

— גוט... גוט!

ר׳ חאַצע האָט געהאַט איבער דער וועלט אַ סך וועקסלען, און נחמן האָט עס זייער גוט געוואוסט, און די וועקסלען זיינען טאַקע געקומען אין צייט, איינס נאָך איינס, און נאָך די וועקסלען זיינען געפלויגן דעפּעשן — פאַרוואָס צאָלט מען ניט? ענטפערט טעלעגראַ־פיש! און נחמן האָט געוואָלט צוגיין צום טאַטן און דערציילן אים, רעדן, זאָגן, נאָר איידער ער איז נאָך צוגעגאַנגען, איז ער שוין אָפּ־געשפּרונגען אַן אָפּגעבריטער, און ערשט דערנאָך איז ער אומגעגאַנ־גען מיט אַ מאַטערניש אין האַרצן און האָט זיך אַליין ניט געקענט מוחל זיין, פאַרוואָס ער האָט גאָר געקענט טראַכטן וועגן די וועקסלען, וועגן דער קראָם. און אַז דער אַלטער פּריקאַזשטשיק איז צו אים ווידער צוגעשטאַנען: — נו, האָסט גערעדט מיטן טאַטן? — האָבן זיך ביי נחמנען אָנגעצונדן די אויגן, און ער האָט אַ זעץ געטאָן אין טיש, נאָר צעשריען האָט ער זיך ווי אַ קינד, וועמען מען רייצט אומזיסט:

— ניין! ניין!

ביז די סוחרים אַליין זיינען אַראָפּגעקומען פון וואַרשע און פון אויסלאַנד, זיינען אַלע אינאיינעם געקומען צו ר׳ חאַצען, און ר׳ חאַצע האָט זיי אָנטקעגן געטראָגן די שליסלען, ווי ער וואָלט זיי אויף אַ טעלערל אונטערגעטראָגן דאָס לעצטע ביסל פון זיין נשמה.

נאָר די סוחרים האָבן דאָס ניט געזען, און זיי האָבן צוגעכאַפּט די שליסלען, ווי זיי וואָלטן גאָר מורא געהאַט, אַז ר׳ חאַצע זאָל נאָך ניט חרטה האָבן, און דערנאָך האָבן זיי אַלץ פאַרקויפט, אין אַ מיאָר־סער איילעניש, די קראָם, דעם מויער און אַלץ וואָס אין שטוב. נחמן האָט געזען, אַז איצט איז שוין עק וועלט. אויס! נאָר ר׳ חאַצע איז געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע ברעמען און האָט צו קיינעם ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. ער האָט נאָר געהאַלפן געפינען, אויב מען האָט עפּעס געזוכט, האָט ווען מען דערלאַנגט אַ שטול, און ווען מען ער האָט אַנגעוויזן מיטן האַנט, מיט אַ פינגער, אויב יענער האָט עפּעס ניט געוואוסט, און די מענטשן האָבן געקוקט, האָבן זיך געוואונדערט און האָבן זיך געשראָקן פאַר זיך אַליין. דערנאָך איז ער אַוועק אויפן מאַרק, צום סוף שוין, האָט געדונגען אַ פור, און אַליין, מיט זיינע אייגענע הענט, האָט ער אַרויסגענומען די ספרים פון אַלמער, האָט זיי אַרויפגעלייגט אויף דער פור און האָט זיי אַוועקגעפירט אין דער אַלטער, גרויסער שול אַריין.

צוריק פון שול איז ער געקומען נאָר מיט דעם אַלטן, צעפלאַכ־טענעם תהילים, און דערנאָך איז ער אַוועק ווייט פון שטאָט, צווישן די גויאישע געסלאַך שוין, האָט דאָרט אָפּגעדונגען אַ פאַרלאָזטע, גויאישע שטוב, און מיט זיינע ביידע קינדער פאַר די הענט, האָט ער זיך, נאָך אין דעם זעלבן טאָג, אַריינגעקליבן אין זיין נייער דירה.

די שטוב האָט געהאַט צוויי נידעריקע, צעשוואומענע חדרים מיט ערדענע פאָדלאָגעס, מיט קרומע פענצטער, און מיט לאַנגע, שוואַרצע ביינק ביי די ווענט. ר׳ חאַצע מיט די קינדער האָבן זיך אַנידערגעזעצט אויף די נאַקעטע ביינק, און ניט די קינדער האָבן געקוקט אויפן טאַטן און ניט דער טאַטע האָט געקוקט אויף די קינ־דער. ביי ר׳ חאַצען אויפן שטערן, אַריבער די ברעמען, זיינען גע־בליבן שטעקן אַ פּאָר שווערע טראָפּנס פון קאַלטן שוויים און די קינדער זיינען געווען צעטומלט, האָבן זיך געשראָקן פאַר דער פרעמדקייט, און מלכה האָט שטיל געוויינט אין זיך, ווי עס וויינט אַמאָל אַן עלטערע שוועסטער, וואָס דאַרף פאַר אַלעמען זאָרגן.

אין דרויסן האָט זיך שוין געזעצט די זון, ערגעץ ווייט, ווי הינטער אַ באַרג, און אין שטוב איז געווען שאָטנדיק־שטיל, אַז עס

האָט אַזש פּאַרווינט, נאָר באַלד איז אַריינגעקומען צו זיי אַ גרויסע, אַ פרעמדע אידענע. די אידענע איז געווען יחיאל־מנשה דעם וואַסער־פירערס ווייב — דער איינציקער איד וואָס האָט דאָ געוואוינט אין די גויאישע געסלאַך. די אידענע האָט גאָר ניט געזאָגט, זי איז אַריינגעקומען אַזוי, ווי זי וואָלט דאָ געווען די באַלעבאַסטע, און זי איז גלייך צוגעגאַנגען צו מלכהן, האָט זי שטאַרק אַרומגענומען און האָט זי שטאַרק צוגעטוליעט צו זיך:

— דער אויבערשטער וועט העלפן, ער וועט ניט פאַרלאָזן!

ר' חאַצע האָט אַפּגעקערט דעם קאָפּ, און נחמן האָט געקוקט מיט צוויי אויגן, ווי ער וואָלט זיך געשראָקן, אַז עס קומט שוין אויף זיי אַ נייער אומגליק, און מלכה האָט זיך בלינד ווי אַ קינד געטוליעט צו דער פרעמדער אידענע, וועמען זי האָט נאָך ביז איצט קיינמאָל ניט געזען, ניט געוואוסט, און די אידענע האָט זיך געגעבן אַ שבועה, אַז פון איצט אָן און ווייטער וועט זי אַכטונג געבן אויף דער יתומה, וועט אויף זיי אַלעמען אַכטונג געבן, ווי זיי וואָלטן געווען אירע לייבלאַכע, אייגענע.

# XXV.

יחיאל מנשה דער וואַסער פירער, וואָס צו אים האָט זיך עס ר' חאַצע אַריינגעקליבן אין שכנות, אויף זיינע גויאישע געסלאַך, איז געווען אַ קורצער איד מיט ברייטע, אויסגעהאַמערטע פּלייצעס, און מיט אַ רויטער, געדיכטער און זייער ווייכער באָרד, וואָס איז זייער געראָטן געוואַקסן פון זיין גאַנצן פּנים, אפילו פונם שטערן, דוכט זיך. אַ ווייב האָט דער יחיאל מנשה געהאַט אַ גרויסע, אַ שווערע, מיט אַ סך פלייש אויף זיך, נאָר אַמאָל פלעגט טרעפן, אַז זי האָט זיך פלוצלונג אַ זעץ אַנידער געגעבן, דיזעלבע ווייב, אין מיטן דערינען, איז געוואָרן ערדיק געל און האָט הייזעריק אָנגעהויבן צו כאָרכלען, ווי עס וואָלט איר ענג געווען אין האַלדז, אין האַרצן. יחיאל מנשה איז דעמאָלט געשטאַנען לעבן איר, האָט געביטן אַ פּוס אויף

א פוס, האט געטופעט ווי א סאָלדאט. נאָר טאָן איר עפּעס האט ער גאָר ניט געטאָן:

— וואס איז דיר, חנה? זאָג א וואָרט!

די ערשטע צוועלף יאָר נאָך זייער חתונה האט חנה יעדן יאָר געבראַכט א קינד אויף גאָטס וועלט, אַזוי אַקוראַט, ווי א זייגער, און פון די צוועלף קינדער זיינען איר געבליבן אכט, און חנה האט שוין געהאַט געננג אויף איר גאַנצן לעבן ווער צו שעלטן, וועמען צו קנייפּן און פון וועמען צו שעפּן נחת. און יחיאל מנשה אַליין, אַז די ווייב האט אים אונטערגעטראָגן א פולע שיסל מיט בארשט, וואס האט געשמעקט ווי וויין, און ער האט זיך פאַמעלאַך, מיט כוונה, אפּגעשניטן א לוסטע ברויט, אָרום און אָרום, ווי קיילעכיק עס איז דער גאַנצער לאַבן, און דעם ברויט האט ער נאָך אנגעריבן מיט א קנאָבלקע, און געגעסן האט ער ניט נאָר מיטן מויל, מיט די ציין, נאָר טאַקע מיטן גאַנצן לייב, מיט אַלע זיינע אברים — יחיאל מנשה איז זיך דעמאָלט געווען א גאַנצער קייסער, און מער האט ער גאָרניט פאַרלאַנגט פון דעם רבונו של עולם.

אין פענצטער האט אריינגעשיינט די זון, און דאס עסן האט זיך געלייגט אויף דער נשמה ווי א סאַמעט, האט אנגעפילט דעם גאַנצן גוף, נאָר פון דרויסן דערטראָגן זיך באַלד די גוואַלדן פון שקאַצים, דאס געלעכטער פון שיקסעס, און צווישן די שקאַצים מיט די שיקסעס איז אויך יחיאל מנשהס עלטערער זון, יחיאל מנשה ווייסט, אַז ער איז דאָרט, און עס ווערט מיטאַמאָל אומעטיק אַזוי אויפן האַרצן, אַז עס גייט שוין ניט איין דאס עסן, דאס לעבן, עס ווערט פינצטער די זון, וואס קוקט אריין אין פענצטער, און יחיאל מנשה טראַכט, טראַכט, נאָר קען זיך צו גאָר ניט דערטראַכטן. דער עלטערער זון זיינער, ער האט געהייסן קלמן, איז שוין דעמאָלט געווען א בחור נאָך בר מצוה, און יחיאל מנשה מיט חנהן האָבן שוין געהאַט פון אים א סך יסורים, א סך צער. ער האט גאָר ניט געוואָלט, ניט גיין אין תלמוד תורה, ניט העלפן דעם טאַטן, גאָר ניט! ער האט זיך נאָר ארומגעשלעפּט מיט די שקאַצים, דעם גאַנצן העלן טאָג, און ווי ביי גאָט א טאָג, האט זיך אינאַיינעם מיט די שקאַצים געטשעפּעט צו די שיקסעס, און זיי האָבן אים גראָדע ליב געהאַט.

די שקאַצים, די שיקסעס, און פאַרוואָס זאָלן זיי אים ניט ליב האָבן? אַז קלוג איז ער געווען ווי אַ איד און שטאַרק ווי אַ גוי, האָט געהאַט אַ רויטן, אַ פייערדיקן קאָפּ האָר, ווי עס איז געווען די באָרד ביים טאַטן, און חנה האָט אָפּט געזען דורכן פענצטער ווי ער קאָמאַנדע־ וועט דאָרט מיט די שיקסעס, און די שיקסעס קוויטשען, לאַכן, און חנה טרעט אָפּ פון פענצטער, שעמט זיך פאַר די אייגענע פיר ווענט, און עס ווערט איר איינג דאָס לעבן אירס און שווער צו טראָגן די צרות:

— אין וועמען איז ער געראָטן, אין וועמען?

חנה האָט שטיל געטענהט, האָט זיך פאַרענטפערט אַ שולדיקע, און יחיאל מנשה האָט זי שטיל געטרייסט:

— ער וועט נאָך אַמאָל דערהרגענען אַ מענטשן אויך, וואַרט!

אין שטוב איז ער, קלמן, שטענדיק געווען ווי אַן אָנגעדוגגענער, שטענדיק מיט כעס, נאָר מיט רוגזה, און אַז ער האָט זיך אַ זעץ אַנידער געגעבן צום טיש, איז ווי עס וואָלט אים געקומט, ווי מ'וואָלט אים געווען מחויב:

— מאַמע, עסן!

און אַז ניט איז וואָס? נאָר חנה וויל ניט פאַנאַנדערבלאָזן דעם פייער, זי וויל אים פאַרשטאָפּן די קישקע, דעם טריפהנעם האַלדז זיינעם, נאָר אַליין פון זיך ווערט זי באַלד ערדיק־געל, און עס ציט זי שוין אַראָפּ־צו, צום זיצן, און זי שרייט צו אים הייזעריק, פאַרשטיקט:

— נעם איין אַ מיתה משונה, מיין זון, נעם איין!

זי שעלט אים ניט, ניין, זי וויינט נאָר, זי בעט זיך, און יחיאל־ מנשה שטייט לעבן איר, טופּעט אַ פוס אויף אַ פוס, און אַז ער טאַנצט אָפּ זיין חלק קערט ער זיך דערנאָך אום צו זיין זון און זאָגט אים שטיל און פאַמעלאַך:

— ווען שמדסטו זיך שוין, משומד מיינער, ווען?

קלמן שווייגט, וואָס זאָל ער זאָגן? — עסן! און יחיאל מנשה גייט צו אים צו, הויבט שטיל און פאַמעלאַך אויף אַ האַנט און לאָזט אים אַראָפּ אַ זעץ, אַז קלמנען ווערט פינצטער פאַר די אויגן און ער פאַלט שיעור ניט אום, נאָר דער טאַטע אַליין כאַפּט אים אונטער

און קלמן דערהערט, מיט אַ שטעכיקן וויטאָג, ווי עס קלינגט אים אין די אויערן, און ער גיט זיך אַ וואָרף צום טאַטן און שרייט:

— פאַרוואָס?! פאַרוואָס?!

יחיאל מנשה שטייט זיך אַ רואיקער, קיין איין האָר אין זיין באָרד גיט אַפילו ניט קיין ציטער, און נאָר די פּלייצעס זיינע זיצן איצט אויף אים, ווי אַנגעטאָנענע, און ער זאָגט טיף, ווי פון אונטער דער ערד אַרויס:

— שלאָג דעם טאַטן, נו צוריק, שלאָג!

יחיאל מנשה איז אַ איד אַ גיבור, ער פאַרמאָגט אין זיך אַ גרויסע גבורה, נאָר קיין גוי איז ער דאָך ניט, און ער האָט גאָר פיינט צו שלאָגן זיך, און אַז עס קומט שוין אַמאָל אויס, שלאָגט ער פויל און אָן כעס, ווי אַ קאַלטער האַמער, ווי מען וואָלט אים געצווּנגען צו דעם, אָבער דאָס פאַרמעסטן זיך האָט ער זייער ליב, אַליין דאָס פאַרמעסטן זיך, עס ליגט אין דעם דער גאַנצער עיקר.

— נו, משומד?!

פאַר יחיאל מנשהן האָבן אַלע מורא, אַפילו די גרויסע געזונטע שקאָצים, וואָס די גבורה זייערע קאָכט אין זיי, ווי דער כעס ביי אַ כעסן, און יחיאל מנשה, אַז ער פאַרמעסט זיך, אַז ער צערייצט זיך, אַרט אים ניט מיט וועמען און מיט וואָס, עס געפעלט אים גאָר, ער האָט הנאה, עס איז פאַר אים, וואָס אַ שפּיל פאַר אַ קינד, און קלמן ווייסט, אַז ער קענן טאַטן איז ווי אַ פליג, אַ גאָרניט, און עס גיבן ביי אים אַ שאָס אַרויס טרערן פון די אויגן, ווי פונקען, ווי שפּיזן, נאָר וויינען אויפן קול וויינט ער ניט, ער וויינט איינגאַנצן ניט, ער לויפט אַרויס אויפן הויף, כאַפּט דאָרט אַ גרויסן, אַ שווערן שטיין און מיט אַלע זיינע אויסגעלאָכטע כוחות — טראָד דעם שטיין אין דעם פאַר־מאַכטן טויער אַריין!

און יחיאל מנשה שטייט שוין אויפן שוועל פון שטוב, קוקט אויפן זון און רופט זיך אומעטיק צו אים אָפּ:

— מיטן קאָפּ איז בעסער! מיטן קאָפּ אַן וואַנט!

יחיאל מנשהן איז איצט אומעטיק און שווער פון זיך אַליין, פון זיין אייגענער גבורה, וואָס ווערט שוין צוריק שטיל אין אים, לייגט זיך איין אין שווערע, אָפּגעקילטע שטיקער, און יחיאל מנשהן טוט עס וויי, עס איז אים איינג זיין גוף.

## XXVII.

מלכה איז נאך דעמאלט געווען אַ קינד, ווי אַלט איז זי אינ־גאנצן געווען? און חנה האָט איר אַלץ געדאַרפט ווייזן, לערנען, ווי צו קאָכן און ווי צו באַקן, — ווי צו זיין אַ באַלעבאָסטע. חנה האָט זיך געשלעפּט צו איר אפשר אַ מאָל צוואַנציק דורכן טאָג, און אפשר אַ מאָל צוואַנציק דורכן טאָג איז מלכה געלאָפן צו חנהן, גלאַט אַזוי, צי זי האָט יאָ באַדאַרפט, צי ניט באַדאַרפט. די שטוב דאָרט ביי חנהן — מלכה האָט זי שוין אָפט געוואָלט רופן: מומע — די שטוב ביי חנהן איז פול געווען מיט קינדער, און די קינדער האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד, און אָט שלאָגן זיי זיך און וויינען, און אָט שפּילן זיי זיך און לאַכן, ווי עס קלינגען גלעקלאַך. מלכה נעמט אַ קינד אויף די הענט, און אַ צווייט קינד ציט זיך אַליין צו איר, און מלכה גראָבט איין אירע פינגער אין דעם קינדס געדיכטן קאָפּ האָר. וואָס מען האָט דאָס שוין לאַנג ניט גע־קעמט, און די קינדער קלעפּן צו איר פון אַלע זייטן, די גרעסערע און די קלענערע, און חנה האָט זי דעמאָלט ליב, מלכהן, מער איידער אירע אייגענע קינדער. און אַז מלכה גייט דערנאָך אַוועק, צו זיך אַהיים, ווערט דאָ עפּעס ליידיק נאָך איר אַוועקגיין, און חנהן ווערט שטיל און באַנג, און זי פאַרטראַכט זיך וועגן איר אייגענעם זון, וועגן קלמנען. עס איז איר אַפּריער גוט פון דעם, וואָס קלמן איז איר זון, נאָר ביסלעכווייז נעמט זיך וועקן אין איר אַ כעס צו אים, אַ שלעכטער, אַ בייסיקער, און זי לאָזט עס צום סוף אויס צו יחיאל־מנשהן:

— דערהרגע אים!

זי זאָגט ניט וועמען, נאָר יחיאל מנשה ווייסט אַליין, און ער קוקט אויף חנהן, פינטלט מיט די אויגן, און עס איז אים אַ חידוש. דערנאָך געפינט ער אים, קלמנען, אין מיטן הויף, גייט צו אים צו־און עס גערויערט אַ לאַנגע ווײַלע ביז וואַנען ער זאָגט אים:

— וואָס טוסטו?

קלמן שווייגט און יחיאל מנשה זאָגט אים ווייטער, רואיק און פּאַמעלאַך:

— איך וועל דיך דערהרגענען, די מאמע זאגט אויך אזוי! וועסט אוועקווארפן די שקאצים? וועסט אויפהערן מיט די שיקסעס?

יחיאל-מנשה פארמעסט זיך איצט ניט מיטן זון, איז זייער ווייט פון שלאגן זיך, נאר גראדע פארקערט. ער איז גאר עפעס איצט איינס מיטן זון, אומעטיק און געטריי, נעמט זיך פאר אים אן, און קלמן פארטראכט זיך, ניט ווי זיין שטייגער און ניט אויפן טאטנס רייד, און ער ענטפערט א פארטראכטער, ניט דעם טאטן, נאר זיך אליין, דוכט זיך:

— יא, כ׳על אויפהערן...

די שיקסעס זיינען גרויסע, געזונטע, מיט שטארקע הענט און שטארקע ברוסטן, און אז מען גיט זיך א טשעפע צו זיי, דערלאנגען זיי א שטויס, א זעץ, נאר אן כעס, אן ווייטיק, און זיי לאכן דערביי ווי געזעצט אין א באראבאן; און אז קלמן האט דאס ערשטע מאל דערזען פאר זיך מלכהן, ווי אראפגעפאלן פון הימל, איז ער געבליבן שטיין מיט אן אפן מויל, מיט אפענע אויגן און מיט אויפגעהאנגענע אויערן. מלכה האט ניט געלאכט, האט ניט געקוויטשעט, האט זיך מיט קיינעם ניט אנגעקערט, און אז זי איז געגאנגען האבן זיך אפילו ניט געהערט אירע טריט.

קלמן האט אויסגעשאסן אין א געלעכטער, נאר ער איז גלייך אויפן ארט צעטומלט געווארן פון זיך אליין און פון אלץ, און א צעטומלטער איז ער ווידער אוועק מיט זיינע שקאצים און שיקסעס, אויף גאנצענע טעג און נעכט, נאר אין מיטן דרינען האט ער זיך איינמאל אוועקגעשארט פון די שקאצים און האט פון דערווייטנס, פון א באהעלטעניש, גענומען נאכקוקן מלכהן. ער האט געהיט איר יעדן טראט, איר יעדן קער און ריר, און מלכה איז טאקע געווען אזא אז מען האט זי געדארפט געוועזן היטן, עס האט זיך אלעמאל אויסגעוויזן, אז אט און זי וועט עפעס ניט ווערן, וועט ווערן אויס...

קלמן האט געוואלט זיין אזא ווי מלכה, עפעס אן הענט און אן פיס, ווי א פויגל, ווי א מלאך, און מלכה האט זיך אפט געטוליעט צו חנהן, ווי זי וואלט זיך אי יא געשראקן, אי ניט געשראקן, און חנה האט איר געגלעט איבערן קאפ און האט שטיל געמורמלט צום רבונו של עולם:

— א טייער קינד, א גאָלדן קינד...

דאָ, אויף די גויאישע געסלאַך, זיינען ניט געווען קיין קראָמען, און מלכה האָט אַפּט געדאַרפט געווען גיין אין שטאָט אריין, און אַז זי איז געגאַנגען איבער די גאַסן האָבן מענטשן נאָכגעקוקט אירע טריט—מיט א רחמנותדיקער געטריישאַפט:

— א יתומה נעבאַך...

און דאָס האָט זיך געצויגן צו איר, האָט גלאַנציק נאָכגעפויזעט און האָט זי אַרומגעפלאָכטן, אַרומגעשליינגלט, און זי איז געגאַנגען איבער די גאַסן ווי מיט באָרוועסע פּיס איבער הייסע קוילן, און אַז זי איז דערנאָך געקומען אהיים האָט זי זיך ערשט אנידערגע־זעצט אין א ווינקל און האָט לאַנג און אָפן געוויינט, ניט געשעמט זיך פאַר קיינעם, ווי זי וואָלט זיך ערשט איצט דערוואוסט, אַז זי איז א יתומה און אַז עס איז איר ניט גוט, אויף דעם גאַנצן לעבן אויף אירן.

מלכהן איז שווער געווען דאָס גיין אין שטאָט אריין, זייער שווער, און נחמן, דער ברודער אירער, איז דאָך דער זעלבער יתום, און זי איז איין מאָל צוגעגאַנגען צו קלמנען און האָט אים געזאָגט, ניט אַזוי ווי זי רעדט שטענדיק, נאָר מאָרנע הויך, אין א געשריי:

— קלמן, איך בעט דיך, טו מיר א טובה!

קלמן האָט זיך א צאַפּל געטאָן, עס האָט אים געטראָפן ווי א בליץ, א רעגנבויגן, נאָר באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער זאָמט זיך, און ער איז אַוועקגעלאָפן אַז אַן אָטעם און איז צוריקגעקומען אָן אַן אָטעם, האָט אויסגעשאָסן אויפן טיש די פּעקלאַך, וואָס ער האָט געבראַכט, און די הענט זיינען ביי אים געווען דערביי ווי די פליגלען פון א ווינטער־מיל, און ביי מלכהן האָט פריידיק געקלאַפּט דאָס האַרץ קוקנדיק אויף אים, נאָר פּלוצלונג איז זי געבליבן, ווי זי וואָלט וואָס דערזען אויף זיך, ווי פרעמדע מענטשן וואָלטן זיך עפּעס דערוואוסט וועגן איר, און א דערשראָקענע, א געכאַפּטע, האָט זי געפילט, אַז עס ברענען איר די באַקן, דאָס גאַנצע פּנים אירס, און זי האָט שטיל געזאָגט, מיט די ליפּן נאָר, ווי א מורמל:

— א דאַנק!

זי איז געשטאַנען נים ווייט פון אים, איין טראָט נאָר, און קלמן האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם דאַנק אירן אין בײדע הענט אַריין און האָט זיך מיט דעם געלאָזט לויפן אַהיים, אַז מען וואָלט געקענט מיינען — עס ברענט!

# XXVI

קלמן האָט נים געוואוסט, אַז ער איז פאַרכישופט, ווי עס ווייסט נים אַ צווייג, אַ בוים, וואָס בליט זיך זאַפטיק פאַנאַנדער אונטער דעם זומערדיקן הימל, און חנה, די מאַמע זיינע, איז אומ־געגאַנגען מיט אַ נייעם ציטער אין האַרצן, אַ נייער שרעק, אַז טאָ־מער איז זי עס נים ווערט ביים אויבערשטן, און ער וועט אָפּטאָן זיין חסד?

די פרעסט יענעם ווינטער זיינען געפאַלן, אַז יעדער פראָסט איז געווען ווי אַ דונער, גאַנצע, קיילעכדיקע פרעסט, און קלמן הויבט זיך אויף אין מיטן דער נאַכט, טוט זיך שטיל אָן און גייט זיך שטיל אַרויס פון שטוב. ער וויל קיינעם נים וועקן, קיינעם גאָרנים זאָגן, ער גייט אַריין אין שטאַל, און דאָרט שפּאַנט ער איין דעם פערד, פאָרט מיטן פעסל אַוועק צום טייך און פון טייך גלייך אין שטאָט אַריין.

יחיאל מנשה אַליין שטייט אויף אַ שעה פאַרטאָג, ווי עס באַדאַרף צו זיין, און ער טוט אויף זיך אַז דאָס קורצע, גויאישע פעלצל, פאַרגאַרטלט זיך ענג און זאָגט:

— חנה, דו שלאָפסט?

דער פראָסט אין דרויסן איז אַזאַ, אַז עס פאַרכאַפּט אַזש ביי דער נשמה, און דער שניי אויף די גאַסן, אויף די דעכער איז אַ באַשפּרינ־קעלטער מיט צעריבענעם גלאָז, עס פינקלט אין די אויגן, און יחיאל מנשה אָטעמט אויף איין מאָל און נאָך אַ מאָל, און ער וויל אַזש אָפּוויקלען דעם גאַרטל, פאַנאַנדערנעמען אויף זיך דאָס פעלצל, אַזוי איז אים נאָך ווייניק.

דערנאָך גייט ער אַריין אין שטאַל, ווייל זיך נעמען שפּאַנען דעם פערד, ערשט עס איז ניטאָ קיין פערד, ניט קיין פעסל. נאָר יחיאל מנשה ווערט ניט מבולבל, דערשרעקט זיך ניט טאָמער אַ גנבה, עס איז שוין ניט דאָס ערשטע מאָל, און מיט אַ גוטסקייט, מיט אַ צע־גאַסענער ווארעמקייט אין זיין נשמה וויל ער אַריינגיין אין שטוב, וויל אויפוועקן חנהן:

— זעסט, מיין זון, האַ?!

נאָר אַ פאַרטראַכטער אַז רעיונות, אַ פאַרטראָגענער גלאַט אין דער וועלט אַריין, ניט וויסנדיק אַליין וואָס און ווען, גייט ער באַלד אַרויס פון הויף און לאָזט זיך גיין אין שטאָט אַריין. ער גייט מיט ברייטע טריט און אַ טראַט נאָך אַ טראַט, אַז איינס—צוויי! און ער האָט שטאַרק הנאה פון דעם, וואָס דער פראָסט סקריפּעט אַזוי שטאַרק, קרעכצט אונטער זיינע טריט—אַ מחיה!

יחיאל מנשה באַגעגנט דעם זון זיינעם אין מיטן שטאָט. און קלמן דערזעט דעם טאַטן פון דערווייטנס, און ער שפּרינגט אַראָפּ פון פעסל, גיט אים אויף גיך איבער די לייצעס, דעם טאַטן, און זאָגט אים אויף גיך, ווען ער האָט שוין איינגעטיילט מיט וואַ־סער און ווען מען דאַרף נאָך געבן. קלמן שטופּט אים די לייצעס אין האַנט אַריין און יחיאל־מנשה וויל אים זאָגן, אַז ער זאָל ניט לויפן, ניט כאַפּן, יחיאל מנשה זשאַלעוועט דאָ עפּעס, נאָר קלמן האָט אים שוין איבערגעלאָזט און לויפט שוין אַהיים. יחיאל מנשה קריכט אַרויף אויפן פעסל, און דאָס פערד מיטן פעסל רירן זיך פון אָרט און יחיאל מנשה האָט גאָר קיין חשק ניט, און קלמן קומט אַ פאַרסאָפּעטער צו ר׳ חאַצעס שטוב, נאָר קלאַפּט ניט, וועקט ניט, ער טוליעט זיך נאָר צו צו דער דרויסנדיקער טיר, עס איז קאַלט און ער שטייט און וואַרט, און ערשט ווען אין שטוב פלאַמט מאַגער אויף דער אַנגעצונדענער לאָמפּ, דעקט־אויף אַ פאַרשטויבטע ווארעמקייט, גיט ער ערשט דעמאָלט אַ קלאַפּ אין טיר.

ר׳ חאַצע ווייסט שוין ווער דאָס קלאַפּט און ער עפנט אים די טיר, און קלמן קומט אַריין, זאָגט איינגעהאַלטן, שעמעוודיק גוט־מאָרגן, און ר׳ חאַצע ענטפערט אים אויף זיין גוט מאָרגן מיט אַן אַנדער גוט מאָרגן, און קלמן גיט אַ כאַפּ, פון גרוים פרייד, די צוויי

גרויסע עמערס, וואָס שטייען נאָך אַזוי, ווי ער האָט זיי דאָ נעכטן איבערגעלאָזן און לויפט מיט זיי אַוועק צום טייך. עס איז אַ גאַנץ ווייטער מהלך, און קלמן האַלט די עמערס פאַר די הענט, און זיי לויפן אים נאָך, און דאָס קאַלטע, קלאָרע וואַסער, וואָס ער ברענגט באַלד פון טייך, איז ווי אַ שטיק געזונט, עס דערקוויקט די נשמה, און ר׳ האַצע נעמט טאַקע אַ טרונק און קוויקט זיך טאַקע:

— קאַלט!

ר׳ האַצע האָט ליב אַ שמועס צו טאָן מיט קלמנען, איצט, פאַרטאָג, ווען אַלע שלאָפן נאָך, און עס איז ניט טאָג און ניט נאַכט, עס איז אַ ליידיקע שעה, און קלמן שטעלט דערנאָך אויף דעם סאַמאָוואַר, טראָגט אַן האָלץ און הייצט איין דעם אויוון.

מלכה הויבט זיך אויף די לעצטע, אין דרויסן איז שוין גרויסער טאָג, מען דאַרף שוין אַפילו ניט דעם לאָמפּ, נאָר ער ברענט נאָך אַלץ, ווי מען וואָלט געוואָרט, אַז זי אַליין זאָל אים פאַרלעשן, אַז זי אַליין זאָל אָנהויבן דעם טאָג... דער פאַרטיקער סאַמאָוואַר שטייט שוין אויפן טיש, און פון אויוון רייסן זיך פונקען, און עס איז שוין, דוכט זיך, צוגעקליבן אין דער גאַנצער שטוב, און מלכה קוקט צו קלמנען ווי זי וואָלט גאָרניט געוואוסט, און זי וואונדערט זיך בלומרשט און פאַרענטפערט זיך בלומרשט:

— איך האָב זיך פאַרשלאָפן?

מלכה פאַרלעשט דעם לאָמפּ און עס הויבט זיך אָן דער טאָג, און קלמן שאַרט זיך אַרויס פון שטוב, גייט אַוועק אַהיים, און אַז ער קומט אין דער היים און זעצט זיך אַנידער צום טיש, שרייט ער ניט—מאַמע עסן! נאָר ער זיצט און קוועלט צו זיך אַליין.

ר׳ האַצע מיט נחמנען גייען פרי אַוועק פון דער היים, זיי דאַ־ווענען מיטן ערשטן מנין, און נחמן זאָגט קדיש נאָך זיין מאַמען, און ר׳ האַצע שטייט לעבן אים די גאַנצע צייט אַ גלייכער, אַן אויס־געצויגענער, ווי אַ פאַרגליווערטער זייל, און דעם זייל האָט מען דאָ נאָר אַוועקגעשטעלט ביז איבערן קדיש, אַז עס זאָל ענטפערן:

— אמן!

דער אמן פאַלט ווי אַ שטיין, און דאָס פאַלן הילכט לאַנג און שווער איבער אַלעמענס קעפּ, און דער עולם שטייט אַן אָנגעבויגע־נער און וואַרט, אַז עס זאָל שוין אויפהערן, פאַרשווינדן. נחמן גייט

באלד נאכן דאווגען אוועק אהיים, און ר׳ חאצע בלייבט אין שול, און דער עולם, די פרעמדע מענטשן, ווילן צו אים צוגיין, ווילן אים עפּעס זאָגן, נאָר קיינער גייט ניט צו. און ר׳ חאצע זעצט זיך אַני־דער אין אַ ווינקל, ניט ווייט פון דער טיר, עפנט פאַר זיך דעם אַלטן עפּלאַכטענעם תהילים, עפנט פאַנאַנדער זיינע וואונדן, און זיין תהילים זאָגן איז ווי דאָס קרעכצן פון אַ פאַראווּנדעטן. נאָר די ווענט פון שול שטייען ווי שומרים, זאַפּן אַלץ אין זיך איין, לאָזן ווייטער ניט גיין.

און נחמן קומט אהיים, און דאָ באַגעגנט ער זיך אַמאָל מיט קלמנען, און נחמן גיט אויף אים אַ קוק, קוקט אים אָן, אַז קלמן לאָזט איבער אין מיטן און גייט זיך אוועק, ווי מען וואָלט אים אַרויסגע־טריבן. ער גייט, אָט אַזוי, דורך די גאַס, קומט צו זיין אייגענעם טויער, און דאָ שפּאַרט ער זיך צו און טראַכט מיט אַ ווייטיק, מיט כעס, אַז ער וועט עפּעס אָפּטאָן! אוודאי! נאָר אַזוי טראַכטנדיק פאַרטראַכט ער זיך, אַז ער וועט נאָר קויפן אַ שיינעם פערד און אַ ניי פעסל, וואָס וועט זיין אָפּגעפאַרבט מיט רויט, אַ רויטע, און אַז ער וועט מיט דעם אַרויספאָרן איבערן שטאָט, וועט אַזש קנאַקן, און מען וועט נאָך זען, מען וועט נאָך זען!

און מלכהן פאַרדריסט אויפן ברודער, זי וויל אַזש וויינען, נאָר באַלד ווייזט זיך איר אויס, אַז אפשר איז ער טאַקע גערעכט? און זי ווייסט ניט וואָס צו טאָן, זי איז איינער אַליין, און זי וויל שוין ווידער וויינען. און נחמן רעדט מיט קיינעם ניט, קיין איין איינ־ציק וואָרט ניט אפילו, און קיינער ווייסט ניט וואָס ער טראַכט, וואָס עס טוט זיך ביי אים אויף דער נשמה, און ער אַליין ווייסט אויך ניט, אַז ער גייט אום מיט אַ כעס אויף אַלעמען, אפילו אויפן טאַטן.

# XXVIII.

די פרעסט זיינען געווען אַזוינע, אַז מען האָט זיך אַזש געקענט שפּיגלען אין זיי ווי אין אַ שפּיגל, און שפּיגלדיקע האָבן זיי זיך געקייקלט דורך די טעג און דורך די נעכט, בייטאָג זוניקע און ווי איינגעפּאַסט אין אַ רעגנבויגן, און ביינאַכט ליכטיק־בלויע און באַשפּרינקלטע מיט שטערן, ווי מיט שטיקלאַך נייעם זילבער, נאָר שטיל און עפּעס מיט אַ געלעכטער אַזאַ, האָבן זיך באַלד אונטער־געדרוקט די וואַרעמע טעג, ווי פון אַ באַהעלטעניש, אַז זון, נאָר מיט אַ רעגנדיקער וואַרעמקייט אין זיך, און די וואַרעמקייט, ווי אַן אָטעם, האָט ביסלעכווייז אַוועקגעבלאָזן דעם ווינטער. די טעג האָבן געשמעקט מיטן שאַרפן ריח פון אָפענער ערד, מיט דער זיס־קייט פון גלאַנציק־שוואַרצע, פרישע בלאָטעס, און מענטשן האָבן הנאהדיק געשמייכלט צו זיך אַליין און גלאָט אין דער וועלט אַריין, ווי עס לאַכן קינדער.

אין שטאָט האָבן אָפּגעלעבט די מערק, עס איז געקומען דער פויער פון דאָרף, און דער עולם האָט זיך אין איילעניש גענומען גרייטן אויף יום טוב, דער איד צו זיין פּסח און דער גוי צו זיין חגא. ווען עס איז שווער אָנגעקומען דער יום־טוב און ווען גרינג, און ווען אַזוי שווער ווי קריעת ים סוף, נאָר אין שול אַריין דעם ערשטן טאָג פּסח זיינען אַלע געקומען יום טובדיקע, אויפ־געראַמטע. און צו קריאת התורה, אַז דער שמש איז אַרויף אויף דער בימה און האָט אָנגעהויבן פאַרקויפן די עליות — שוין פון יאָרן און יאָרן, אַז ר׳ חאַצע קויפט פאַר זיך מפטיר דעם ערשטן טאָג פּסח, ער האָט שוין אויף דעם אַ חזקה. דער שמש הויבט אָן מיט פופציק גילדן פאַר מפטיר, און אימיצער זאָגט פינף און זיבעציק, און אי־מיצער שרייט, אַ געשריי אויף קאַטאָוועס — הונדערט גילדן! און ערשט ווען עס האַלט שוין ביי דריי הונדערט גילדן הויבט זיך ר׳ חאַצע אויף פון זיין אָרט אין מזרח וואַנט, שווייגט אַ רגע, ווי ער וואָלט באַטראַכט דעם עולם, און דערנאָך זאָגט ער צום שמש: ווי ער וואָלט געהייסן, אַז עס זאָל אויפהערן דאָס קאַטאָוועס - פיר הונדערט גילדן! און דער שמש כאַפּט עס גלייך אונטער, לאָזט פלאַטשיק אַראָפּ איבערן נאַקעטן טיש די צעשפּרייטע האַנט, אַז

עס הילכט אָפּ איבער דער גאַנצער שול, און רופט אויף ר׳ חאַצען.

אַט אַזוי איז יעדן יאָר און אַזוי איז אויך היינטיקן פּסח געווען.

דער שמש האָט אָנגעהויבן מיט פופציק גילדן פאַר מפטיר, און עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס קאַטאָוועס שפּיל פון הונדערט גילדן, פון הונדערט מיט פופציק גילדן, ביז עס איז געקומען צו די דריי הונ־דערט, און דאָ האָט מען זיך אָפּגעשטעלט. מען האָט געוואַרט, נאָר קיינער האָט זיך מער ניט אָפּגערופן, קיינער ניט. און אין דער גאַנצער שול איז געוואָרן שטיל, ווי עס איז אַן איינגעהאַלטענער אָטעם. דער עולם האָט שטיל געקוקט צו דער מזרח וואַנט, האָט שטום געזוכט, שטום געוואַרט אויף עפּעס פון דאָרט. נאָר ר׳ חאַצע איז זיך נאָר געשטאַנען אין זיין ווינקל ניט ווייט פון דער טיר, איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע ברעמען, וואָס האָבן אים גע־פאַנצערט, און מער גאָרניט. ער האָט נאָר אָפּגעלאָזט דעם שטענדער, אַן וואָס ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט די גאַנצע צייט, און איז געבליבן שטיין אַ גלייכער, ווי אויף אַ באַווייז—ווען ער איז אַוועק פון מזרח־וואַנט, צוריק מיט וואָכן, חדשים, האָט ער פון דאָרט מיטגענומען מיט זיך דעם אַלטן שטענדער, און איצט האָט ער דאָס אויך אַרויס־געלאָזט פון די הענט, און דער עולם האָט שוין איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מורמלען, אַ גערעדעריי, און דאָ האָט זיך באַלד אויפגעהויבן ר׳ אברהם צעלניק און האָט אויס־געשריען איבער דער גאַנצער שול — פיר הונדערט גילדן!

ר׳ אברהם צעלניק איז דאָס טאַקע דער זעלבער ר׳ אברהם, וואָס האָט אָפּגעקויפט ר׳ חאַצעס קראָם, און אַז מען איז יעמאָלט געלאָפן צו אים מיט טענות, אַז סטייטש, ר׳ אברהם, איר?! האָט ער געענטפערט מיט הארץ:

— עס איז דאָ דערביי דעם אויבערשטנס ווילן, ניט דער מענטש פירט די וועלט!

ר׳ אברהמס אויסגעשריי פיר הונדערט גילדן איז געבליבן היינ־גען אין דער לופטן, און אין דער לופטן איז אויך געבליבן שטעקן דעם שמשס אויפגעהויבענע, פלאַטשיקע האַנט, און אין דער גאַנצער שול איז געווען אַזוי שטיל, אַז אָט באַלד און עס וועט זיך אַרויס־רייסן, וועט אויספלאַצן, און ר׳ אברהם האָט זיך אויף גיך דורכ־געשפּאַרט צווישן דעם ענגן עולם, איז אַרויף אויף דער בימה, און

דער שמש האָט אַראָפּגעלאָזט איבערן טיש די פּלאַטשיקע האַנט מיט אַזאַ גבורה, אַז עס האָט אַזש אויסגעשאָסן, און דערנאָך האָט ער אויפגערופן ר' חאַצען.

דער עולם האָט געעפנט די אויגן, דאָס האַרץ — ר' אברהם האָט געקויפט דעם מפטיר ניט פאַר זיך, נאָר פאַר ר' חאַצען. דער עולם האָט זיך צופרידן געריבן די הענט, מען איז מיטאַמאָל געוואָרן שטאַרק אויפגעלייגט. נאָר ר' חאַצע איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַזוי ווי פריער, האָט זיך ניט גערירט פון אָרט, און דער שמש האָט נאָכאַמאָל אַ פּאַטש געטאָן אין טיש:

— נו?!

ר' חאַצע איז געשטאַנען פון איין זייט לעבן זיין אַלטן שטענדער, און פון צווייטן זייט לעבן זיין איין און איינציקן זון, און ר' חאַצע האָט מיטאַמאָל אַריינגענומען דעם זונס האַנט, האָט זי שטאַרק געדריקט, און געשטאַנען זיינען זיי אינדרייען, דער שטענדער, ר' חאַצע און נחמן, ווי מען וואָלט זיי אויסגעשטעלט פאַרן עולם, און דער עולם האָט געקוקט, האָט געוואַרט, און עס האָט אַפילו ניט אַ פינטל געטאָן קיין אויג, און נחמן האָט אַפריער נאָכגעמאַכט דעם טאַטן, איז געשטאַנען פאַרן עולם פונקט ווי דער טאַטע, נאָר אָט, באַלד, און ער וועט אויספּלאַצן אין אַ געוויין, אויפן קול, און ער האָט אַ ריס געטאָן די האַנט זיינע פונם טאַטנס, האָט זיך געוואָלט לאָזן לויפן, אַנטלויפן, און ר' חאַצע האָט אַרויסגעלאָזט פון זיך אַ לאַנגן קרעכץ, ווי מען וואָלט אים אַ לאַנגן שניט געטאָן ביים האַרצן:

— אוי!

דער עולם האָט זיך אַ וויג געטאָן, האָט אַ ציטער געטאָן, און מען האָט זיך מיט ווייטיק אָפּגעקערט פון ר' חאַצען, פרעמדע יסורים טוען אַמאָל מער וויי איידער אייגענע. נאָר דאַ האָט מען זיך פּלוצלונג דערמאָנט אויפן מפטיר, וואָס מען האָט פריער אינגאַנצן פאַרגעסן, און מען האָט זיך שוין אָנגעכאַפּט אָן דעם, ווי הונגעריקע, צערייצטע: — חילול השם! כבוד התורה!!

דער עולם האָט געשריען, ווי עס וואָלט געוועזן סכנת נפשות און אויף דער בימה, לעבן שמש, האָט זיך באַוויזן דער אַלטער רבֿ,

און דער שמש האָט אַ פּאַטש געטאָן איבערן טיש — שאַ! און דער אַלטער רב האָט אויפגעהויבן און פאַנאַנדערגעשפּרייט זיינע הענט, אַז זיי האָבן זיך, דוכט זיך, אויסגעשפּרייט איבער אַלעמענס קעפּ, איבער דער גאַנצער שול, און דער רב האָט אַליין אָנגעהויבן זאָגן דעם מפטיר...

דער עולם איז אַנטשוויגן געוואָרן, מען האָט זיך פאַנאַנדער־געזעצט אויף די ערטער, און אין דער ענגער שול איז מיטאַמאָל זייער גראַם געוואָרן, און די פּלוצלונגדיקע גראַמקייט האָט פאַר־נומען אַן אומעט, אַז מען האָט עס אַזש געקענט אָנטאַפּן מיט דער האַנט, און דעם רבס מפטיר זאָגן האָט געקלאַפּט איבערן מוח, האָט שטאַרק געשטראָפט און שטיל געטרייסט.

און ר׳ אברהם צעלניס האָט ניט איבערגעוואַרט ביז נאָכן מפטיר, ער איז אַראָפּ פון בימה, איז צוגעגאַנגען צו ר׳ האַצען, און זיין פעטער פנים, שטענדיק אַ זאַמדיק-געלער, איז איצט געווען אַזוי רויט ווי אַ פרישער, אָן אָנגעגאָסענער בוריק:

— איך וויל נאָר וויסן, ר׳ האַצע, ניין, איך וויל נאָר ביי דיר פרעגן, וועמען האָסטו דאָ מבייש געווען, מיך? נו, מילא! אָבער כבוד התורה?! ענטפער מיר, ר׳ האַצע!

ר׳ אברהם האָט געציטערט מיט די הענט און מיט די פיס, און ר׳ האַצע האָט ניט אויפגעהויבן זיינע ברעמען, האָט אויף קיינעם ניט געקוקט, און געענטפערט האָט ער אים דערנאָך זייער רואיק, ווי רואיק ער איז געשטאַנען די גאַנצע צייט:

— אַז מען נעמט ניט קיין נדבות איז מען קיינעם ניט מבייש, איר פאַרשטייט, ר׳ אברהם?

און שפּעטער, שוין נאָכן דאַווענען, ווען ר׳ האַצע האָט מיט ביידע הענט געהאַלטן אין צונויפלייגן זיין טלית, וואָס איז געלעגן אויסגעלייגט איבערן שטענדער, איז צו אים צוגעקומען דער אַלטער רב, האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן, וואָס זיינען געווען אַזוי שפּיציק, ווי אַן אָנגעשטעלטער שפּיז, און שפּיציק ווי אַן אָנ־געשטעלטער שפּיז איז געווען דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט צו ר׳ האַצען:

— שפּילסט דעם עניו, האַ? האַ, ר' האַצע? אַמפּערסט זיך מיטן רבונו של עולם ?! אַן עדה מיט אידן... פון וואַנען נעמט זיך צו דיר אַזוי פיל עזות? ווער האָט דיר אויף דעם געגעבן אַזאַ הכשר?!

ביי ר' האַצען האָבן זיך אָפּגעשטעלט די הענט, און די פאַר־גליווערטע פינגער זיינע האָבן זיך געגראָבן אינם טלית, פינגער ווי ביינדלאַך, אַז זיי ווילן זיך באַלד איבערברעכן מיט אַ קנאַק, און ר' האַצע אַליין האָט באַלד אויפגעהויבן די ברעמען, האָט אָנגע־קוקט דעם אַלטן רב, און ניין, ער שפּילט ניט דעם עניו, און אַמפּערט זיך ניט מיטן רבונו של עולם, ער לאָזט אים נאָר אַליין פירן זיין וועלט, ער מישט זיך ניט!

דער אַלטער רב האָט זייער גוט געהערט, וואָס ר' האַצע האָט גערעדט צו אים, נאָר הערנדיק אים אַט אַזוי, האָט זיך עפּעס אָפּגע־רוקט פון זיי דער עצם עניו, אַז דער עצם עניו איז גאָר געוואָרן אַן אַנדערער, און מיט ביידע הענט האָט זיך דער רב באַלד אַ נעם געטאָן העלפן ר' האַצען צונויפלייגן דעם טלית.

אין שול איז שוין קיינער ניט געווען, עס האָבן זיך נאָר געהערט די שווערע טריט פון שמש, וואָס האָבן אַרומגעהילכט אין דער פּוסטקייט, דאָס דאָ און דאָס דאָרט, און דער אַלטער רב מיט ר' האַצען זיינען אינאיינעם אַרויס פון שול, און ביידע זיינען זיי געווען פאַרטראַכט, און זיי האָבן ביידע געשוויגן, ווי נאָך אַ לאַנגן, לאַנגן שמועס.

דער רב האָט געוואוינט אין מיטן שטאָט, און ר' האַצע האָט געוואוינט ערגעץ ווייט, אויף די גויאישע געסלאַך, און זיי האָבן זיך ביידע גלייך אָפּגעשטעלט אויפן ראָג פון אַ גאַס, האָבן זיך ביידע ניט גערירט פון אָרט אַ לאַנגע מינוט, און דער רב האָט שטיל אַרויס־גערעדט, מיט אַ געטרייען אומעט:

— אַ גוטן יום טוב דיר, האַצע, אַ כשרן, אַ פריילאַכן פּסח!

# XXIX.

און די טעג פון פסח זיינען טאַקע געווען ליכטיקע, זוניקע, און דאָ, אויף די גויאישע געסלאַך, האָט שאַרף געשמעקט דער צעלאַזענער טייך. דער טייך, שטענדיק אַ מאָגערער, איז איצט אַזוי פול געווען, אַז עס האָט זיך אַזש אַריבערגעגאָסן אַריבער די ברעגן. האָט דער־לאַנגט צו די ערשטע פּלויטן און די גויים האָבן ניט מורא געהאַט אַז עס וועט פאַרשווינקען זייערע הויפן, זייערע שטיבער. און זיי האָבן ניט געהיט דעם טייך, נאָר האָבן געקוקט אויף אים. און איינער פון זיי האָט זיך אָנגעבויגן, האָט אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבער דעם בלויען וואַסער, און איינער האָט אָפּגעטונקט זיינעביידע הענט, האָט אָנגעשעפּט פון דער טיף אַ פולן הויפן און האָט הויך, אויפן קול, אויסגעטרונקען דאָס וואַסער:

— גאָטס ברכה!

דער שאַרפער ריח פון ערד האָט אַרויסגענאַרט ר׳ האַצען פון שטוב אַרויס, און ר׳ האַצע איז זיך געשטאַנען ביים טויער, און ביי דער צווייטער שטוב איז זיך געשטאַנען דער גוי ר׳ האַצעס שכן, און ר׳ האַצע האָט אים געזען לעבן זיך, האָט זיך געזען לעבן אים, צוויי שכנים, צוויי גלייכע מענטשן.

פון אַ הויף האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אַ שיקסע, בארוועסרהייט און מיט אַ זומערדיקן לייב, האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט דער גאַס, און צו די נאַקעטע פיס פון דער שיקסע האָט זיך וואַרעם געקלעפּט די ווייכע, שמאַלציקע בלאָטע. די שיקסע איז ניט געגאַנגען ווי עס גייט אַ מענטש, וואָס דאַרף טאַקע גיין, נאָר גלאָט אַזוי, און זי האָט שטאַרק געקוואָלן פון איר גאַנצן אָנגעגאָסענעם לייב, האָט אוי־מיצן געטראָגן אַנטקעגן אירע זאַפטיק־טוטווייאיקע, פולע ברוסטן, און ר׳ האַצע האָט נחתדיק געשמייכלט צו זיך אין דער פאַרשעמטער באָרד אַריין.

ר׳ האַצע האָט פאַרן גאַנצן פסח ניט געעפנט אַפילו דעם תהילים, פסח דאַגהט מען ניט, פסח זאָרגט מען ניט, און ווי אין אַ חלום איז דורכגעגאַנגען דער פסח און עס האָבן זיך ווידער אָנ־געהויבן די וואָכעדיקע טעג.

ר׳ האַצע איז געקומען אַהיים פון מעריב, און אין שטוב איז גע־

ווען אויפגעראַמט און שטיל, ווי שטענדיק, און ווי שטענדיק האָט זיך ר׳ חאַצע געוואַשן צום עסן, און נאָכן טאַטן האָט זיך נחמן געוואַשן, און דערנאָך האָט מען זיך אַנדערגעזעצט צום טיש. אויפן טיש האָט געזאָדן דער אויסגעשייערטער סאַמאָוואַר, און אויף דעם גלעזערנעם טעלער, ווי אַ טאַץ, איז געלעגן אַ האַלבער לאַבן ברויט, און דאָס ברויט איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ ווייסער, בלאַנ־קענדיקער סאַלפעטקע.

מלכה האָט שוין געדאַרפט גיין דערלאַנגען דאָס עסן, נאָר זי האָט זיך ניט גערירט פון אָרט, זי איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע, מיט ליידיקע הענט, מיט צונויפגענומענע אַקסלען, און איינ־גאַנצן איז זי געווען אַזאַ, ווי זי וואָלט געהאָנגען אויף אַ האָר. ר׳ חאַצע האָט געקוקט, געוואַרט—נו? און מלכה האָט זיך אַ וויג געטאָן ווי אַ פאַרחלשטע, אַז ר׳ חאַצע האָט זיך שוין געוואָלט אַ וואָרף טאָן צו איר, אונטערכאַפּן זי, און ער האָט שאַרף געפירט מיט זיינע אויגן דאָס אויף מלכהן און דאָס אויף נחמנען, און דאָס ווידער אויף מלכהן, נאָר מלכה מיט נחמנען האָבן ביידע גאָרניט געטאָן, און זיי האָבן ביידע געוואוסט עפּעס אַזוינס, האָבן עס אָפּ־גערעדט צווישן זיך נאָך פון פריער, און ר׳ חאַצע האָט דאָ מיטאַמאָל דערזען, ער האָט דערקענט, אַז דער לאַבן ברויט אויפן טיש איז אַ פרעמדער, עס ליגט ווי אַ געליענער חפץ.

ר׳ חאַצע איז שטאַרק צעטומלט געוואָרן, ער האָט זיך אַזש אַ הויב געטאָן פון אָרט—קינדער! נאָר ער האָט ניט געהאַט קיין אָטעם, עס איז אינגאַנצן געוואָרן אין אים אויס האַרץ, און נאָר דער מוח זיינער האָט קלאָר און שאַרף געשניטן פאַר די אויגן, ווי אַ מעסער, ווי אַ בליץ. ר׳ חאַצע איז בלינד געוואָרן פון ווייטיק, און אַ בלינדער האָט ער געקוקט אויף מלכהן, האָט שטום עפּעס גע־פרעגט ביי איר, ווי מען מאָנט ביי אַ ווייב, און מלכה איז געשטאַ־נען אַ פאַרשולדיקטע, און ר׳ חאַצע האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, און ניט ווייסנדיק וואָס צו טאָן האָט ער אין מיטן דערינען גענומען אַנגיסן דריי גלעזער טיי, איינע פאַר זיך און איינע פאַר נחמנען און איינע פאַר מלכהן... און אַז ער האָט שוין אַנגעגאָסן די דריי גלעזער, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, האָט ניט אָפּגערוט, נאָר מיט דעמזעלבן אימפּעט האָט ער גלייך נאָכדעם אַ נעם געטאָן דעם

נאנצן לאבן ברויט אין די הענט אריין, האט מיט אן אויסגערעכנטן כעס אזא אפגעשניטן דריי גלייכע, דינע שטיקלאך, און דער לאבן ברויט האט זיך דערביי אזוי געצאפלט אין זיינע הענט, אט ווי עס וואלט געווען זייער א הייסער ברויט, אקארשט פון אויוון ארויס.

ר׳ חאצע האט דער ערשטער גענומען א ביסן אין מויל אריין, האט פארטרונקען מיט טיי, און דערנאך האט ער זיך אומגעקערט צו נחמנען, האט נענטער צו אים אונטערגערוקט די גלאז, דאס שטיקל ברויט, און ווי ער וואלט שטארק געמאסטן זיין אייגענעם קול:

— עס, נחמן, פארוואס עסטו ניט, מלכה? עסט קינדער!

די קינדער זיינען געזעסן צעשראקענע, און צעשראקענע האבן זיי געפאלגט וואס ער האט זיי געהייסן, און ר׳ חאצע אליין האט זיך שוין מער ניט צוגערירט צום עסן, און זיינע גערדיכטע, אראפגעלאזטע ברעמען האבן שטום איינגעזאפט אין זיך זיין אטעם, וואס איז געווען לאנג און שטעכיק.

און שפעטער, ווען מען איז שוין געשלאפן, איז ר׳ חאצע אראפ פון געלעגער, האט אין דער פינצטער געפונען דאס קעסטל, וואו מלכה האט געהאלטן איר געלט, דאס גאנצע געלט פון שטוב, און איז קעסטל איז געלעגן א פלאטשיקער פיטאקל מיט א לאך אין מיטן און א צעבראכענער אוירינגל. מער גארניט? מער גארניט.

ר׳ חאצע איז ניט נתפעל געוואן, ער האט זיך צוריק אוועקגעלייגט שלאפן, און געלעגן איז ער די נאכט מיט אפענע אויגן, און אויף מארגן איז ער, ווי שטענדיק, געגאנגען מיט נחמנען אין שול אריין. ר׳ חאצע האט זיך דערמאנט, גייענדיק מיטן זון, אז עס שטעכט אים א קעלט אין די שפיץ פינגער, נאך פון בייננאכט אן, און נחמן האט געזאגט קדיש נאך דער מאמען, און ר׳ חאצע איז געשטאנען לעבן אים א גלייכער, אן אויסגעצויגענער און האט געענטפערט אויף אלץ—אמן!

נחמן איז באלד נאכן דאוונען אוועק אהיים און ר׳ חאצע איז ניט געבליבן אין שול, נאר ער האט איבערגעוואַרט דעם זונס אוועקגיין און דערנאך האט ער זיך פארנומען אויפן מארק. ער האט אויפן מארק קיינעם ניט אפגעשטעלט, האט צו קיינעם גארניט געזאגט, געגעבן, געטראגן, ער האט זיך שוין, ער האט זיך אוועקגעשטעלט מיט א שטעלכל. ער האט זיך אוועקגעשטעלט א

גלייכער, אַז אויסגעצויגענער, אַז עס האָבן זיך ביי אים אַזש פאַרשפּיצט די אַקסלען, און ער האָט פאַרריסן דעם קאָפּ און האָט אויסגעשריען, האָט אויסגערופן — בפרהסיא:

— לייוונט! איך קויף לייוונט!

## XXX.

אַט אַזוי איז ר' חאַצע געוואָרן אַ לייוונט מעסטער, און אין שטאָט האָט זיך ווידער אויפגעהויבן אַ רעש, אַ טומל, אַז סטייטש?! וואָס הייסט?! עס איז דאָך ממש ווי געטראָטן מיט די פיס! און ר' חאַצע האָט אַלעמען אויסגעהערט, האָט צו אַלעמען געשוויגן, און ערשט שפּעטער נאָך אַלעמען איז צו אים צוגעקומען דער אַלטער רב, און געזאָגט האָט אים דער אַלטער רב ניט דאָס, וואָס אַלע און ניט אַזוי ווי אַלע:

— זאָל דיר דער אויבערשטער העלפן, ר' חאַצע, זאָל ער זיך מרחם זיין אויף דיר!

ר' חאַצע האָט אויפגעהויבן די ברעמען, איז געבליבן קוקן אויפן רב, און דער אַלטער רב איז נאָך נאָענטער געוואָרן צו אים, האָט אויף אים אַרויפגעלייגט אַ האַנט, און דער עולם אַרום האָט זיך מיטאַמאָל אַרומגעזען פון דעם, אַז ער איז דאָ עפּעס אַן איבעריקער, אַ פרעמדער. עס איז ניט געווען קיין פאַרדראָס, קיין כעס, עס איז געווען אַ גוטע פאַרלאַרנקייט פון גרויסע, וואָס ווערן אַמאָל ווי קינדער, און ווי צו קינדער האָט צו זיי באַלד אַ זאָג געטאָן דער אַלטער רב — אי פאַר זיך, אי פאַר ר' חאַצען:

— אַ גוטע נאַכט! גייט געזונטערהייט... אַ גוטע נאַכט!

און שפּעטער, אויף מאָרגן און אויף איבערמאָרגן, איז זיך ר' חאַצע ווידער געגאַנגען מיט נחמנען אין שול אַריין, יעדן פאַרטאָג, און נחמן איז באַלד נאָכן דאַווענען געגאַנגען אַהיים און ר' חאַצע האָט זיך פאַרנומען אויפן מאַרק.

— לייוונט! איך קויף לייוונט!

א שטומער איז ר׳ חאַצע געשטאַנען אין מיטן מאַרק, ווי אַ פינצטערער זייל, האָט געהאַלטן פאַרשפּיצט די אַקסלען, האָט געהאַלטן פאַרריסן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט מיט אַלע זיינע כוחות געשוואומען אין אַט אַ דעם טיפן וואַסער, און נחמן איז ניט געגאַנגען איבער די שטאַטישע גאַסן, נאָר געלאָפן, ווי ער וואָלט שטאַרק מורא געהאַט און וואָלט זיך שטאַרק געהיט, פון אַלעמען און פון אַלץ, אַפילו פאַר די שטומע ווענט, וואָס האָבן ניט געשריען:

— לייוונטו! איך קויף לייוונט!

און ערשט ווען ער איז געקומען אויף די גויאישע געסלאַך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און זיך דערנאָך געלאָזט גיין אַהיים, פּאַמעלאַך שוין און מיט אַ שווערן טראָט, ווי עס גייט אַ איד, וואָס איז באַלאָדן מיט דאגות, מיט זאָרג.

נחמן וויל זיך אַמאָל אומקערן פון מיטן וועג, לויפן אויפן מאַרק און צולויפן צום טאַטן — טאַטע! אין נחמנען וועקט זיך אַ כעס צום טאַטן, און ווי דער טאַטע האַלט ער אַראָפּגעלאָזט די אויגן, כמורעט די ברעמען, און עס טוט אים וויי פון דעם די הויט אויפן שטערן, עס טוט אים וויי דער קאָפּ.

ביז איין מאָל אין אַן אָוונט איז ר׳ חאַצע געקומען אַהיים פון מאַרק, און מען האָט זיך שוין אַנידערגעזעצט צום טיש, און אויפן טיש האָט געברענט דער לאָמפּ, האָט געוואָרפן אַ שיין, אַז איבערן טיש האָבן, דוכט זיך, גערוט אַ פּאָר בלייכע הענט, און דאַ האָט נחמן פלוצלונג אויסגעשריען פון זיך, אַז ער אַליין האָט זיך אַזש דערביי אויפגעכאַפּט פון אָרט:

— טאַטע, איך פאָר אַוועק!

ר׳ חאַצע האָט אַ ציטער געטאָן, נאָר ער האָט איבערגעוואָרט דעם ציטער, און דערנאָך האָט ער לאַנג און פּאַמעלאַך אַנידערגע־געלייגט לעבן זיך די לעפל, לעבן דעם טעלער, און האָט זיך אומ־געקערט צו נחמנען:

—פאָרסט אַוועק? וואָס זשע שרייסטו?

ר׳ חאַצע האָט שוין לאַנג געוואַרט, אַז דער זון זאָל עפּעס טאָן, מיט גראַז אין פעלד טוט מען דאָך אויך עפּעס, און גערעדט האָט

איצט ר׳ חאַצע אַזוי שטיל, אַזש הייזעריק, און נחמן האָט געוואָלט אויפהערן שרייען, נאָר ער האָט ניט געקענט, עס האָט זיך ביי אים געשריען פון זיך אַליין, און ר׳ חאַצע האָט זיך אויפגעשטעלט פון אָרט, און זיי זיינען שוין געשטאַנען איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, און ר׳ חאַצע האָט שטאַרק אַנגענומען דעם זונס האַנט, האָט זי שטאַרק געדריקט:

—ווילסט פאָרן קיין וואַרשע? אדרבה, פאַרוואָס ניט? אַ גלייכע זאַך, זייער אַ גלייכע, נאָר שריי ניט, שאַ, שריי ניט!

אין שטוב איז מיטאַמאָל געוואָרן שטיל, אַזוי שטיל, ווי עס וואָלטן זיך אויפן אָרט צעקלונגען פוסטע גלעקער, און ר׳ חאַצע האָט געשפּאַנט איבער דער קיך אַהין און צוריק, אַהין און צוריק, און מלכה איז געשטאַנען ביים טיש, און אירע רחמנותדיקע הענט האָבן זיך פאַרלאָרן געטוליעט צו דעם וואַרעמען טאָפּ מיט גע־קעכץ, און געשטאַנען איז זי אַן איינגעבויגענע און ווי אַ פאַר־גליווערטע אין אַ ציטער, און נחמן האָט נאָכגעקוקט דעם טאַטן מיט צוויי גרויסע, אויסגעשטעלטע אויגן, און ר׳ חאַצע האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן שטוב, האָט אויפגעהויבן צו זיך אַ האַנט, האָט מיט דער האַנט אַריינגענומען די גאַנצע באָרד זיינע, און דאָ, ערשט איצט, דוכט זיך, האָט ער דערזען וואָס פון זיין באָרד איז געוואָרן, אַ האַרטער קאַלטון, וואָס פון זיי אַלעמען איז געוואָרן!

— ווען... ווען ווילסטו פאָרן?

אין ווינקל אויפן באַנק איז געלעגן אַן איינגעבונדן פּעקל, און ר׳ חאַצע האָט אַ טראָט געטאָן אַהין, האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס פּעקל אין די הענט אַריין, האָט עס באַקוקט פון אַלע זייטן און האָט עס צוריק אַוועקגעלייגט — אויפן זעלבן אָרט:

—היינט? ווילסטו טאַקע באַלד פאָרן, מיטן באַנאַכטיקן פּאַיעזד?

ר׳ חאַצע איז צוגעגאַנגען צום טיש, האָט זיך אַנידערגעזעצט אַן אויסגעמאַטערטער, האָט פאַר עפּעס גענומען איבערלייגן די לעפל־גאָפּל, האָט אָפּגערוקט די טעלער, און האָט זיך באַלד ווי־דער אויפגעהויבן:

—נו, און ביי דער מאַמען אויפן קבר ביזטו געווען? האָסט זיך געזעגנט מיט איר?

נחמן האָט פּוסט געענטפערט — יאָ! און פון מלכהן, ווי זי איז געשטאַנען, האָבן זיך מיטאַמאָל אַ גאַס געטאָן טרערן — זיי זיינען ביידע געווען ביי דער מאַמען אויפן קבר, ביידע...

ר׳ חאַצע האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט, האָט מער ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן, האָט מער ניט געהאַט וואָס צו טאָן, און ער איז צו־געגאַנגען צו מלכהן, האָט איר געוואָלט אַ גלעט טאָן איבערן קאָפּ, נאָר עס האָבן זיך ביי אים ניט געהויבן די הענט, זיי זיינען געווען ווי קלעצער, און ער האָט שטיל געזאָגט:

— וויין ניט...

# XXXI.

און נחמן האָט זיך געזעגנט מיט דער שוועסטער, און מלכה האָט אים נאָכגעמורמלט מיט אַזוינע בלייכע ליפּן, אַז עס איז ניט געווען אין איר פּנים קיין איין טראָפּן בלוט:

— פאָר געזונט...

זי האָט ניט געשריען, ניט געוויינט, און ווי אין אַ חלום האָט זי געזען, ווי זיי זיינען אַרויס פון שטוב, נחמן און דער טאַטע, זי האָט אַפילו געהערט זייערע טריט, און זי האָט נאָך אַלץ גע־מורמלט:

— פאָר געזונט...

ר׳ חאַצע האָט געטראָגן דאָס פּעקל, איז געגאַנגען אָפּריער, און נחמן האָט זיך געהאַלטן לעבן אים. די נאַכט אין דרויסן איז געווען אַ שטילע, עס איז קיינער ניט געווען, און זיי זיינען דורכ־געגאַנגען דעם הויף, זיינען אַרויס פון טויער, און דאָ האָט נחמן דערזען קלמנען, ווי ער טוליעט זיך צום טויער, ווי ער וואַרט אויף אים:

— קלמן!

נחמן האָט זיך שטאַרק דערפרייט, אַז ווי קלמן וואָלט פון שטענדיק אָן געווען אַ גלייכער צו אים, נאָר ר׳ חאַצע האָט זיך ניט

אפגעשטעלט, איז געגאנגען, און נחמן איז נאכגעגאנגען דעם טאטן.

קלמן האט געוואוסט, אז נחמן דארף אוועקפארן, און ער איז געשטאנען די גאנצע צייט ביים טויער, האט געהיט, האט געווארט, און אז ער האט זיך דערוואוסט, נחמן איז טאקע אוועקגעפארן, איז ער גלייך אריינגעלאפן אין שטוב, צו מלכהן, און האט גלייך פון זיך אויסגעשאסן די פרייד זיינע, ווי פון א ביקס:

—אוועקגעפארן!

קלמן האט געמיינט, אז עס איז א גרויס גליק, פאר אלעמען, און מלכה איז געזעסן אין מיטן שטוב, האט געהאלטן די הענט אירע אויף די קני, ווי זי וואלט געציילט די פינגער, און זי האט נאך נידעריקער אראפגעלאזט דעם קאפ, די אקסלען, ווי די אויסגעשאסענע פרייד זיינע וואלט זיך אוועקגעלייגט אויף איר מיט א הארטער, שווערער ברעט. זי האט געשוויגן, האט אים ניט אויסגערעדט, זי האט נאר אויפגעהערט צו קוקן אויף די הענט, און קלמן האט זיך מיטאמאל אפגעהאקט, עס האט זיך מיטאמאל אראפגעשווינקט פון אים די גאנצע פרייד, ווי וואסער פון א ביין אראפ, און ער איז צוגעגאנגען צו איר, איז געשטאנען פאר איר, און האט פאר איר געעפנט דאס הארץ זיינס:

— אז איך האב דיך ליב, נאר דו ווייסט ניט!

ער האט געווארט, אז זי זאל אים הייסן אוועקגיין, זי זאל אים אוועקטרייבן, און עס האט אים אזוי פארדראסן, אלץ האט אים פארדראסן, אז ער האט זיך שיעור ניט פאנאנדערגעוויינט:

— נחמן האט מיך פיינט געהאט, פארוואס האט ער מיך פיינט געהאט? איך האב אים גארניט געטאן!

מלכה האט אויפגעהויבן דעם קאפ אירן, האט אים אנגעקוקט, האט לאנג געקוקט אויף אים, און איר פנים האט בלייך געשמייכלט, ווי עס שמייכלט א קראנקע. זי האט לאנג אט אזוי געקוקט אויף אים, אז ער האט זיך פאר עפעס אנגעהויבן צו שעמען, עס איז אים געווארן גוט, און זי האט נאענט און געטריי גערעדט צו אים:

— זע, דו ביזט א געלער, דו האסט געלע האר...

— פון אלע מאל אזוי, שטענדיק!

און ר' חאצע מיט נחמנען זיינען געגאנגען צום שטאט, זיינען

נעגאַנגען צום וואַקזאַל. ר׳ חאַצע איז ניט געגאַנגען, נאָר גע־שפּאַנט, ווי אויף אַן אויסגעטראָטענעם וועג, און אַט איצט־ צום לעצטן מאָל, דאַרף ער אים זאָגן, נחמנען, דאַרף אים דערציילן דעם אמת, אַז ער אַליין, דער טאַטע זיינער, האָט דערהרגעט דער מאַמען!

ר׳ חאַצע האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס פּעקל אויף דער ערד, ביי די פיס, און נחמן איז אויך געבליבן שטיין, און ר׳ חאַצע האָט שוין צוגעצויגן צו זיך דעם זון, נאָר דאַ האָט זיך ביי ר׳ חאַצען מיטאַמאָל אַ בראָך געטאָן דאָס גאַנצע פּנים זיינס, ווי עס וואָלט געוועזן פון בלעך.

— טאַטע!

נחמן האָט עס אויסגעשריען, ווי אַ דערשראָקן קינד, וואָס כאַפּט זיך אַן מיט זיינע הענטלאַך אָן די אַרבל פון אַ גרויסן, און ר׳ חאַצע האָט זיך שווער אָפּגעקערט פון אים, האָט דערזען אַנטקעגן זיך די לבנה, און די לבנה איז געגאַנגען אויף אים, און ר׳ חאַצע האָט אַ כאַפּ געטאָן זיינע אייגענע הענט און האָט זיך מיט זיי פאַרשטעלט דעם פּנים.

ר׳ חאַצע איז געשטאַנען אַ פאַרגליווערטער, און נחמן איז געלאָפן מיט די אויגן אַרום און אַרום, האָט געזוכט, האָט געשמעקט, נאָר ער האָט גאָרניט געזען, און ער האָט דערנאָך געוואָלט צו־פאַלן צום טאַטן און בעטן אים, זיי זאָלן גיין אַהיים, ער וויל אַהיים...

— טאַטע!

ר׳ חאַצע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ טיפן שלאָף, האָט שטאַרק אַרומגענומען דעם זון, האָט זיך אויף ניך מיט אים געזעגנט און האָט אים געלאָזט שטיין אין מיטן שטאָט. נחמן האָט זיך געוואָלט אַ לאָז טאָן נאָכן טאַטן, לויפן, שרייען, בעטן, נאָר ער האָט זיך ניט געקאָנט רירן פון אָרט, און ער האָט געזען, ווי דער טאַטע גייט אַוועק פון אים, גייט אַוועק, און אַז ער בלייבט דאָ אַליין ווי אויפן וואַסער.

און ר׳ חאַצע, אַז ער איז געקומען אַהיים, איז אים אַלצאיינס געווען, צי יאָ געקומען, צי ניט געקומען. ער האָט אַרומגעשפּאַנט איבער דער קיך אַהין און צוריק, און מלכה איז שוין געלעגן אין בעט,

איז שוין געשלאָפן, און אַז זי האָט דערהערט, אַז דער טאַטע איז גע־קומען האָט זי זיך שטאַרק דערפרייט. עס איז איר אומעטיק געווען נאָך דעם ברודערס אַוועקפאָרן, און גוט—נאָך קלמנס הייַנטיקן אַוועק־גיין, און זי האָט ניט געוואוסט צי זי איז גערעכט, צי ניט גערעכט. נאָר דער טאַטע איז ניט צוגעגאַנגען צו איר, האָט זיך אַפילו ניט אומגעקוקט אין איר זייַט, און זי האָט זיך שטאַרק צוגעהערט צום טאַטן און האָט מיטאַמאָל גענומען ציטערן פאַר שרעק. דער טאַטע איז געווען אַזאַ פרעמדער, אינגאַנצן אַן אַנדערער ווי אַלעמאָל, און זי האָט נאָך מער אַרויפגעצויגן אויף זיך די קאָלדרע, האָט זיך צונויפגעדרייט אין אַ בייגל, און די אויגן אירע האָט זי געהאַלטן פאַרמאַכט. אַזוי האָט זי מורא געהאַט צו קוקן. און ר׳ חאַצע האָט ניט געאַרט, צי זי שלאָפט יאָ, צי זי שלאָפט ניט. אויפן טיש האָט זיך געברענט דער לאָמפּ, און לעבן לאָמפּ איז געלעגן דער תהילים, און ר׳ חאַצע האָט געקוקט אויף דעם, אויפן לאָמפּ, אויפן תהילים, און האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. דערנאָך האָט ער זיך אַנידערגע־זעצט, גלאַט אַזוי זיך, און מלכה האָט שוין מער ניט געקענט איבער־טראַגן דעם מאָרנעם, פרעמדן רעש, וואָס האָט זיך געטראָגן איבערן שטוב, און זי איז פלוצלונג אַרויס פון בעט, און אַ נאַקעטע, אין איין העמד, איז זי צוגעגאַנגען צום טאַטן, און האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן אים. פאַר ר׳ חאַצען האָט אַ שיין געטאָן די בלייכע, אָרימע נאַקעטקייט פון איר לייַב, די לאַנגע, דינע הענט אירע, ווי זיי וואָלטן אַראָפּגעהאַנגען פון אַ קראַנקער בעט, און ער האָט שאַרף אַ קוק גע־טאָן אויף איר, אינגאַנצן, און האָט איר שאַרף געזאָגט:

— ביזט ניט געראָטן אין דער מאַמען, די מאַמע איז געווען אַן אַנדערע!

מלכה האָט דערפילט פון דעם, ווי דער טאַטע וואָלט זי גע־שלאָגן, און אַ געשלאָגענע האָט זי זיך צוריק אַרייַנגעלייגט אין בעט, וויסנדיק ביי זיך, אַז עס קומט איר ניט אַזוי, און ר׳ חאַצע איז גע־זעסן אַ פינצטערער ווי אַ גרוב, און אויפן טיש האָט געברענט דער לאָמפּ. ר׳ חאַצע האָט געהערט דערנאָך, ווי די טאָכטער זייַנע האָט געוויינט אייַנגעהאַלטן, פאַרבאָרגן, נאָר ער האָט זיך ניט אָפּגערופן צו איר...

# XXXII.

מלכה איז אויף מארגן אויפגעשטאנען א קראנקע, און ווען זי האט געעפנט די אויגן, איז שוין דעם טאטן ניט געווען אין דער היים. מלכהן האט ווי געטאן דער קאפ, און ווי אנגעגאסענע זיינען געווען די הענט אירע, די פיס, און א קראנקע איז זי אראפ פון בעט. האט זיך אנגעטאן, נאר האט זיך באלד צוריק אוועק־געלייגט. זי איז ניט געגאנגען צו חנהן, האט גארניט געטאן, און שפעטער מיט א ווײַלע איז, ווי יעדן טאג, געקומען צו איר קלמן, און אז ער האט זי דערזען, און זי האט אפילו צוגעמאכט די אויגן, האט ער אויסגעשריען:

— ביזט קראנק?!

מלכה האט געעפנט די אויגן, האט זיי צוריק פארמאכט און האט שטיל געענטפערט:

— יא, איך בין קראנק...

קלמן איז צוגעגאנגען צו איר, און ווי דער טאטע זײַנער לעבן דער מאמען, ווען די מאמע לאזט זיך פלוצלונג אפ, ווערט ערדיק־געל און זאגט הייזעריק, פארשטיקט: איך שטארב! אט אזוי איז ער איצט געשטאנען לעבן מלכהן, נאר באלד האט ער זיך א כאפ געטאן, איז אוועקגעלאפן אהיים און איז צוריקגעקומען מיט דער מאמען. און חנה האט גארניט געפרעגט, האט גארניט געזאגט, זי האט זיך נאר ברייט אנידערגעזעצט, מיט א ברייטן קרעכץ, און דערנאך האט זי געהייסן קלמנען אײַנהייצן דעם אויוון, און אליין האט זי גענומען צוגרייטן וואס צו קאכן. זי האט אלץ געטאן ווי בײַ זיך אין דער היים, פאמעלאך און שווער, ווי זי אליין איז געווען, און מלכה האט די גאנצע צײַט געקוקט וואס זי טוט, און חנה האט ניט געזען, אז מלכה נעמט זיך איבער...

און שפעטער אין אוונט, אז ר' חאצע איז געקומען אהיים, איז ער געווען פארטראכט, צעטראגן, אז ער האט גערעדט מיט א פוסטן קול, האט געהאלטן אין איין איבערחזרן:

— קראנק? טאקע קראנק?

ער האט איר געגלעט דעם קאפ, און גערעדט האט ער צו

קיינעם ניט, און קוקן האָט ער געקוקט צו חנהן, און מלכה איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָט אפילו קיין פּיפּס ניט געטאָן, און ר׳ חאַצע האָט זיך אָנגעבויגן צו איר, האָט מיט זיינע אָפּענע ליפּן אָנגערירט דעם נאַקעטן שטערן אירן, ווי ער וואָלט געוואָלט מיט דעם פּרואוון צי זי האָט טאַקע היץ, און מלכהן איז אַזוי גוט געוואָרן פון דעם, פון אַלץ, אַז זי איז אויף גיך אַראָפּ פון בעט און האָט גענומען גרייטן צום טיש.

—גיי אוועק, הער אויף, לייג זיך!

חנה האָט זי פּאַמעלאַך אָפּגעשטופּט פון טיש, האָט זיך גע־בייזערט אויף איר, נאָר מלכה האָט זיך ניט געלייגט, האָט ניט אויפגעהערט, און ר׳ חאַצע איז שוין געזעסן אויף זיין אָרט, און עס איז עפּעס אויסגעקומען אַזוי, אַז אי חנה און אי מלכה האָבן ביידע גלייך געגרייט פאַר אים דעם טיש, אַריבעריאָגנדיק דערביי איינע די אַנדערע. חנה האָט אוועקגעשטעלט אַ טעלער, און מלכה האָט אונטערגעטראָגן די לעפל־מעסער, און ר׳ חאַצע אַליין האָט זיך עפּעס ניט געקענט אַ ריר־טאָן פאַר זיי אין די אויגן, און נאָכן עסן האָבן זיי ווידער ביידע אינאיינעם צוגענומען פון טיש, האָבן ריין געמאַכט, נאָר ר׳ חאַצען איז שוין ניט געווען שלעכט פון דעם, ווי ער וואָלט זיך שוין איינגעוואוינט, און ער האָט גענומען דעם תהילים, האָט שוין געוואָלט אָנהויבן זאָגן, הויך אויפן קול, און זאָלן זיי הערן, פאַר זיי, פאַר זייערטוועגן, נאָר שטום האָט ער געקוקט אין תהילים אַריין, מיט בלינדע אויגן, און שטום האָט זיך געגאָסן פון אים זיין בלינד געוויין. עס איז אים אי גוט געווען, אי ניט אָנגעשטאָנען, אַלץ מיט אַנאַנדער, און חנה האָט שוין געזאָגט אַ גוטע נאַכט, און מלכה האָט איר צוריקגעזאָגט אַ גוטע נאַכט, אַ דאַנק! און חנה האָט עפּעס פאַרנומען מיט זיך ביים אוועקגיין, האָט צוגענומען פון שטוב אַרויס, און ר׳ חאַצע האָט איר געוואָלט זאָגן, בעטן, אַז זי זאָל נאָך פאַרברייינגען, זאָל ניט אוועקגיין.

פאַרטאָג, ווען עס איז נאָך געווען פינצטער, איז ר׳ חאַצע געגאַנגען אין מאַרק אַריין, יעדן וואָכנדיקן טאָג ווי אַ זייגער, און מלכהן איז זייער אומעטיק געוואָרן ביי זיך אין דער היים נאָך דעם ברודערס אוועקפאָרן, די אַלע לאַנגע, אויסגעצויגענע טעג, און זי איז כמעט שטענדיק געווען ביי חנהן, פון אין דער פרי ביז שפּעט

אין אוונט. זי האט זיך דארט געשפּילט מיט די קינדער, און די קינדער האבן געקלעפּט צו איר מיט די הענטלאך, מיט די פּיסקעס, אז עס איז געווען א נחת צו קוקן אויף זיי, און חנה האט טאקע אפּט איבערגעלאזט אלע אירע זאכן און האט זיך אוועקגעשטעלט קוקן אויף מלכהן, האט זיך געבענטשט מיט איר, און דערנאך האט זי זיך, ווי א מאמע, געכעסט אויף קלמנען, אויף איר אייגענעם זון:

— ווער א מענטש! דער טאטע וועט דיר צעברעכן רוק און לענד!

און קלמן האט איצט אלעמען ליב געהאט, דער מאמען, דעם טאטן, מלכהן — אלעמען! די מאמע האט גערערט צו אים, אז מען וועט אים צעברעכן רוק און לענד, און ער האט איר געקוקט גלייך אין פּנים אריין, האט געלאכט מיט זיינע נאקעטע, גע־זונטע ציין, און חנהן איז גוט געווען אויף דער נשמה.

מלכה האט זייער געבענקט נאכן ברודער, עס פלעגן זיך איר אזש אמאל שטעלן טרערן אין די אויגן, פּלוצלונג אזוי, און קיינער האט ביי איר ניט געפרעגט אפילו פאר וואס, פאר ווען, מען האט אליין געוואוסט. און נחמן האט די ערשטע צייט געשריבן לאנגע און אפטע בריוו פון ווארשע, און אין די בריוו האט ער געבעטן, אז מען זאל זיך גארניט זארגן וועגן אים, ניט דאנהנען. ר׳ חאצע האט געלייענט די בריוו, האט געזען, אז נחמן וויל עפּעס פרעגן ביי אים, ביים טאטן, נאר פרעגט ניט, פּונקט ווי ער דערציילט איני־גאנצן ניט דעם אמת, וואס עס טוט זיך ביי אים אויפן הארצן — ארעם קינד! ביי ר׳ חאצען האבן בלייך געציטערט די הענט — יאלמן קומט דארט אפּ — און ער איז דערנאך לאנג געלעגן מיט אפענע אויגן, איז שוין ניט געשלאפן די נאכט, און טיף אין אים האט זיך אלץ געקליבן, געקליבן, ביז עס האט זיך מיטאמאל ארויסגעריסן פון א קרעכץ ווי א שפּיז, האט ווי א שפּיז דורכגעשטאכן די גאנצע שטוב, אז מלכה האט זיך אויפגעכאפּט פון שלאף א דערשראקענע, א צעטומלטע:

—טאטע, דו שלאפסט ניט?!

# XXXIII.

מלכה האָט אויף מאָרגן געוואָלט דערציילן פאַר חנהן וואָס עס איז געווען ביינאַכט, נאָר זי האָט קיינמאָל גאָרניט דערציילט, זי האָט שטענדיק אָפּגעהיט דעם טאַטן.

פֿאַרטאָג, ווען עס איז נאָך פינצטער געווען אין דרויסן, איז ר' חאַצע נעגאַנגען אין מאַרק אַריין, יעדן וואָכעדיקן טאָג, ווי אַ זייגער, פּונקט ווי עס גייט אויף די זון, פּונקט ווי עס באַווייזן זיך שטערן אויפן הימל, און פּאַרנאַכט, ווען עס איז שוין ווידער פינצטער גע־וואָרן, האָט ער זיך צוריק אומגעקערט אַהיים, שטענדיק נאָך מעריב און שטענדיק ווי פון אַ ווייטער נסיעה. און אַמאָל האָט ער נאָך פון דערווייטן געזען אַז ביי אים אין שטוב ברענט ניט דער לאָמפּ, עס איז דאָרט קיינער ניטאָ, עס איז פוסט ווי אין אַ שטאַל... נאָר ער האָט זיך ניט נעשראָקן, האָט גאָרניט איבערגעקלערט, ער האָט גוט גע־וואוסט אַוואו זיין טאָכטער איז שטענדיק, און ער האָט זיך טאַקע גלייך פאַרנומען אַהין.

— גוט נאָוונט!

דער רעש און טומל ביי חנהן אין שטוב איז אַלעמאָל געווען אַ שטענדיקער, אַ היימישער, אַשטייגער ווי דער גרויער, דעמבענער טיש וואָס זיין שוואַרצע נאַקעטקייט האָט אַזש געקלעטערט אויף די ווענט, ווי דאָס אַנגעוואָרפענע בעטגעוואַנט. און ר' חאַצעס גוט נאָוונט איז געבליבן שטעקן אַ פרעמדער, ווי פרעמד ער אַליין איז דאָ געווען, נאָר די גאַנצע שטוב האָט זיך עפּעס באַלד איבערגעביטן, טאַקע פון זיין פרעמדן גוט נאָוונט, איז געוואָרן אַנדערש. אַפריער איז מלכה געבליבן שטיין אין מיטן דערינען, ווי אַ געכאַפּטע ביי אַ קינ־דערשער שפּיל, און דערנאָך האָבן זיך די קינדער אָפּגעקלעפּט פון איר, האָבן זיך אַוועקגערוקט, און חנה אַליין האָט אויך ניט גע־וואוסט, אויף דער ערשטער מינוט, וואָס זי זאָל טאָן, נאָר באַלד האָט זי אַ כאַפּ געטאָן אַ שטול און אַ וויש מיט דער האַנט, מיטן עלנבויגן און אַ שטעל אַוועק אין מיטן, אויבנאָן:

— זיצט, ר' חאַצע, זיצט!

חנה האָט אין גאַנצן געשיינט מיט דער אָפּגעקראַכענער רויט־קייט פון אַלטע, געלבלאַכע בלעטער, וואָס וואָרעמען זיך אויף דער זון.

נאָר נאָענט צו ר' חאַצען איז זי ניט צוגעקומען, זי האָט זיך געהאַלטן אַן אַ זייט, אינאיינעם מיט איר פולער פרייד, און ר' חאַצע איז דורכגעגאַנגען זייער אַפּגעהיט. ער זאָל נאָך חלילה ניט אַנטרעטן אויף אַ קינד, ניט אַנטרעטן אויף עפּעס, האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דעם אונטערגעטראָגענעם שטול, און מלכה איז צוגעגאַנגען צו אים און האָט זיך אַנידערגעשטעלט ביי זיין זייט. ארום האָבן אַלע געשוויגן, זיי האָבן אַלע געקוקט אויף אים, און אויף ר' חאַצען האָט זיך געגאָסן אַ שטילע ווארימקייט אַזאַ, ווי פון עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען אַמאָל, אַמאָל, און מלכה האָט זיך שטיל אָפּגערופן צו אים:

— קום אהיים, טאַטע...

אין דרויסן איז געווען שטאַרק פינצטער, אַ נאַכט אין סוף חודש, און ר' חאַצע האָט געהאַלטן די טאָכטער זיינע פאַר אַ האַנט, זיי זיינען געגאַנגען אהיים, און ר' חאַצע האָט געטראַכט, האָט זיך פאַרטראַכט גלאַט אַזוי, אין דער וועלט אַריין, אַז — מען וואָלט זיך נאָר געדאַרפט אריינקלייבן צו חנהן, אינאיינעם מיט אַלע אירע קינדער, אינאיינעם. און ר' חאַצע האָט גאָר פאַרגעסן דערביי, אַז עס איז דאָ אויף דער וועלט אַזאַ מענטש ווי יחיאל־מנשה.

נאָר איינמאָל, אין אַ פרייטיק, איז גראָדע אויסגעקומען אַזוי, אַז אי ר' חאַצע און אי יחיאל־מנשה זיינען ביידע גלייך אַרוים פון מרחץ. אין דרויסן האָט געוואָרעמט די נידעריקע זון, עס איז שוין געווען ווייט נאָך האַלבן טאָג, און ר' חאַצע איז געווען אַ צענור־מענער, אַן אויפגעלייגטער, האָט שאַרף און מיט הנאה געפילט די געזונטקייט פון זיינע אברים, ווי מען פילט זיך נאָך אַ גוטן מרחץ, אַלע זיינען יעמאָלט גלייך, און יחיאל מנשה איז געשטאַנען, איז ניט געגאַנגען — ער האָט ניט געוואוסט, צי מעג ער טאַקע גיין מיט ר' חאַצען איבער די שטאָטישע גאַסן, גיין ווי עס באַדאַרף צו זיין, צי מעג ער יאָ, צי מעג ער ניט? נאָר ר' חאַצע האָט געוואָרט אויף אים, האָט בפירוש געוואַרט, און זיי זיינען דערנאָך געגאַנגען זאַלבעצווייט, און יחיאל־מנשה האָט זיך געפרייט ווי אַ קינד, אַ גליקלאַכער ווי אַ קינד. נאָר ניט ווי אַ קינד האָט ער געטראָגן די פרייד זיינע, ער האָט אַלץ געקליבן אין זיך, מיט יעדן טראָט אַלץ מער

און מער, און זיין גאַנצער גוף, פון קאָפּ ביז די פיס, איז געווען ווי אַן אייזערנער קאַסטן, וואָס איז שטאַרק פאַרשלאָסן.

יחיאל־מנשה איז געווען אַ סך נידעריקער פון ר' חאַצען, מיט צוויי ברייטע אויסגעהאַמערטע פּלייצעס, און געשפּאַנט האָט ער — איינס־צוויי! און אויף זיין רויטן קאַרק, ווי אויס־געגאָסן פון קופּער, האָט זיך וואָרעם געשפּילט דאָס פאַרנאַכטיק ווינטל, אַז אַפילו ר' חאַצע האָט פון דעם הנאה געהאַט, און יחיאל־מנשה איז אַזוי געווען פאַרטאָן אין זיין פרייד, און ער האָט געוואוסט יעדע רגע, אַז ער גייט מיט ר' חאַצען, און ר' חאַצע האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף אים מיט גוטסקייט, אַז אַ סימן פון טאַדל:

— אַ חמור, כולו גוף!

ר' חאַצע האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי זיין טויער, און יחיאל־מנשה איז זיך געגאַנגען ווייטער, צו זיך אַהיים, און ר' חאַצע האָט אים נאָכגעקוקט מיט אַ שמייכל, נאָר אַז יחיאל־מנשה איז אַריין צו זיך אין הויף, איז אַריין צו זיך אין שטוב אַריין, איז ר' חאַצע דאָ מיטאָמאָל געוואָרן אין כעס פון אַ בלינדן פאַרדראָס אויף חנהן גאָר, און אַ כעסדיקער איז ער שוין אַריין אין שטוב, נאָר אין שטוב איז קיינער ניט געווען, און ר' חאַצע האָט געוואָלט לויפן נאָך דער טאָכטער, ברענגען זי אַהיים, און שטאַרק איר אָנזאָגן:

— זאָלסט מער קיינמאָל ניט גיין אַהין, קיינמאָל ניט!

נאָר ער איז ניט געלאָפן, ער האָט זיך אַפילו ניט גערירט פון אָרט, און ערשט אין אַ מינוט אַרום, זייענדיק אַליין, האָט ער אויפגע־הויבן אַ האַנט, וואָס האָט זיך קוים געבראָכן, און האָט זיך מיט דער האַנט אַ וויש געטאָן דעם קאַלטן און זייער טרוקענעם שטערן.

אין דרויסן האָט זיך שוין גאָר נידעריק געזעצט די זון, מען האָט שוין געדאַרפט געווען בענטשן ליכט, אַריינפירן דעם שבת, און מלכה איז טאַקע באַלד געקומען אַהיים, און ר' חאַצע האָט ניט געקוקט, האָט געהאַלטן פאַרבאָרגן די אויגן — ער האָט מורא געהאַט אַ קוק צו טאָן אויף דער טאָכטער, אויף דעם שבתדיקן טיש.

— טאַטע, וועסט גאָר היינט ניט גיין אין שול?

מלכה האָט געפרעגט, זי האָט פון גאָרניט געוואוסט, און מיט ר' חאַצען האָט עס געדויערט אַ לאַנגע מינוט ביז וואַנען ער האָט איר געקענט ענטפערן — אַפילו מיט אַ הייזעריקן קול:

— ניין!

מלכה האָט דאָ עפּעס ניט פאַרשטאַנען, און זי האָט נאָך עפּעס געוואָלט פרעגן, נאָר דער טאַטע האָט זיך אָפּגעקערט פון איר, האָט זיך אויפגעהויבן, און ניט קוקנדיק אויף קיינעם, און ניט זענדיק קיינעם, האָט ער זיך אוועקגעשטעלט אין מיטן שטוב און האָט אָנגעהויבן מקבל שבת זיין.

און שפּעטער, שוין נאָכן עסן, ווען מלכה האָט שוין צוגענומען פון טיש, איז ווי שטענדיק געקומען צו זיי קלמן. ער האָט זיי, ווי יעדן פרייטיקצונאַכטס, געבראַכט זיין שטילן, יום־טובדיקן גוט שבת, און ר׳ חאַצע האָט אָנגענומען אַ פולן הויפן מיט זאַלץ און האָט עס זיך געשאָטן אויף דער אייגענער וואונד אויף זיינער. ער האָט געפרעגט ביי קלמנען:

— וואָס מאַכט די מאַמע?

# XXXIV.

און חנה האָט זיך ניט צוגעקוקט, נאָר איין מאָל האָט זי גלאַט אַזוי געזען, ווי ר׳ חאַצע גייט אַוועק אויפן מאַרק, גייט אַוועק פון דער היים אויף אַ גאַנצן טאָג, און נעמען נעמט ער מיט זיך נאָר אַ טרוקן שטיקל ברויט, וואָס פאַר יחיאל־מנשהן אַ שטייגער וואָלט עס אפשר געקענט קלעקן אויף איין צאָן, און זי האָט זיך שטאַרק צעבייזערט אויף מלכהן, האָט שטאַרק איר אויסגערעדט:

— ניט שיין, זייער ניט שיין! אַ טאָג ווי אַ יאָר, פון וואַנען וועט ער שעפּן זיינע כוחות?

חנה האָט אַזש אַ כאַפּ געטאָן אַ טעפּל, פון כעס, האָט זיך גענומען עפּעס צוגרייטן, צושטעלן צום קאָכן, און מלכה איז גע־שטאַנען אַ פאַרשעמטע ביז טרערן, און מיט טרערן אין די אויגן האָט זי גרויס געקוקט אויף חנהן:

— לאָזט מיך, איך וועל אַליין...

און אין דעם זעלבן טאָג נאָך, באַלד נאָך האַלבן טאָג, האָט שוין מלכּה אַרויסגעטראָגן דעם טאַטן אויפן מאַרק אַ קליין טעפּעלע געקעכטס, און דאָס טעפּל געקעכטס מיטן ווייסן האַנטוך פון אויבן האָט אַזש פאַרשמעקט די נשמה, האָט פאַרבלענדט די אויגן. חנה האָט אָנגעקוואָלן פון נחת, און מלכּה איז אַ דינע געגאַנגען איבער די שטאָטישע גאַסן, אַ פאַרבאַהאַלטענע אין זיך, און אײַנגאַנצן איז זי געווען אַזאַ קליינע, אַן אָפּגעווישטע, ווי עפּעס אַ פּינטל, וואָס האָט זיך געשאַרט, געקייקלט, אַז זי האָט זיך אַליין ניט געקענט זען, האָט אַליין ניט געקענט וויסן וווּ זי איז, צי דאָ, צי דאָרטן... די טריט אירע זײַנען געווען דינע, הינעריש־גיכע, אַז זיי האָבן קוים אָנגערירט די ערד, און ווען זי איז צוגעקומען צום טאַטן, און ר׳ חאַצע האָט מיטאַמאָל דערזען איר גאַנצע נאַקעטע איבערגעגעבנקייט צו אים, האָט ער זי צוגעצויגן צו זיך, האָט איר אַרײַנגעקוקט אין די אויגן אַרײַן, נאָר זאָגן איר עפּעס האָט ער גאָרניט געקענט, קיין איין וואָרט ניט אפילו. עס האָט זיך נאָר שווער געהויבן בײַ אים דער אַרויסגעשפּאַרטער בײַנערדיקער גאָרגל זײַנער אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, אין דעם ווייטיק פון זיסע טרערן, וואָס קומען גיכער איידער מען שלינגט זיי אַראָפּ, און מלכּה האָט זיך שטיל פאַרענטפערט:

— חנה האָט מיר געהייסן...

ר׳ חאַצע האָט אַזש שיעור ניט אויפגעשריען, אַזוי האָט עס אים אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן, אין מוח, נאָר מלכּה איז געשטאַנען ווי נאָרניט, ווי גאָלע גאָרניט, און ר׳ חאַצע האָט פּאַמעלאַך אַרויסגערעדט—דאָס, וואָס מען האָט באַדאַרפט, ווי עס פירן זיך מענטשן:

— זאָג איר אַ דאַנק.

מלכּה איז שוין דערנאָך יעדן טאָג געקומען צום טאַטן אויפן מאַרק, באַלד נאָך האַלבן טאָג און מיט אַ טעפּעלע געקעכטס, און ר׳ חאַצע האָט שוין אַפּט געוואַרט אויף איר, און מלכּה האָט זיך ביסלאַכווײַז צוגעוואוינט צו די שטאָטישע גאַסן, עס האָט איר שוין ניט געאַרט, און געגאַנגען איז זי שטענדיק אין אָרעמע אָפּגעטראָגענע, נאָר זייער ריינע, זייער ציכטיקע בגדים און מיט

א היטעלע אויפן קאָפּ, און אויסגעקוקט האָט זי ווי אַ פרעמדע, ווי אַקאַרשט געקומען אין שטאָט אַריין...

אויפן מאַרק האָט שטענדיק געדרוישט, געקאַכט, איין גאַנצע, ענגע קייט, געפּלאַכטן פון געשרייען, און קיינער, פון דער קייט אַרויס, האָט זיך קיינמאָל ניט אומגעקוקט אויף מלכהן, נאָר איידער זי איז צוגעקומען צום טאַטן האָט זי געדאַרפט געווען דורכגיין פאַרביי לייזער־בערן, און ביי לייזער־בערס שטעלכל, ווי נאָר מלכה האָט זיך באַוויזן פון דער ווייטנס, אַזוי האָט זיך דאָרט מיטאַמאָל אָפּגעהאַקט דער גאַנצער געפּילדער, דער גאַנצער געלעכ־טער פון די גויקעס, ווי זיי וואָלטן אויף עפּעס געבליבן וואַרטן, און לייזער־בער אַליין פּלעגט אַזש אויסציען און פאַנאַנדערנעמען די הענט זיינע, ווי ער וואָלט געמאַכט פאַר איר אַ וואָרע, און מלכה פאַרהאַלט זיך אַ רגע, קוקט ניט, נאָר איז עפּעס צעשראָקן, ביז זי גיט זיך מיטאַמאָל אַ לאָז, ווי מיט פאַרמאַכטע אויגן, לויפט דורך האָרט פאַרביי לייזער־בערן, און לויפט צו, קומט צו צום טאַטן. ביי מלכהן פלאַמט דאָס פּנים, נאָר זי באַהאַלט עס שטאַרק, און לייזער־בער קוקט אויף איר די גאַנצע צייט פון דער ווייטנס, פון זיין שטעלכל, ווי זי שפּרייט אוים פאַרן טאַטן דאָס ווייסע האַנטיכל, לייגט אויף דעם אַוועק אַ לעפל און אַ גאָפּל, און ר׳ האַצע זעצט זיך עסן, ווי ביי זיך אין דערהיים. ער עסט טאַקע שטייענדיק, נאָר עס איז עפּעס ניט געשטאַנען, ניט געאײַלט זיך, און מלכה שטייט לעבן אים די גאַנצע צייט, נעמט פון אים ניט אַראָפּ די אויגן.

לייזער־בערן ווערט דערנאָך שטאַרק אומעטיק דעם גאַנצן איבעריקן טאָג, ער שרייט טאַקע, ליאַרעמט, קאָמאַנדעוועט מיט די גויקעס און שיקסעס, נאָר פּלוצלונג וויל ער אַלץ איבערלאָזן אין מיטן און צוגיין צו ר׳ האַצען און פרעגן ביי אים:

— וואָס האָט איר צו מיר? אַדרבא, וואָס האָב איך אייך געטאָן פאַר אַזוינס? !

# XXXV.

לייזער־בערן האט דער אויבערשטער מצליח געווען. ער איז אלץ רייכער און רייכער געווארן, און ארום זיין ברייטן פנים, שטענדיק ווי א לאבעדיקע לבנה, האט זיך שוין רייך געקרייזלט א ברייטע באָרד, ווי פון זיידענע פעדים, מיט א זיידענעם איבער־נוס אין זיך, און מיט דעם קאַליר פון גוטן טערקישן טאבאק.

אפריער זיינען געקומען צו אים די פשוטע מארק־אידן, האבן גע־ליען, האבן געכאפט ביי אים א גמילות חסד אויף איבערן מארק, אויף איבער א יאריד, און אפגעגעבן האבן זיי עס אים שטענדיק מיט א שיינעם דאנק און מיט א פאר איבעריקע רובל, ווי עס באַ־דארף צו זיין, אן עולות. און דערנאָך האבן שוין אנגעהויבן גיין צו אים אידן סוחרים, טאקע די אמתע סוחרים, און ניט כאפן א גמילות חסד, נאר—שותפות! א איד דארף קויפן א פאר וואגאנען ווייץ, א הונדערט קלאפטער האלץ, אדער גאר ביי א גאנצן דארף מיט גוים זייערע צוקער־בוריקעס, וואס מען וועט ערשט אראפנעמען פון פעלד אין א חודש ארום, נאר מען זעט שוין — עס איז געראטן, און דער איד, דער סוחר, קומט צו לייזער־בערן, לייגט פאר אים אוים דעם געשעפט, און לייזער־בער לייגט אוים דאס געלט און דערנאָך טיילט מען זיך גלייך אויף גלייך, ווי צוויי גלייכע שותפים. לייזער־בער זאגט א דאנק, און דער סוחר נעמט צו דעם דאנק, נאר חוזקן חוזקט ער פון אים ניט אפּ, דער סוחר, ער זאגט רואיק, באטראכט:

— ניטא פאר וואס, ס'איז דיינס, עס קומט דיר, און אז מען וואלט דערלייגט?

נאר לייזער־בער דערלייגט כמעט קיינמאל נים. ער פלעגט טאקע אמאל שאקלען מיטן קאפ אויף ניין, אז א סוחר האט פאר אים אוים־געלייגט א געשעפט, וואס איז אים ניט געפעלן געווארן, נאר דער סוחר האט זיך געמאכט ניט זעענדיק, ניט וויסנדיק:

— נו? א טייערע קניה, גאלד!

—ניין.

— וואס הייסט ניין? פארוואס ניין? איך זאג יא און ער זאגט

נייִן, פון וואַנען ווייסטו? איך ווייס דאָך, ניט דו, און ער זאָגט זיך ניין!

לייזער־בער האָט זייער גוט געוואוסט פאַרוואָס ניין, נאָר געוואוסט האָט ער עס ביי זיך אַליין, פאַר זיך אַליין, זאָגן עס דעם סוחר האָט ער ניט געקענט, האָט עפּעס ניט געוואוסט ווי אַזוי, און דער סוחר האָט זיך געבלאָזן, איז געווען אין כעס—אַ נייער חכם! נאָר שפּעטער, אַז עס האָט זיך אויסגעלאָזט אַזוי, ווי לייזער־בער האָט געזאָגט, די קניה האָט טאַקע ניט געטויגט, מען וואָלט אומגליקליך געוואָרן, האָט זיך דערוועלבער סוחר גאָר ניט געשעמט פאַר אים, גאָר ניט:

—האָסט אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער! איך מיין אַן קאַטאָוועס...

און לייזער־בער ענטפערט דעם סוחר, ווי עס באַרימט זיך אַ אינגל:

—איך האָב געוואוסט, איך ווייס אַלעמאָל!

—געוואוסט? ניין, מזל, אָט וואָס, האָסט מזל!

און דער מזלדיקער לייזער־בער איז געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג אויפן מאַרק, האָט געשריען, געליאַרעמט, האָט קאָמאַנדעוועט מיט די גויקעס, מיט די שיקסעס, און די גויקעס מיט די שיקסעס האָבן געלאַכט האָבן געקוויטשעט, זיי האָבן אים ליב געהאַט און ער האָט זיי ליב געהאַט, אַלעמען, נאָר אָט זעצט זיך שוין די זון, און דער מאַרק גייט ביסלאַכווייז אויס, טריקנט איין, צעשווימט אונטער די הענט... די זון זעצט זיך נידעריקער, נידעריקער, פאַר־שווינדט פון הימל, און דער מאַרק בלייבט אַ פּוסטער, אַ ליידי־קער, ווי אַ שטיק פעלד... מען איז זיך צעלאָפן אַלע, און לייזער־בער ווייסט ניט וואָס צו טאָן, וואוהין צו גיין, אַז כאַטש נעם און בלייב דאָ איבער אַליין— אויף צו להכעיס!

אַנטקעגן איבערן מאַרק איז די אַלטע שיינק, און לייזער־בער גייט אויף אַ ווייל אַריין אַהין, זעצט זיך אַנידער, און די שיקסע וואָס אין שיינק, קומט באַלד צו צו אים מיט אַ שמייכל, גיסט אים אָן אַ גלעזל בראָנפן, נאָר לייזער־בער כאַפּט זיך ניט צו די בראָנפן, און די שיקסע כאַפּט ניט צו פון אים די האַנט אירע, זי לאָזט אים טאָן וואָס ער וויל, און די גאַנצע צייט וואָס ער גלעט

איר די האנט שמייכלט זי אזוי, ווי זי וואלט עפּעס געמורמלט —
צו אים, צו זיך...

לייזער־בער באצאָלט פאַרן בראַנפן, זאָגט דער שיקסע אַ גוטע נאַכט, און זי ענטפערט אים אויף זיין גוטער נאַכט, ווי מען ענטפערט אַן אייגענעם, אַ נאָענטן, זי באַגלייט אים אפילו אַרויס פון שיינק און זאָגט אים אָן: — קום מאָרגן! און לייזער־בער, אַז ער גייט אַרויס פון שיינק, בלייבט ער ווידער אַז גאָרניט.

אין יעדן שטוב ברענט אַ לאָמפּ, און עס איז דאָרט וואַרעם, ליכטיק, און מענטשן זיינען דאָרט פאַראַן אַ סך, אין יעדן שטוב באַזונדער, שטוב נאָך שטוב און גאַס נאָך גאַס, און לייזער־בער גייט און לאָזט זיך גאָר גיין צו דוואָשען — די אַלמנה, וואָס דינט ביי דעם אַלטן מאַריאַנטשיקן. ער קומט אַריין אין קיך, און דוואָשע, אַז זי דערזעט אים פּלוצלונג — אויפן מאָרק וויל ער מיט איר ניט רעדן — דערפרייט זי זיך אַזוי, אַז עס לעבן אַזש אויף ביי איר די שטריקענע האָר אויף איר קאָפּ, און זי זעצט אים אַנידער צום טיש, זעצט זיך אַליין אויך לעבן אים, און רעדן רעדט זי צו אים שטיל, זייער שטיל, דער אַלטער מאַריאַנטשיק זאָל נאָך ניט דערהערן.

דער אַלטער מאַריאַנטשיק האָט אים אַמאָל געטראָפן אין קיך אינאיינעם מיט דוואָשען, און ער האָט אים דערנאָך אַריינגערופן צו זיך אין די חדרים אַריין און האָט צו אים געזאָגט:

— דוואָשע איז טאַקע אַ וואוילע אידענע, איך האָב צו איר חלילה גאָרניט, נאָר דו — דו ביזט דאָך איצט אַ מענטש, אַ פאַלנער מענטש, פאַרוואָס האָסטו ניט חתונה?!

דוואָשע היט זיך שטאַרק פון דעמאָלט אָן, און שטיל דערלאַנגט זי איצט לייזער־בערן די גלאָז טיי, זעצט זיך שטיל אַנידער אַנטקעגן אים, ווי זי וואָלט אים מיט איר גוטן האַרצן אונטערגעטראָגן פאַר די אויגן דעם גאַנצן, גרויסן בוזעם אירן, זי פאַרגינט אים, אַלץ, און לייזער־בערן איז גוט, זייער גוט, נאָר דוואָשע קען דאָך ניט שטיל זיין אייביק, און זי שפּרינגט מיטאַמאָל אויף און שרייט זיך מיטאַמאָל פאַנאַנדער:

— ווערסט שטעלן אַ חופּה צי ניין?! יאָ, צי ניין? אויב גלאַט אַזוי, איז וויל איך אינגאַנצן ניט! וואָס בין איך אַ נאַפּקע? איך האָב שוין געהאַט גענוג, איצט וויל איך אַ חופּה!

דוואָשע איז מיאוס ווי דער טויט, זי איז ווי אַן אַלטע, אַן אָפּגעקראַכענע קאַץ. נאָר דאָס אָרט איצט לייזער־בערן ניט, עס פאַר־דריסט אים עפּעס אַנדערש, אינגאַנצן אַנדערש, און ער וויל עפּעס זאָגן צו דוואָשען און זאָל זי אויך פאַרשטיין, וויל איר אַ זעץ־טאָן איבערן מוח און זאָל זי פאַרשטומט ווערן, אויף אייביק, וויל איר אָנשפּייען אַ פולן פּנים, נאָר ער זאָגט ניט, זעצט ניט און שפּייט ניט. ער לאָזט זי נאָר איבער אַזוי ווי זי איז, זאָל זי זיך, און לאָזט זיך אַרויסגיין פון שטוב — איינער אַליין.

עס איז שוין שפּעט אין דער נאַכט, און די הייזער שטייען פינצטערע, אָנגעוואָרפענע, און אויפן גאַס איז קיינער ניטאָ, עס איז פוסט, און לייזער־בער גייט זיך צוריק, שוין פון דוואָשען. ער גייט און גייט, און אפשר איז טאַקע דוואָשע גערעכט, אויב אַ נאַפּקע, איז שוין בעסער די שיקסע אין שיינק, נאָר די שיקסע איז אויך ניט קיין נאַפּקע, זי האָט שיינע הענט, שיינע פיס — — —

# XXXVI.

און אויף מאָרגן שטייט ער שוין ווידער אויפן מאַרק, דער מזלדיקער לייזער־בער, שטייט און שרייט און ליאַרעמט, ווי דער גאַנצער מאַרק וואָלט געווען זיינער, און צו ר׳ חאַצקען קוקט ער אינגאַנצן ניט, ער געדיינקט גאָרניט פון נעכטן און עס אָרט אים איצט גאָרניט, נאָר אָט ווערט שוין נאָך האַלבן טאָג, און פון דער־ווייטנס באַווייזט זיך מלכה, און אַרום לייזער־בערס שטעלכל ווערט אַזוי שטיל, אָט ווי עס וואָלט זיך פלוצלונג אויסגעגאָסן אַ לאָך אין מיטן מאַרק, און מלכה לויפט דורך האַרט פאַרביי אים, אַז ער וויל זי אָזש אָנכאַפּן מיט די הענט, נאָר זי פלאַטערט דורך, מען קען זי ניט אָנרירן, און פאַר לייזער־בערס אויגן גייט באַלד אַ

שיין דאָס ווייסינקע האַנטיכל, וואָס זי שפּרייט דאָרט אויס פאַרן טאַטן, און ר׳ חאַצע נעמט זיך עסן.

לייזער־בער קומט עס פאָר ווי אין אַ חלום, אַלץ, און ווי אין אַ חלום איז אים גוט. און ר׳ חאַצע עסט פּאַמעלאַך, ער כאַפּט זיך ניט, נאָר לאַנג געדרייען געדרייערט עס ניט, עס לאָזט זיך אויס, און מלכה זאָגט עפּעס שטיל דעם טאַטן, און ער ענטפערט איר עפּעס אין דער שטיל, און מלכה גייט זיך אַוועק פון מאַרק. לייזער־בער שרייט דערנאָך ווידער, ליאַרעמט ווידער, ער וויל צוריק אַנפילן דעם מאַרק, נאָר ביי זיך אין האַרצן ווייסט ער, אַז ער דאַרף עס ניט, ער דאַרף גאָרניט, און עס ווילט זיך אים איבערלאָזן אַט אַזוי דעם גאַנצן מאַרק, אַלץ מיט אַנאַנדערע, און אויך אַוועקגיין...

לייזער־בער האָט נאָך קיינמאָל ניט גערעדט מיט מלכהן, ער האָט אַפילו ניט געהערט איר קול, ער ווייסט נאָר, אַז זי איז מלכה, און אַז זי איז ר׳ חאַצעס אַ טאָכטער. ר׳ חאַצען האָט לייזער־בער פיינט, ער וואָלט אים טאָקע ניט געקענט שלאָגן, נאָר פיינט האָט ער אים, אַז ער סקריעט אַזש מיט די ציין, און מלכהן אַליין, אַז ר׳ חאַצען—זי איז אים אַפילו געקומען צו חלום, אַ דינע אַזאַ, אַ ציטערנדיקע, ווי אַ יונג בוימל אין מיטן פעלד, און אַ ווייסע, פון קאָפּ ביז די פיס, ווי דער אָקאַרשט געפּאַלענער שניי.

לייזער־בער האַנדלט שוין מיט פּריצים אויך, און מיט זיי האַנדלט ער גראָדע אַליין, אָן שותפים, ער גיט זיי געלט און נעמט ביי זיי וועקסלען, זאַקלאַדנאַיעס, ביז מען האָט אים איינמאָל געשיקט רופן צום אַלטן גראַף פון דער ברייטער, פּריצישער גאַס. די פּריצישע גאַס איז איינגעהילט אין גרויסע, וואַלדיקע ביימער און שטענדיק איז דאָרט אַזוי, ווי אין אַן אָפּגעשלאָסענעם גאָרטן, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט אַלטקייט. אויף דער גאַס וואוינען גאָלע פּריצים, שטיל און אַלט, מיט אַלטע הינט, וואָס בילן ניט, בייסן ניט, נאָר ליגן זיך אין שאָטן און ווערן אַלץ פעטער און פעטער, און דער אַלטער גראַף, וואָס האָט אויך אַט אַזוינע הינט, האָט זיך פלוצלונג מישב געווען, אין אַ שיינעם טאָג, אַז גענוג, גענוג שוין געלעבט! ער דאַרף שוין איינפּאַקן זיינע אַלטע ביינער און אַוועקפאָרן אין דעם ווייטן גוט אַריין און דאָרט אויסהויכן די

נשמה — אוואו געבאָרן געוואָרן, דאָרטן געשטאָרבן, אַט אַזוי דאַרף זיין אויף דער וועלט.

דער גראף האט געשיקט רופן צו זיך לייזער־בערן, האט אים אליין ארומגעפירט איבער די חדרים פון דעם גרויסן צעשוואומענעם מויער, און אין יעדן חדר האט ער זיך אפגעשטעלט, דער פעטער, צעגאַסענער גראף און האט געזעצט מיטן שטעקן: קויף דעם מויער! קויף, זאג איך דיר!

און נאכן גראף האט זיך , ווי א ווידל, נאכגעשלעפט א גרויסער הונט מיט א זייער נידעריקן בויך.

דער מויער האט געהאט א סך חדרים, גרעסערע און קלענערע, און נאך גרעסערע און נאך קלענערע, און לייזער־בער איז דערנאך אומגעגאנגען איבער די חדרים, ווען דער גראף האט זיך שוין ארויסגעקליבן, האט געטאפט די ווענט, האט געוואויגן די טירן, און אלץ אין מויער איז געווען גרויס און שווער, און לייזער־בער האט בשעת מעשה ניט געטראכט וועגן מלכהן, נייז, ער האט זי נאר געהאלטן אין זיין מוח, ווי מען האלט, אשטייגער, א קאלירט שטיינדל אויף דער אויסגעשפרייטער לאדאניע, וואס אי מען שפילט זיך מיט דעם, אי מען שפיגלט זיך אין דעם.

שעהן גאנצע האט ער געקענט ארומגיין אט אזוי איבער די חדרים, פון חדר צו חדר, און דערנאך האט ער גאנצע שעהן געקענט קוקן צו ר׳ חאצען, פון דערווייטן, און זיך פרייען, שטארק לאכן אין זיך, ווי פון עפעס א סוד, נאר דער מויער איז געשטאנען א פוסטער מיט נאקעטע ווענט, און לייזער־בער האט, צום סוף, קלוג אזוי פארשטאנען, אז עס איז אומזיסט, עס וועט קיינמאל גארניט זיין, קיינמאל ניט!

לייזער־בערן האט עס געשניטן איבערן הארצן, ווי מיט א זעג, און ער האט אזש געוואלט צוגיין צו ר׳ חאצען און אים זאגן, אז כעס, אז גארניט, אז גוט, ר׳ חאצע, איר האט טאקע אויסגעפירט. טא וואס ווילט איר ווייטער?!

עס האט אים ניט פארדראסן פארוואס ער האט געקויפט דעם מויער, נאר אין פוסטע חדרים, אין ליידיקע זאלן טראגט זיך שטענ־

דיק ארום די גלאנציקע שרעק, ווי דער ווינט אין פעלד... לייזער־בער האט דא עפעס ניט פארשטאנען, האט זיך געוואונדערט, ביז ער איז געווארן אין כעס, האט מיט כעס א נעם געטאן דעם גאנצן מויער, ווי מען פירט אן אקס פאר די הערנער, און האט אים אוועקגעגעבן צום שטאטישן אפטייקער, פארדונגען, ווי מען דינגט־אן קעסט פאר א לעבעדיקער באשעפעניש, וואס מען זשאלעוועט מיטן גאנצן הארצן, און פאר זיך אליין האט ער נאר איבערגעלאזט דעם איינעם, הינטערשטן חדר, און די נידעריקע קיך, וואס איז געווען צוגעבויט ביים ארייננאנג, עפעס ווי אויף קאטאוועס, אז לייזער־בער האט אלץ געווארט, אז אט־אט און עס וועט איינפאלן.

ער האט אין דעם חדר אוועקגעשטעלט א נאקעטן טיש, א בעט, און צוויי גרויסע, שווערע שטולן, וואס ער האט געפונען אין שפייכלער — דער שפייכלער איז געווען די גרויס ווי א שטאל. די שטולן האבן געהאט שיינע באפוצונגען, שניצערייען אזוינע, ווי קרוינען, נאר זיצן אויף זיי האט מען ניט געקענט, זיי זיינען געווען מיט צעבראכענע פיסלאך, און אז מען האט זיך שוין יא אמאל אנידערגעזעצט אויף די שטולן, האט מען זיך שטארק געדארפט צוהאלטן מיט די פיס. אין שטאל זיינען געווען אסך אזעלכע חפצים, צעפארענע קאמאדן, שווערע פוטעלן און גאלדענע ראמען פון שפיגלען, און לייזער־בער האט ליב געהאט דעם פארדונגענעם, דעם אוועקגעגעבענעם מויער זיינעם, ווי עס ווערט אייגן א צרה, וואס באקט זיך איין אין הארצן, און מיט הנאה פלעגט ער זיך פארקלייבן, אויף גאנצע שעהן, אין דעם פינסטערן שפייכלער, און זיין דארט, גאנצע שעהן, צווישן אט די אלע אנגעווארפענע זאכן, וואס מען האט שוין פון לאנג אוועקגעווארפן — — —

# XXXVII.

לייזער־בער האָט מער ניט געוואָלט גיין אויפן מאַרק, ער האָט קיינעם ניט באַדאַרפט האָבן, נאָר ער איז יאָ געגאַנגען, יעדן טאָג, און ווען ער איז געגאַנגען האָט ער פאַרביסן געאַטעמט, האָט געברומט אין זיך, און דאָרט אויפן מאַרק, האָט ער אַפּריער געוואַרט אויף מלכהן, און דערנאָך האָט ער געקוקט אויף איר פון דערווייטן, האָט געקוקט צו ר׳ האָצען, און עס האָט אים האָט אים גאָרניט געאַרט, גאָרניט, אַט ווי ער וואָלט זיי אַלעמען עפּעס אָפּגעטאָן, אַ צולאָכעס אַזאַ, אַז ער איז גאָר געווען צופרידן.

ער האָט גאָרניט געטאָן, ער איז נאָר געשטאַנען ביי זיין שטעלכל אַ שטומער, אַ געליימטער, און מלכה האָט זיך שטענדיק געשראָקן, ווען זי האָט געדאַרפט געווען דורכגיין פאַרביי אים, זי האָט זיך ניט געקענט צוגעוואוינען צו דעם, און זי האָט עס דערנאָך געוואָלט דערציילן פאַר קלמנען, דערציילן אים אויף לייזער־בערן, נאָר וואָס דערציילן? ווען דערציילן?

ביי מלכהן גיסן זיך אָן די אויגן, ניט מיט טרערן, זי ווערט זיך אַליין פרעמד, און אַ פרעמדע וואַרט זי אויף עפּעס, ווי זי וואָלט זיך געריכט אויף עפּעס, און קלמן האָט ניט געקויפט דעם נייעם פערד, דאָס רויטע פעסל, ער איז ניט געוואָרן קיין וואַסער־פירער, נאָר איינמאָל האָט ער גענומען דעם טאַטן זיינעם, יחיאל־מנשהן, און איז מיט אים אַוועק צו ר׳ אַברהם צעלניק אין קראָם אריין.

יחיאל־מנשה האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר ר׳ אַברהמען ווי אַ סאָלדאַט, האָט געטופּעט מיט די פיס, האָט גערעדט אָפּגעהאַקטע רייד, און קלמן איז געשטאַנען הינטערן טאַטן, האָט זיך ניט געמישט, איז ניט געשפּרונגען אין די אויגן אריין, און יחיאל־מנשה האָט געבעטן ביי ר׳ אַברהמען, אַז ער זאָל נעמען צו זיך דעם זון זיינעם און זאָל פון אים מאַכן אַ מענטשן:

— איך וועל אייך אייביק דאַנקען!

ר׳ אַברהם האָט אויסגעהערט יחיאל־מנשהן, האָט אים אָפּגעשאַרט אַן אַ זייט, האָט זיך גוט איינגעקוקט אין קלמנען און האָט קאָרג אַרויסגערעדט, קאָרג מסכים געווען:

— גוט, זאָל ער בלייבן, וועל זען.

יחיאל־מנשה איז צוגעגאַנגען צום זון, האָט אים שטאַרק געוואָלט אָנזאָגן, אַז — גערדיינקו וועל דיך מאַכן פאַר אַ מת! נאָר אין יחיאל־מנשהן איז איצט ניט געווען קיין ברעקל כעס. ער איז אינגאַנצן געווען אַ צעשמאָלצענער, און ווען ער האָט אויפגעהויבן אַ האַנט אַ סטראַשע צו טאָן דעם זון מיט אַ פינגער, האָט די האַנט זיינע נאָר אַ גלעט געטאָן קלמנען איבערן פּנים. אַז קלמן האָט שיעור ניט אויסגעפּלאַצט: טאַטע! נאָר יחיאל־מנשה האָט זיך שוין אָפּגעקערט פון אים, האָט זיך געלאָזט אַרויסגיין פון קראָם. און געגאַנגען איז ער מיט פּלייצעס און מיט אַ טראָט, ווי עס וואָלט זיך גערוקט אַ וואַנט. ר׳ אברהם האָט אים נאָכגעקוקט, אַזוי ווי קלמן, אַזוי ווי אַלע אין קראָם, און אימיצער האָט שטיל געזאָגט:

— אַ גיבור אַ איד!

קלמן האָט אינגאַנצן אויפגעשיינט, אַז ער האָט אַזש געוואָלט אָנהויבן צו דערציילן, ניט באַרימען זיך, נאָר טאַקע דערציילן, וואָס פאַר אַ גיבור זיין טאַטע איז, קיינער ווייסט נאָך גאָרניט. און יחיאל־מנשה איז זיך געגאַנגען אַהיים, דעם גאַנצן וועג אַט אַזוי, און גייענדיק אַהיים איז ער אַפריער פאַרגאַנגען צו מלכהן, נאָך איידער ער האָט אָנגעזאָגט חנהן. מלכה האָט געוואוסט פון וואַנען ער קומט עס, זי האָט אַלץ געוואוסט, און זי האָט זיך אַזש אַ לאָז געטאָן צו אים אַנטקעגן, נאָר זי האָט זיך באַלד אָפּגעשטעלט, האָט זיך פאַרכאַפּט, און ער האָט זיך אַנידערגעזעצט, האָט פול אָפּגעאָטעמט, נאָר געזאָגט האָט ער נאָך גאָרניט. ער איז שטאַרק געווען פאַרמאַטערט, און איבערגעגעסענער מיט פרייד, און ער האָט זיך אַלץ געווישט דעם שווייס פון פּנים מיט צוויי שווערע, קלעפּיקע הענט, און ערשט דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צו מלכהן, נאָענט אַזוי, נאָענט... ער האָט איר געוואָלט זאָגן, אַ סך איר זאָגן, אַלץ איר דערציילן, נאָר עס האָט זיך פון אים אַרויסגעריסן איינאיינציקע זאַך, וואָס מער פון דעם האָט ער שוין גאָרניט געקענט טאָן:

— טאָכטער!

## XXXVIII.

און קלמן איז גיך געוואָרן אַ מענטש, זייער גיך. נאָך איידער ר׳ אברהם האָט זיך רעכט אַרומגעזען וואָס און ווען, נאָך איידער ער האָט זיך מישב געווען צי מען זאָל אים צולאָזן צו די קונים אָדער ניט צולאָזן, זיינען שוין די קונים אַליין געגאַנגען צו אים, האָבן זיך ווייניקער געדונגען און האָבן גרינג געצאָלט דעם מקח. ער האָט גוט געקענט דאָס גויאישע לשון, האָט געוואוסט ווי אַזוי מען באַדאַרף רעדן צו אַ גוי, מיט אַ שיקסע, און ר׳ אברהם האָט פּעט געשמייכלט, פון בויך אַרויס, און האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן, אין איין באַוואָרענען:

— געדיינק, אויב נאָר אַ פּרוטה, איין פּרוטה נאָר, אַז עס וועט פעלן, וועל איך דיך אַרויסטרייבן!

נאָר קלמן איז געווען אָרנטלאַך ווי דער טאָג, באַטש לייג אים אונטער גאָלד, און ר׳ אברהם האָט אים אַליין געגעבן אַ מתנה, אַ שיין שטיקל געוואַנט, און קלמן האָט זיך אויפגענייט אַ שיינעם, באַלעבאַטישן גאַרניטור און איז געוואָרן אַ מענטש. ביי חנהן האָט געציטערט די נשמה אירע פון נחת, עס איז איר אַזש ענג געוואָרן, און זי האָט שטיל געמורמלט, וואו זי איז געגאַנגען, וואו זי איז געשטאַנען: אַ דאַנק דעם אויבערשטן, אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען! און יחיאל־מנשה האָט ניט געוואָלט, אַז זי זאָל זיך אַריינמישן, זי דאַרף זיך אינגאַנצן ניט מישן, עס איז זיינס!

קלמן שטייט אין קראָם ביז שפּעט אין אָוונט, און ווען ער גייט דערנאָך אַהיים, לויפט ער, איילט זיך, און איידער ער דערגייט אַהיים, כאַפּט ער זיך אַפּריער אַריין צו מלכהן, צו ר׳ האַצען.

עס איז שוין שפּעט אין דער נאַכט, און ר׳ האַצע זיצט ביים טיש און זיינע הענט רוען אויפן שטומען תהילים, און מלכה האָט שוין אַ פּאָר מאָל אַ גענעץ געטאָן, קוקנדיק אויפן לאָמפּ, און קלמן קומט מיטאַמאָל אַריין, נאָר איצט, דאָ שוין אין שטוב, דערפילט ער ערשט, ווי שפּעט עס איז שוין, און ער שטייט גרינג אויף זיינע פיס, ווי ער וואָלט נאָך געהאַלטן אין גיין, און פאַרענטפערט זיך אַ שולדיקער:

— וועל באַלד אַוועקגיין, בין נאָר פאַרגאַנגען, איך גיי אַהיים...

מלכה הויבט זיך פאר עפעס אויף פון ארט, און ר' חאצע קוקט אים אן, שווייגט א רגע און איז גוט צו אים:

— זיץ, קלמן, זעץ זיך צו...

נאר קלמן זעצט זיך ניט און מלכה באגלייט אים ארויס פון שטוב און ער זאגט איר דארט, שוין אויף יענער זייט שוועל, זאגט איר מיטן גאנצן הארצן:

— א גוטע נאכט!

אט אזוי איז יעדן טאג און קלמןווארט אויף שבת, די גאנצע וואך, און שבת וואשט ער זיך און פוצט זיך פון אינדערפרי־אן, אז חנה בייזערט זיך כלומרשט אויף אים — מיין חתן־בחור! נאר יחיאל־מנשהן געפעלן ניט אירע קאטאוועסן, און ער בורטשעט צו איר מיט כעס — טשעפע אים ניט! און קלמן פוצט זיך אויס, אז כאטש שפיגל זיך אין אים, און באלד נאך ווארעמס גייט ער אוועק צו מלכהן, נעמט זי ארויס פון שטוב, און זיי גייען אוועק אויפן שפאציר. זיי גייען פאמעלאך, טראט ביי טראט, זיי שפאצירן טאקע, נאר אז זיי קומען צו דער ערשטער, ברייטע גאס, וואס נארט אריין אין שטאט, אט־אדא הויבט זיך אן די שטאט, שטעלט זיך מלכה אפ ווי פאר א צאם. זי זאגט גארניט, זי שווייגט, און א שווייגעדיקע קערט זי זיך פאמעלאך אום מיטן פנים צו די גויאישע געסלאך, און קלמן קערט זיך אויך אום איינאיינעם מיט איר, און זיי גייען שוין צוריק אהיים. ער וויל איר זאגן, וויל זיך בעטן ביי איר, אז זאל זי כאטש איינמאל גיין מיט אים אין שטאט אריין, טאקע אויף דעם אמתן שפאציר, און זי האלט אראפגעלאזט דעם קאפ, קוקט זיך אין די טריט, און די טריט אירע פלאנטערן זיך פרעמד, ווי אין א טיפן שטויב, ווי בלינדע. עס איז איר שווער, עס איז איר מיטאמאל אומעטיק געווארן, און קלמן זאגט איר, דערציילט איר, אז אין א יאר ארום, איין יאר נאך, און ער וועט אליין ווערן א קרעמער, וועט ווערן א גביר! ער רעדט הויך, מיט ווערטער, וואס שפרינגען אזש, און זי הערט אים, הערט אים צום וויפלטן מאל שוין, און טוט אים צוליב:

—יא, ביזט גערעכט...

נאר דער שפאציר זייערער האט זיך שוין אויסגעלאזט, איז איינגעטריקנט געווארן, און אהיים קומען זיי ניט שפעט, נאר ר'

חאַצע האָט זיך שוין אויפגעהויבן פון זיין זיסער שעה שלאָף, וואָס ער פאַרגינט זיך יעדן שבת בייטאָג, און מלכה דערלאַנגט אים אויף גיך די שבתדיקע גלאָז טיי, און ר׳ חאַצע קוקט, וואַרט און פאַרריכט באַלד איר טעות:

— פאַרוואָס גיסטו שוין קלמנען אויך ניט אָן? זיץ, קלמן, טרינק אַ גלאָז טיי!

מלכהן איז, דוכט זיך, גוט, זייער גוט, און ווען זי קומט איצט אויפן מאַרק, יעדן טאָג, שרעקט זי זיך שוין ניט, ווען זי דאַרף דורכגיין פאַרביי לייזער־בערן, זי גייט, און נאָר די טריט איר׳ע זיינען נים אירע, זיינען פרעמדע, און אַמאָל גיט זי אַפילו אַ קוק אויף אים, גלייך אויף אים, און לייזער־בער שטייט זיך אַפּ דעם גאַנצן טאָג אויפן מאַרק, און נאָכן טאָג ווען עס ווערט שוין פינצטער, גייט ער אויף אַ ווײַלע אַריין אין שיינק.

אין שיינק איז אַזוי ווי אַלעמאָל, און ווי אַלעמאָל באַגעגנט אים די שיקסע, דערלאַנגט אים אַ גלעזעלע בראַנפן, און לייזער־בער טרינקט אויס די בראַנפן, ניט פילנדיק גאָר קיין טעם אין דעם. און די שיקסע שטייט לעבן אים, טרעט פון אים ניט אָפּ. זי קען אים פון אַמאָל, קען אים די גאַנצע צייט, און זי מאָנט ניט, נאָר פרעגט אַ געטרייע ווי אַ שוועסטער:

— וואָס איז ביי דיר אויפן האַרצן? וואָס איז ביי דיר אויף דער נשמה?

# XXXIX

לייזער־בער זיצט ניט לאַנג אין שיינק, און קומען איז ער געקומען אַהער נאָר גלאַט אַזוי זיך, ער איז שוין געוואוינט אַט אַזוי, און פון שיינק גייט ער טאַקע באַלד אַהיים, צו זיך אין זיין הינטערשטן חדר פון דעם גרויסן צעשוואָומענעם מויער, וואָס ליגט שטענדיק אויף זיין נשמה, ווי אַ שטיק פּלאַטשיק בלעך.

דאָרט, ביים אַפּטייקער אין די זאַלן, איז אויך כמעט קיינמאָל קיינער ניטאָ אין דער היים, עס איז דאָרט שטיל, נאָר פונדעסטוועגן

לעבן דארט מענטשן, לייזער־בער הערט ווי זיי לעבן, שטענדיק, סיי באַטאָג און סיי באַנאַכט.

ביי אים אין חדר איז נאָך פינצטער, און ער צינדט־אָן דעם לאָמפּ. נאָר דאָס שוועבעלע וואַרפט ער ניט אַוועק, פאַרלעשט עס ניט, און דאָס שוועבעלע ברענט אויס ביז צום סוף, מיט אַ ברען אין די פינגער אַריין. פונם לאָמפּ גיסט זיך אַ קראַנקער, אַ פאַרשטויבטער שיין, און עס טרעטן נעענטער צו די נאַקעטע ווענט, און אין מיטן חדר שטייען זיך די צוויי גרויסע, שווערע שטולן, ווי צוויי טויטע, פאַרגליווערטע חיות.

לייזער־בער וויל אינערגעץ ניט אַוועקגיין פון דאַנען, און אַט וועט ער זיך באַלד אויסציען אויפן בעט, וועט ניט שלאָפן, עס איז נאָך פרי און די נאַכט איז אַ לאַנגע, אַ לאַנגע, נאָר דער אַפּטייקער דאַרט האָט אַ קינד פון אַ יאָר פינף, און דאָס קינד לויפט איצט אום איבער די חדרים מיט אַ געשריי, מיט אַ געלעכ־טער, און נאָכן קינד יאָגט זיך נאָך די גיאַניע זיינע, אַ יונגע שיקסע מיט אַ שטאַרקן טראָט, אַז יעדער פּאַטש פון איר באָרוועסן פוס הילכט אַזש אָפּ מיט אַ קלונג.

לייזער־בערן אַרט עס ניט, עס גייט אים ניט אָן, זיין חדר איז אָפּגעטיילט פונם מויער מיט אַ פאַרשלאָסענער טיר, וואָס קיינער קען ניט אַריבערטרעטן, און ער גראָבט איין די הענט זיינע אין די הויזן־קעשענעס, שטעלט זיך אַנידער ביי דער טיר און הויבט אָן צו הערן — אויף צולהכעיס.

נאָר דאָס קינד הערט ניט אויף, עס האָט זיך ערשט פאַנאַנדער־געשפּילט, און לייזער־בער פאַרלירט זיין צולאָכעס, פאַרלירט אַלץ, און ער איז שוין אַזוי אַריינגעטאָן אינם הערן, אַז ער זעט זיי אַזש מיט די אויגן דורך דער בלינדער טיר, זעט די שיקסע, זעט דאָס קינד...

דאָס קינד יאָגט זיך אָן אָפּשטעל אַרום איבער די חדרים, ווי עס וואָלט געשוועבט אין דער לופטן, און די שיקסע לויפט נאָך אים נאָך, אַ צעשפּילטע, אַ צעפלאַמטע, ווי די זון אין פעלד, און אינאיינעם מיט זיי דרייען זיך אויך אַרום די ווענט, עס לאַכט דער גאַנצער מויער.

ביי לייזער־בערן צוקן הונגעריק די נאָז־דעקלאַך, עס ציטערט אין אים יעדער אבר זיינער, אפילו די נעגל, און אינגאַנצן איז ער־

איצט אזא, אט א דער גרויסער, שווערער לייזער־בער, ווי עס ווערט א יונג, בויגיק מיידל, ווען עס קלאמערן זי איין אין זיך די פאר שטארקע מענערישע אָרעמס.

נאָר פּלוצלונג — בריאָזג! דאָס קינד האָט עפּעס פּאַרטשעפּעט לויפנדיק, האָט עפּעס איבערגעקערט. עס איז עפּעס אראָפּגעפאלן, און עס האָט זיך צעבראָכן מיט — מיט א רעגן פון קאַלטע שערבלאַך.

עס ווערט דאָרט מיטאמאָל שטיל, אזוי שטיל און אזוי פּלוצלונג, אַז לייזער־בער וויל אויפרייסן די טיר און אריינלויפן אהין, און דאָס קינד מיט דער שיקסע ווערן אויס, ווישן זיך אָפּ. אַז עס בלייבט נאָר ציטערן א שאָטן, שטום, פאַרווישט, און איינס נאָך איינס שטעלן זיך צוריק אויס די ווענט, א חדר נאָך א חדר, ביז עס ווערט צוריק דער אַלטער מויער, א שווערער, א צעשוואָומענער, אַז מען מוז אָנבויגן די פּלייצעס, איינבויגן דעם רוקן

לייזער־בער בלייבט אַליין, און אַנטקעגן אים, אין די אויגן אריין, שטייען זיך ווי פריער די צוויי גרויסע, שווערע שטולן, די טויטע, פאַרגליווערטע חיות פון א ווילדן וואַלד ארויס און לייזער־בער וויל א כאַפּ טאָן און פאַרלעשן דעם לאָמפּ, נאָר שטיל און קאַלט, ווי עס לאַכט א מעסער, הויבט באַלד אַן אין אים צו קאָכן א כעס, אַז ער סקריעט אַזש מיט די ציין.נאָר גיי ביי די ווענט, ביים דעם הימל!

ער וויל פאַרלעשן דעם לאָמפּ, נאָר ער לאָזט אים איבער. אזוי ווי אַלע, און אַליין, אַז קיינעם ניט, ציט ער זיך אויס אויף דער בעט, וואָס שטייט א פאַנאַנדערגעוואָרפענע פון נאַכט ביז נאַכט. ער מאַכט־צו די אויגן, ליגט ווי אַז אַלטע, א ליידיקע פאַס, און ווי ער ליגט אזוי, ערשט עס דערהערן זיך מיטאמאָל טריט פון דרויסן, און פון דרויסן קומט טאַקע באַלד אימיצער אריין צו אים אין חדר. ער וויל זיך א כאַפּ טאָן, זען ווער דאָס איז, נאָר ער דערשמעקט באַלד, ניט עפענענדיק די אויגן, אַז דאָס איז לייוויק דער שדכן. און לייוויק גייט צו אים ניט צו, זאָגט ניט קיין „גוט נאָוונט“. נאָר פרעגט ביי אים, איבערן טיש אריבער:

—שלאָפסטו?

לייזער־בער עפנט די אויגן, זעצט זיך אויף, און ערשט ווען ער זיצט שוין און קוקט גלייך לייוויקן אין פּנים אריין, ערשט דערמאָלט

ענטפערט ער אים:

—ניין, איך שלאף ניט.

לייוויק זעצט זיך אנידער, און אויפן טיש זיינען אנגעווארפן ארום דעם פארטריקנטן טעלער ברעקלאך פלייש און ברעקלאך ברויט, פון נעכטן, פון אייערנעכטן, און לייוויק נעמט דריי פינגער, לייגט זיי צונויף אין א סגול און שארט פאמעלאך אפ מיט דעם די ברעק־לאך. ער טוט עס לאנג, מיט הנאה, ווי צוליב דעם אליין איז ער עס געקומען אהער, און לייזער־בער קוקט ווי ער טוט עס, די גאנצע צייט, און האט אים פיינט: ער איז א שפין, דער לייוויק!

און לייוויק האט שוין דערוייל אפגעלײדיקט פאר זיך א ברעג טיש, וואו ער זאל קענען אוועקלייגן די עלנבויגנס, זאל זיך קענען אנשפארן, און ער קוקט דערנאך אויף דעם פאררויכערטן גלעזל פון לאמפ, אויף דער קאלטער נאקעטקייט פון חדר, און ער קוועטש אזש מיט די אקסלען:

—אט אזוי לעבט א מענטש? אפילו אין ארעמקייט לעבט מען דאך אויך אנדערש!

אליין איז לייוויק א דארער, א טרוקענער, מיט א שפיציק בערדל, וואס שטעכט אין די אויגן אריין, און ווען ער רעדט צו לייזער־בערן פאלן די ווערטער, וואס ער זאגט, ווי פון א קארגער האנט ארויס. ער האט אים שוין גערעדט א סך שידוכים, אי מיט געלט און אי מיט יחוס, נאר לייזער־בער האט אלעמאל געשאקלט מיטן קאפ אויף ניין, ווי אן איינגעשפארטער אקס. לייוויק האט ניט איינמאל גע־וואלט ארויס פון די כלים: פרא אדם וואס דו ביזט! נאר ער האט עס אלץ אפגעלייגט אויף שפעטער.

און איצט איז געקומען דער שפעטער, אזוי טראכט ביי זיך לייוויק, און לייזער־בער היט אים די גאנצע צייט, מיט אויגן, וואס גיבן אפילו ניט קיין פינטל, נאר זאגן זאגט ער אים גארניט, ער איז זיך רואיק אין כעס און האט פון דעם הנאה.

און לייוויק הויבט באלד אן צו רעדן, ווי זיין שטייגער איז, מיט טרוקענע געשניטענע ווערטער, אז ער האט פאר אים א שידוך— א גליק! די כלה איז יונג און שיין, און דער טאטע אירער איז ניט אבי־ווער, נאר א שוחט!

לייוויק גיט ערשט איצט אַ קוק צו אים, גיסט אים אָפּ מיטן קאַלטן גלאַנץ פון זיינע אויגן, און לייזער־בער זיצט אַזוי, אַט ווי ער וואָלט גאָרניט געהערט וואָס מען האָט דאָ גערעדט צו אים, ביז ער הויבט זיך אויף און גייט צו צום טיש. ער שווייגט נאָך, ער שטייט נאָר אַנטקעגן לייוויקן, אַ גרויסער און אַ שלעכטער פון קאָפּ ביז די פיס, אַז לייוויק האָט אים נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזאַ ווי ער איז איצט. עס פלאַמט רויט ביי אים די באָרד זיינע, ווי אַ פייער, און אינגאַנצן איז ער עפּעס ווי אַ שטיק באַרג, אַוואו עס האָט זיך געזעצט די זון, פינצטער און רויט. און ער רעדט ניט, זאָגט ניט, נאָר שרייט אַרויס פון זיך: קען ער ר׳ חאַצען? שטייט אויפן מאַרק מיט לייוונט כלומרשט, ר׳ חאַצע, נו?!

לייזער־בער בייסט מיט די ציין און צוקט אינגאַנצן, ווי אַ חיה, וואָס דערזעט פאַר זיך רויע פליישׁ, און לייוויק זיצט אַ רו־איקער און טראַכט רואיק אַ ווייַלע, עס האָט אים ניט געפלעפט, און דערנאָך הויבט ער זיך אויף און ענטפערט, ניט אים, נאָר זיך:

—גוט!

## XL.

און עס איז שוין געווען גאַנץ שפּעט אין אוונט, ווען לייוויק האָט איבערגעלאָזט לייזער־בערן און איז גלייך אַוועק צו ר׳ חאַצען. אַזאַ שפּעטע שעה איז שוין גוט נאָכט אויף די גויאישע געסלאַך, און מלכה איז שוין פון לאַנג געשלאָפן, און ר׳ חאַצע האָט זיך אויך געקליבן אין בעט אַריין, נאָר ער האָט זיך אַביסל פאַרזעסן — אַליין מיט זיינע רעיונות...

פאַרנאַכט זינגען דאָ שיקסעס מיט שקאַצים אויף די גויאישע געסלאַך, זיי קומען זיך צונויף ביים אַלטן שפּייכלער, וואָס מיט די ליידיקע טירן, ליידיקע פענצטער, קומען זיך צונויף ביי דער פאַרגייענדיקער זון, וואָס פאַרלאָזט קיינעם ניט, נאָר זעצט זיך אַ פּולע, אַ רייפע, און זיי זינגען שיין, די שקאַצים מיט די שיקסעס, זינגען האַרציק, ווי האַרציק, שיין און אומעטיק עס איז אַ לייב אַליין מיט

זיך, און שפּעטער, אַז עס קלייבט זיך אָן די נאַכט, ווישט זי ניט אָפּ דאָס געזאַנג זייערס, נאָר זאַפּט עס אַריין אין זיך.

עס איז שטיל ביינאַכט אויף די גויאישע געסלאַך, און אַז אַ הונט צעבילט זיך אַמאָל פּלוצלונג אין דער נאַכט אַריין, דערקענט מען אָן דעם בילן וועמעס הונט דאָס איז, ביי וועמעס פּלויט ער היט.

ר׳ חאַצע האָט זיך אַביסל לייגנער פאַרזעסן, אַליין מיט זיינע אייגענע רעיונות...

אַ פּויער פּאַרט פאַרטאָג אין פעלד אַריין, און צוריק פון פעלד קומט ער צו פּאַרנאַכט-צו, ווען ר׳ חאַצע קומט פון מאַרק, און אי דער פּויער, אי דאָס פערד זיינס און אי דער וואָגן זיינען דורכגעזאַפּט מיט דעם איין ריח פון פרישער ערד. ר׳ חאַצע קוקט, און דער פּויער שפּאַנט אויס דאָס פערד, פירט אים אַריין אין שטאַל, און דער וואָגן בלייבט שטיין אין מיטן הויף, אַ זאַטער אַזאַ, אַ צעשפּרייטער וואָגן, און ר׳ חאַצע איז דאָ אימיצן מקנא, ווייט פון זיך, אָפּגעטיילט פון זיך.

עס איז שוין געווען גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט, ווען לייוויק איז געקומען צו ר׳ חאַצען, און געקומען איז ער ניט ווי עס קומט אַ מענטש, נאָר ער האָט זיך עפּעס ווי אַריינגעשניטן אין שטוב אַריין, און ר׳ חאַצע האָט זיך ניט געוואונדערט און ניט געשראָקן זיך, נאָר גראָדע פאַרקערט, עס האָט אים גאָר הנאה געטאָן — האָט דערזען פאַר זיך אַ לעבעדיקן מענטשן!

און לייוויק האָט זיך צוגעזעצט, ווי אויף איין פוס, און האָט גלייך אָנגעהויבן, אָן הקדמות, אַז אַזוי און אַזוי, און ער קומט עס טאַקע איצט פון לייזער־בערן.

—ווער? אָט אַ דער אַ?!

ר׳ חאַצע האָט זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט ווי אויף הייסע קוילן, נאָר באַלד איז ער געבליבן שטיין אַ פרעמדער, אַ געהויבענער, נאָר ווי אין די אַמאָליקע יאָרן, אַז מען האָט אים, אויף אַ האָר אפילו, פוגע בכבוד געווען:

—ווער? זאָגט נאָכאַמאָל!

נאָר לייוויק איז אַ קאַפּ ניט נתפּעל געוואָרן פון דעם, ביי אים האָט זיך עס גראָדע יאָ געלייגט אויפן שכל, און ער האָט זיך אויך אויפגעהויבן פון אָרט, האָט זיך אַוועקגעשטעלט פּנים לפּנים צו

ר׳ חאַצקען, און ר׳ חאַצקע האָט זיך שטאַרק אויף אים אָנגעבייזערט —פאַר אַלץ:

—פע, עס איז אַ בזיון, עס איז בזי־בזיונות!

ר׳ חאַצקע האָט געמיינט, אַז ער האָט עס שוין אָפּגעווישט, אינגאַנצן, נאָר לייוויק האָט קאַלט אַ שמייכל געטאָן, אַז — וואָס אַט דער אַ? וואָס? אדרבה! און זאָל מען זיך אָקאַרשט דורכרעדן אַפֿריער מיט די סוחרים, מיט וועמען לייזער־בער האַנדלט, וועט מען ערשט דעמאָלט זען!

ר׳ חאַצקע איז פֿול געוועזן מיט צאָרן, און ער האָט שוין אַ פּאָר מאָל אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט געוואָלט מיט דעם אָפּשטעלן לייוויקן, האָט געוואָלט באַהערשן דעם אייגענעם כעס זיי־נעם, וואָס דאָס כעסן זיך אַליין איז אים אויך ניט אַנגעשטאַנען, ביז ער האָט געזאָגט צו לייוויקן, אַז ניין, ער טרייבט ניט קיין מענ־טשען פֿון זיין שטוב, ער טרייבט ניט!

נאָר לייוויק איז פֿון דעם אויך ניט נתפּעל געוואָרן, ער האָט זיך ווייטער גערעדט זיינס, און גערעדט האָט ער פּאַמעלאַך, איינגעהאַלטן און זייער באַטראַכט, ווי וועגן אַן עניין, וואָס איז נאָר ניט אַזוי קרום, נאָר עס איז גאָר אפשר אַ גלייכע זאַך, און ר׳ חאַצקע האָט געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ חסר דעה, און לייוויק איז געקראָכן אין דער נשמה אַריין, איז געקראָכן אויפֿן קאָפּ, דאָס מיט חניפה און דאָס מיט אַ קאַלטן געלעכטער, ווי שטיקלאַך גלאָז, אַז — צוריק גערעדט, און מען דאַרף עס גוט געדיינקען, ניין, מען טאָר עס גאָר ניט אַרויסלאָזן פֿון אויג, אַז נאָך אַלעמען איז דאָך די כלה אַ יתומה!... דער יחום איז טאַקע אַ פֿיינער, דער פֿיינ־סטער יחום, נאָר צוריק די אייגענע מעשה, אַט האָבן די אידן געהאַט אַמאָל זייער אייגן לאַנד און איצט — וואָס זיינען זיי היינט פֿאַר אַ יחסנים?

ר׳ חאַצקע האָט געקוקט אויף אים מיט נאַקעטע אויגן, ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען פֿאַר זיך אַזאַ מענטשן, האָט ניט געהערט אַזוינע רייד, און לייוויק האָט פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן „אַ גוטע נאַכט", אין מיטן דערינען, און האָט זיך באַלד נאָך דעם אַרויסגעשניטן פֿון שטוב, פּונקט אַזוי ווי ער איז אַריינגעקומען. ר׳ חאַצקע האָט זיך

געוואַלט אַ יאָג טאָן נאָך אים, לויפן, כאַפּן און עפּעס אָפּשטעלן, עפּעס פאַרהיטן, נאָר ער איז שוין געבליבן אַליין, ווי אין אַ חלום, און ווי אין אַ חלום האָט ער עפּעס ניט געקענט פאַרשטיין, האָט ניט געקענט באַנעמען דעם ענין.

אַז דבורה איז געשטאָרבן, איז טויט, דאָס האָט ער תמיד גע־וואוסט, אויף אַ מינוט ניט פאַרגעסן, נאָר אַז מלכה, זיין טאָכטער, זיין קינד — מלכה איז אַ יתומה?

—מלכהלע!

ער האָט עס אַרויסגעריסן פון זיך מיט אַלע זיינע כוחות, ווי פאַרן טויט, און מלכה האָט זיך אַ צעשראָקענע אויפגעכאַפּט פון שלאָף:

—וואָס איז?

ר׳ חאַצע איז צוגעגאַנגען צו איר, און זי איז געזעסן אין בעט, אַן אָפּגעדעקטע ביז צו דעם גאַרטל, און ר׳ חאַצע האָט געקוקט אויף איר, אויף אירע דינע הענטלאַך ווי שטעקעלאַך, אויף אירע דינע אַקסלען, וואָס האָבן געשניטן ווי ביינדלאַך, האָבן אַזש ווייז געטאָן, און די נאַכטהעמד אויף איר איז געווען אַ גרויסע, אַ ברייטע, ניט נאָך דער מאָס נאָך, און—יאָ, זי איז טאַקע אַ יתומה, אַ יתומה, און פון זיינע ליפּן האָט זיך אַראָפּגעקייקלט אַ טרער.

—טאַטע, וואָס איז?!

ר׳ חאַצע האָט זיך צוגעזעצט ביי איר אויפן בעט, האָט זיך באַלד צוריק אויפגעהויבן, האָט אַ וויש געטאָן דעם פּנים מיט אַ האַנט, וואָס האָט געציטערט ווי אַ בלאַט אויף אַ נאַקעטן צווייג, און ער האָט איר קוים געזאָגט — ניט דעם אמת:

—איך האָב זיך דערמאָנט אויף דער מאַמען, ליגט נעבאַך אין דער ערד...

מלכה האָט טיף אַ זיפץ געטאָן, האָט זיך צוריק אַנידערגעלייגט, האָט זיך צוגעדעקט, און ר׳ חאַצע איז אַפּגעגאַנגען צום טיש, האָט אויף גיך פאַרלאָשן דעם לאָמפּ, און איז געבליבן זיצן אין דער פינצטער.

## XLI.

נאר וואס וואלט געווען, ווען ער האט נאך איצט די קראם זיי־נע, דעם מויער, דעם גאנצן אמאליקן שטאט זיינעם? וואלט מלכה איך דעמאלט געווען א יתומה? וואלט מען איך דעמאלט געקענט קומען צו אים און אויפוואַרפן: א יתומה?! נחמן איז ערגעץ פאר־וואגלט געווארן אין דער פרעמד, און מלכה איז א יתומה. און דבורה ליגט אין דער ערד. איין קבר וועקט דעם צווייטן, און זיי שטייען אפענע די קברים, ווי עס שיינען די שטערן אויפן הימל, ווי עס פארגייט די זון.

ר׳ חאצע האט עס געטראגן אין זיך טאג און נאכט, ווי מען טראגט זיך ארום מיט א וואונד. נאר גערעדט האט ער גארניט, צו קיינעם ניט. ער האט געהאלטן פארשלאסן די ליפן, און ער האט אפילו ניט געזאגט דעם שדכן ניט יא און ניט ניין, און לייוויק איז געווען חוצפהדיק איינגעשפארט, אז ער האט שוין ניט איינ־גערעדט, ניט גערעדט, נאר געהייסן:

—איך זאג, עס איז א גליק! איך אליין האב אים גערעדט שידוכים מיט פינף טויזנט רובל נדן. א גליק זאג איך!

און מלכה איז א באלעבאטיש קינד, זי ווייסט ווי אזוי צו רעדן מיט א מענטשן, און זי ענטפערט אים:

—אפשר...

ביי לייוויקן האבן קאלט געגלאנצט די אויגן, און ר׳ חאצע וויל צו אים צוגיין און וויל אים זאגן: איר פארשטייט ניט, לייוויק, מישט זיך ניט, לייוויק, נאר לייוויק האט יא פארשטאנען און האט זיך יא געמישט: איך גלויב אין גאט, ר׳ חאצע! און ר׳ חאצע וויל אים אראפלאזן א פאטש: שייגעץ! נאר ער קען שוין מער ניט שטעלן אויף זיך, ר׳ חאצע, קען גארניט נעמען אויף זיך...

איין קבר וועקט דעם צווייטן, און זיי שטייען אפענע די קברים, און ר׳ חאצע שרייט ניט, רייסט זיך ניט די האר פון קאפ, נאר שטיל זעצט ער זיך אנידער מיטן תהילים פאר די אויגן און זאגט זיך שטיל, ווי שטיל עס איז אויף א בית־עולם, ווי עס רעדט א קבר צו א קבר.

און לייוויק איז ברייט געווען ביי זיך אין דער דעה, ווי עס וואָלט געווען זיין אייגענער ווייִנגאָרטן. און דעם ערשטן שבת שוין האָט ער גענומען לייזער־בערן און איז מיט אים געקומען אָנקוקן די כלה.

לייזער־בער האָט ניט געגלויבט זיינע אייגענע אויגן, זיינע אייַגענע אויערן, און אַז לייוויק האָט אים געזאָגט: קום! האָט ער זיך אַזוי דערשראָקן, אַז ער האָט זיך שיעור ניט פאַנאַנדערגעשריען: איך װיל ניט! איך וויל ניט! נאָר ער איז נאָכגעגאַנגען נאָך לייוויקן, און לייוויק איז דער ערשטער אַריין אין שטוב:

—גוט שבת!

מלכה איז געווען ביי זיך אין אַלקער, און ר' חאַצע איז געזעסן ביים טיש, און ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט געוואָלט ענטפערן אויפן „גוט שבת", נאָר ער איז געבליבן אָט אַזוי, מיט אויסגעשטעלטע אויגן, מיט אַן אָפן מויל, מיט אַן אויסגעשטרעק־טער האַלדז, און דער גאַנצער פּנים זיינער, אַ בלייכער, אַן אַ טראָפּן בלוט אין זיך, איז איינג אַזוי געווען אַריינגעקוועטשט אין דער געדיכטער שוואַרצקייט פון זיין צעשויבערטער באָרד, אַז ער האָט אויסגעקוקט ווי אַ מת.

לייוויק איז שטאַרק צעטומלט געוואָרן אַ רגע, און לייזער־בער האָט אים געוואָלט אַ כאַפּ־טאָן און אַנטלויפן פון דאַנען, נאָר לייוויק האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט, מיט אַ צעשראָקענעם געשריי:

—גוט שבת!

ביי ר' חאַצען האָבן אַ ציטער געטאָן די ברעמען, און לעבעדיקע, לעבעדיקע האָבן זיי זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אַריבער זיינע אויגן, און ער האָט שטיל געזאָגט, מיט אַ געביטענעם קול, פון אונטער די ברעמען אַרויס:

—גוט שבת...

ביי לייזער־בערן האָט זיך ברייט צעשמייכלט דער פּנים, נאָר ר' חאַצע האָט ניט געקוקט אויף אים, און לייזער־בער איז געבליבן אַ פאַרלאָרענער, אַז ער האָט געקוקט מיט צעטומלטע אויגן, ווי ער וואָלט אימעצן געזוכט אַרום זיך, און לייוויק האָט זיך שוין ברייט אַנידערגעזעצט, מיט אַ רעש, מיט אַ ליאַרעם, ווי ער וואָלט

דאַ געוואַלט עפּעס פאַרטומלען, פאַרשרייען. ער האָט מיט אַ האַנט אָנגעוויזן לייזער־בערן אַוואו ער זאָל זיך אַוועקזעצן, און לייזער־בער האָט אים ניט ווילנדיק געפאָלגט, האָט זיך שווער אַנידערגעזעצט, נאָר מלכה איז טאַקע באַלד אַרויסגעקומען פון איר חדר.

זיי האָבן זיך אַלע אַ קער געטאָן צו איר, אַלע אײנאײנעם, און מלכה האָט שווער געטראָגן אויף זיך די נייע קלייד אירע, און גע־גאַנגען איז זי צום טיש, ווי געצויגן אויף אַ שטריק, גלייך און וואַקלענדיק, און אַז זי איז צוגעגאַנגען און האָט זיך אַנידערגעשטעלט פאַר די פרעמדע מענטשן אין די אויגן — ר׳ חאַצע האָט געפילט, אַז מען צעטרעט אים דאָ, ווי אַ וואָרעם, און לייוויק האָט לאַנג געקוקט אויף איר און איז שטאַרק געווען צופרידן.

ער האָט בשעת מעשה פאַרגעסן אויף לייזער־בערן, און לייזער־בער האָט אויך געקוקט אויף איר, און אַזאַ שיינע, אַזאַ געהויבענע האָט ער זי נאָך קיינמאָל ניט געזען, און מלכה האָט זיך טאַקע אויס־געגלייכט, האָט זיי אַלעמען געקוקט אין פּנים אַריין, און נאָר די הענט אירע, וואָס זיינען ווי פאַרגעסענע געלעגן אויפן טיש, האָבן זיך נאָך שטאַרק געשעמט, האָבן נאָך שטאַרק געציטערט, און ליי־זער־בער האָט אינגאַנצן ניט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז, און ער האָט זיך אַזש אָנגעבויגן, מיט אַלע זיינע פיר, אַזוי האָט זיך געוועלגערט אויף אים דאָס אייגן לייב זיינס.

לייוויק האָט באַלד דערנאָך פאַרפירט אַ שמועס מיט ר׳ חאַצען, און ר׳ חאַצע האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף לייזער־בערן און אויף מלכהן. לייזער־בער איז געזעסן אַ גרויסער, אַ משונהדיקער, און עפּעס גאָר קיין מענטש ניט אין ר׳ חאַצעס אויגן, נאָר אַ בריאה אַזאַ, און מלכה איז געווען אַנטקעגן לייזער־בערן ווי אַ ווייס שעפּע־לע אַנטקעגן אַ חיה, וואָס אַקאָרשט פון וואַלד אַרויס...

ר׳ חאַצע האָט ניט געהערט וואָס לייוויק האָט גערעדט צו אים, לייוויקס רייד האָבן נאָר איבעריק געקלאַפּט איבערן מוח, ווי דאָס פּאַרן פון אַ פור אין דרויסן, ווי דאָס קלאַפּן פון אַ לאַדן, ווען עס דאַרף זיין שטיל, און ר׳ חאַצע אַליין איז אַלץ פולער און פולער געוואָרן, האָט זיך אָנגעגאָסן, און אָט, באַלד, און ער וועט אַרויס־

פלאַצן מיט אַ שוואַרצער קללה, וואָס וועט פאַלן איבער די קעפּ ווי אַ דונער.

לייוויקן האָט קיינער ניט געענטפערט אויף זיינע רייד, און ער האָט ווייטער גערעדט, און רעדנדיק צו ר׳ חאַצען האָט ער אים אָנגערירט מיט אַ האַנט, האָט אים עפּעס געגעבן צו פאַרשטיין מיט די אויגן, און ר׳ חאַצע האָט קלאָר געזען וואָס דאָ איז, נאָר פונדעסטוועגן האָט ער זיך געלאָזט, מיט קלאָרע אויגן, מיט אַ קלאָרן מוח, אַז לייוויק זאָל אים אַרויסנאַרן פון שטוב אַרויס.

לייוויק האָט מיטאַמאָל אָפּגעהאַקט דעם שמועס זיינעם, ער האָט מער ניט באַדאַרפט, און ר׳ חאַצע האָט אויך געשוויגן, און ערשט, ווען זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן הויף, האָט זיך פון ר׳ חאַצען שאַרף אַזוי אַרויסגעשניטן אַ זיפץ: אוי! נאָר דאָ האָט אים שוין לייוויק מער ניט געטשעפּעט, האָט אים געלאָזט. ער איז זיך געשטאַנען אַליין, באַזונדער, דער לייוויק, און עס איז אים ווייניק־וואָס אָנגעגאַנגען דער גאַנצער ענין.

און לייזער־בער, אַז ער איז געבליבן אַליין מיט מלכהן, האָט ער זיך אַזוי צוגעכאַפּט, מיט זיין גאַנצער נשמה, אַז ער האָט איר געוואָלט דערציילן, אַה, וואָס פאַר אַ זאַכן ער האָט איר געוואָלט דערציילן, זאָגן! נאָר דערציילט האָט ער איר גאָר וועגן דעם אַלטן פּריץ, ביי וועמען ער האָט געקויפט דעם מויער, אַז דער פּריץ האָט צוויי גרויסע, גאָלדענע מעדאַלן, אַליין פונם קייסער, דער קייסער האָט זיי אים געגעבן מיט די אייגענע הענט!...

מלכה האָט געקוקט אויף אים די גאַנצע צייט, און ער האָט אַזוי גערעדט, האָט זיך אַזוי געבעטן, אַז זי האָט אים אונטערגע־האַלטן, מיט אַ גוטסקייט צו אים:

—טאַקע? דער קייסער אַליין האָט אים געגעבן די מעדאַלן?

—יאָ, זאָל איך שטאַרבן!

לייזער־בער האָט אַ קיילעכיקן פּנים, וואָס באַהאַלט גאָרניט, פון קיינעם ניט, און די באָרד זיינע וואַקסט קיילעכיק אַרום אַט דעם אַ פּנים, ווי אַ רייף, פּונקט אַזוי אין דער ברייט ווי אין דער לענג, און ער איז אַ גוטער, לייזער־בער, און מלכה ווייסט, אַז ער איז אַ גוטער, און זי האָט אויף אים רחמנות.

און דערנאָך איז מען געגאַנגען אין שול אַריין, ר׳ חאַצע און

לייזער־בער און לייוויק. מלכה איז אליין געבליבן אין דער היים. און אויפן טיש איז נאָך געשטאַנען דער כיבוד, און מלכה האָט גע־וואוסט, אַז זי דאַרף צונעמען פון טיש, דאַרף עס באַהאַלטן, עס איז דאָך ניט שיין, נאָר זי האָט זיך ניט גערירט פון אָרט, זי איז ווייטער געזעסן, און זי האָט גאָר פאַרגעסן צו טראַכטן, אַז עס איז איר שלעכט.

לייזער־בער האָט דאָ עפּעס איבערגעלאָזט נאָך זיין אַוועקגיין, ווי עס בלייבט איבער די געפּרייזשאַפּט פון אַ ווייטן קרוב, אַ צו־זאָג פון אמתן הארצן אַרויס, און מלכה האָט פול געשמייכלט, אַי שעמעוודיק, אַי אַפּן, אַי שטאַרק פאַרבאָרגן אין זיך.

אין דרויסן האָט זיך שוין גענייגט די זון, עס האָט זיך געקליבן דער אָוונט, אַ שאָטן צו אַ שאָטן, און ביי מלכהן האָבן זיך גע־דרעמלט די אָראָפּגעלאָזענע אַקסלען אירע, די פאַרנעסענע הענט, נאָר באַלד האָט זי דערזען, האָט דערקענט, אַז קלמן גייט, קלמן!

מלכה איז געבליבן אַ פאַרציטערטע, ווי מען וואָלט זי געכאַפּט ביי דער האַנט, און זי האָט אויף גיך געוואָלט צוכאַפּן פון טיש דעם כיבוד, אָפּווישן, באַהאַלטן, נאָר קלמן איז שוין אַריין אין שטוב מיט אַ זעץ מיט דער טיר, ווי אַן אָפּגעריסענע שטיק ווינט. ער האָט ניט געזאָגט קיין „גוט נאָוונט", קיין „גוט וואָך", ניין, ער האָט ניט געזאָגט, און אָט, באַלד, און ער וועט אַ נעם טאָן, וועט ברעכן, שטעכן, וועט איבערקערן אַ וועלט. און מלכה האָט טאַקע געוואַרט אויף דעם, האָט געוואַרט מיט שרעק, אַ שולדיקע אין אַלץ, נאָר קלמן האָט גאָר מיטאַמאָל אויסגעפּלאַצט אין אַ געוויין, פון זיין מויל, פון נאָז, פון די אויגן.

—קלמן!

איר געשריי האָט דורכגעשניטן דעם געוויין זיינעם ווי אַ בליץ, און קלמן האָט זיך אַ פאַרבלענדטער אַ וואָרף געטאָן צו איר, האָט זי אַריינגעכאַפּט אין זיינעביידע הענט, האָט זי אַרומגעכאַפּט און צוגעדריקט צום הארצן, צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, און מלכה האָט זיך אינגאַנצן געטוליעט צו אים, ווי קליין זי איז געווען, און אויך צום ערשטן מאָל אין איר לעבן, נאָר זיי האָבן ביידע ניט געוואוסט וואָס זיי טוען, אַז זיי טוען עפּעס — — —

# XLII.

מלכה איז אויף מאָרגן ניט געגאַנגען צו חנהן, דעם גאַנצן טאָג ניט, און ערשט אין אָוונט, ווען זי איז געזעסן מיטן טאַטן, און ווי שטומע האָבן זיי נאָר ביידע געקוקט צו זיך אין טעלער אַריין, ערשט אין אָוונט איז פּלוצלונג געקומען צו זיי חנה, איז גלייך צוגעגאַנגען צו מלכהן און האָט איר אַ טאָפּ געטאָן דעם שטערן:

—אַבי איך האָב געמיינט, אַז דו ביזט ניט געזונט, חלילה.

ביי מלכהן האָט זיך אָנגעגאָסן דאָס פּנים, און זי האָט שווער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי די האַלדז ביי איר וואָלט איינג געווען אַרומגעבונדן, און ר' האַצע האָט אויך געוואַרט אַ רגע און נאָך אַ רגע, ביז ער האָט זיך געקענט אָפּרופן צו חנהן:

—זיצט, פאַרוואָס שטייט איר? זעצט זיך צו, איך בעט אייך!

נאָר חנה האָט זיך ניט געזעצט, זי איז גראָדע געשטאַנען, אויף צולאָכעס געשטאַנען, און באַלד נאָך איר איז אויך געקומען אַהער דער מאַן אירער, קלמנס טאַטע — די גאַנצע משפּחה!

און יחיאל־מנשה איז גלייך צוגעגאַנגען צו ר' האַצען, און עס האָט זיך געדוכט, ניט נאָר ר' האַצען אַליין, אַז אָט, באַלד, און ער וועט אויפהויבן אַ האַנט, ווי אַ האַמער, און וועט אַ זעץ טאָן איבערן טיש: איך וועל ניט דערלאָזן! איך וועל ניט!

ר' האַצע האָט געזען וואָס עס וועט באַלד פאַרקומען, נאָר ער האָט זיך ניט געקליבן צו ענטפערן אויף דעם, ער שווייגט און וועט שווייגן, און חנה האָט זיך מיטאַמאָל אַרומגעקוקט, אַז זי ווייסט ניט צי עס איז גוט אַזוי, צי ניט גוט, ווי אַזוי עס איז רעכט, און זי האָט אים שטאַרק אַ שלעפּ געטאָן צו זיך, יחיאל־מנשהן אירן, און האָט אויסגעשריען, אי פאַר זיך, אי פאַר אים:

—אַ גוטע נאַכט!

און זיי זיינען אַוועק.

ר' האַצע האָט זיך שוין דערנאָך ניט צוגערירט צום עסן, און געזעסן איז ער ווי אַרומגערינגלט מיט פייַלן, מיט שפּיזן פון אַלע

זייטן, און מלכה האָט שטיל, ווי אַ שאָטן, צוגענומען פֿון טיש און האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט. האָט זיך געלייגט שלאָפֿן, כאָטש עס איז נאָך געווען זייער פֿרי אין דער נאַכט.

ר' חאַצע האָט געעפֿנט דעם תהילים, האָט געוואָלט אָנהויבן זאָגן, נאָר ער איז געבליבן זיצן אַ פֿאַרטראַכטער, און אין מיטן פֿון זיין פֿאַרטראַכטקייט האָט זיך אים אַלץ אויסגעוויזן, אַז מלכה וויינט דאָרט ביי זיך. ער האָט פֿאַר דעם מורא געהאַט, האָט זיך שטאַרק געשראָקן, און ער האָט שטאַרק זיך צוגעהערט, נאָר מלכה איז געלעגן אַ שטילע, אַ שטילע.

און יחיאל־מנשה איז אומגעגאַנגען מיט אַ שווערן טראַט, איין טאָג און צוויי טעג און דריי טעג, און ביי חנהן האָט אויך געוויינט די נשמה אירע, נאָר זי האָט זיך פּלוצלונג צעשריען אויף אים:

—וועסט אויפֿהערן? זאָל מען שוין נאָך דיר נאָכגיין!

יחיאל־מנשה האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט זי אָנגעקוקט און האָט שווער אַרויסגערעדט, ווי פֿון אונטער דער ערד:

—טשעפּע מיך ניט, הערסט?!

יחיאל־מנשה איז ניט אין כעס, אויף קיינעם ניט, ניט אויף מלכהן און ניט אויף קלמנען, ער האָט זיי ביידן ליב, און צו ר' חאַצען קומט ער דאָך אינגאַנצן ניט, וואָס פֿאַר אַ פֿאַרגלייך — ער און ר' חאַצע? נאָר גאָרניט, אויס! דער אויבערשטער האָט באַוויזן אַ צוקערל־עקעכל, האָט זיך אַ רייס געטאָן, און דו נאַרישער מענטש וואָס דו ביזט! אַ וועלט קען מען ניט איבערמאַכן, און אַז יענער איז אַזוי, איז ער אַזוי, נאָר שווער איז צוצוקוקן דעם צער פֿון אַן אייגן קינד, וואָס וויל נעבאַך, איז נעבאַך גערעכט, עס איז שוין גרינגער אויפֿצוהויבן אַ באַרג, און יחיאל־מנשה וואָלט טאַקע אויפֿגעהויבן אַ באַרג, ווען ער וואָלט נאָר געוואוסט, אַז עס וועט [illegible].

און שפּעט אין דער נאַכט, ווען אַלע זיינען שוין געשלאָפֿן, איז נאָך יחיאל־מנשה געלעגן מיט אָפֿענע אויגן, האָט ניט געוואוסט, אַז ער שלאָפֿט ניט, און פּלוצלונג האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזאַ שטילקייט:

—חנה, דו שלאפסט?

—יא, איך שלאף, וואס איז סיידן?

יחיאל־מנשה דעפרייט זיך שטארק, ער שפארט זיך אזש אונטער דעם אייגענעם עלנבויגן און הויבט פאמעלאך אן:

—הערסטו, חנה...

נאר מער האט ער ניט וואס צו זאגן, ער האט געמיינט, אז ער האט, אז ער ווייסט, נאר אט זעט ער, אז ניט, און חנה, אז זי ליגט אין בעט און עס רוען אירע גלידער, זי רוט אינגאנצן, איז זי יעמאלט א גוטע, א געטרייע צו אלעמען, און זי ענטפערט אים, טרייסט אים:

—שלאף, וועסט שוין באלד דארפן אויפשטיין, שלאף!

און יחיאל־מנשה איז אויף מארגן אוועק אויפן מארק, איז צוגעגאנגען צו לייזער־בערן און האט גענומען רעדן צו אים מיט פודיקע ווערטער, ניט קריגן זיך, נאר רעדן:

—לאז בעסער אפ, קריך ניט אין מיטן!

נאר לייזער־בער האט געלאכט ווי א שייגעץ, האט זיך גערייצט ווי א שייגעץ:

—טאקע? וואס איז? עס געפעלט אייך ניט דער שידוך?

ביי יחיאל־מנשהן האבן זיך מיטאמאל אויפגעזעצט די ברייטע, שטארקע פלייצעס זיינע, נאר ער וויל זיך ניט שלאגן, און ער האט ווייטער גערעדט צו אים אזוי ווי פריער:

—איך וועל זיך אפרעכענען, הערסט?

לייזער־בערן איז געווען פריילאך אויפן הארצן, און יחיאל־מנשה איז אפגעטראטן פון אים, האט זיך געלאזט אוועקגיין, נאר דא האט אים קלמן דערזען פון דערווייטן, פון קראם ארויס, און איז גלייך צוגעלאפן צו אים:

—טאטע?!

קלמן האט זיך פריש געצאפלט, ווי א פיש אויף דער יבשה, אקארשט פון טייך ארויס, און יחיאל־מנשה האט געפילט, ווי עס גייט אים אויס דאס חיות, עס פארגייט די נשמה, און ער האט אים אזש געוואלט א קוש־טאן, דעם זון זיינעם:

—וואס איז? דו גיי בעסער אין קראם אריין, גיי!

קלמן האָט מער גאָרניט געזאָגט, האָט זיך געלאָזט גיין צוריק אין קראָם אַריין, און יחיאל־מנשה האָט אים נאָכגעקוקט דעם גאַנצן וועג און דערנאָך איז ער אַוועק אַהיים און איז געקומען אַהיים — מיט גאָרניט.

# XLIII.

יחיאל־מנשה האָט געזען, אַז עס איז ניט רעכט אַזוי, עס איז פּאַרט אַן עולה, אפילו ווען קלמן וואָלט ניט געווען זיינער אַ זון. און חנה האָט אים ניט געוואָלט שיטן קיין זאַלץ אויף די וואונדן, נאָר זי איז דאָך אויך אַ מענטש מיט אַ האַרץ, מיט אַ נשמה, און זי וואַרפט אים אַמאָל אויף, גלאַט אַזוי זיך:

—נו, בריה מיינער, נו?

ביי יחיאל־מנשהן זעצן זיך אויף די ברייטע, שטאַרקע אַקסלען, און די הענט זיינע ווערן ווי אייזערנע שטאַנגען, נאָר ער אַליין איז ווייט פון דעם, איז פרעמד פון דעם, אַט ווי ער וואָלט זיך נאָך קיינמאָל ניט געשלאָגן אין זיין לעבן, און ער ענטפערט איר גאָר־ניט, ער שווייגט. יחיאל־מנשה פאַרשטייט איצט אַ סך זאַכן, וואָס ער האָט פריער ניט פאַרשטאַנען, אַזוי דוכט זיך אים, און זי איז פאַר־ביטערט, איז אין כעס:

—האָסט שוין גאָר קיין לשון ניט? אָפּגענומען?!

יחיאל־מנשה וויל איר געבן צו פאַרשטיין, ווי מען רעדט צו אַ קינד, אַז דאָ איז עפּעס אַנדערש, מיט אַ גוי קען מען זיך שלאָגן, אָבער ווי קומט שלאָגן אַהער? עס קומט ניט! און קלמן איז דערווייל אומגעגאַנגען אַ פאַרטראַגענער, אַ צעטומלטער, אַז ער האָט, דוכט זיך, געקוקט אויף אַלעמען, נאָר געזען האָט ער קיינעם ניט, האָט ניט געהערט וואָס מען רעדט צו אים.

ר׳ אברהם צעלניק האָט ניט געקענט פאַרשטיין, וואָס מיט דעם בחור איז פּלוצלונג געוואָרן, אַ חיה רעה האָט אים אַ ביס געטאָן? און ער האָט אַפריער געפּרוואווט רעדן מיט אים אַליין, נאָר פון קלמנען האָט מען גאָרניט געקענט אַרויסקריגן, ווי פון אַ תם,

וואס זיין געלעכטער איז ווי א געוויין, און זיין געוויין איז ווי א געלעכטער, און אז ר' אברהם איז גוט צו אים צוגעשטאנען, איז ער מיטאמאל, קלמן, געווארן א מענטש, א בר־דעת, און האט זיך מודה געווען, האט זיך פארענטפערט:

—איך בין ניט שולדיק... איך וויים ניט!

ר' אברהם האט אים געגלויבט. ער ווייסט טאקע ניט, ער איז טאקע ניט שולדיק, און ר' אברהם האט דערנאך געשיקט רופן צו זיך יחיאל־מנשהן און האט אים געזאגט, אז אזוי און אזוי — איר זענט א טאטע און איך דארפט וויסן!

ר' אברהם האט גערעדט ניט מיט כעס, נאר גראדע פארקערט, מיט מיטלייד, מיט געטרייקייט, ווי עס רעדט א ווייטער קרוב און ווי א ווייטער קרוב האט ער געמיינט, אז ער ווייסט אלץ, נאר וויסן האט ער גארניט געוואוסט, און יחיאל־מנשה האט אים אויס־געהערט און האט מסכים געווען:

— איך וויים!

יחיאל־מנשה איז גארניט אראפגעפאלן ביי זיך, פון זינט די צרות מיטן זון פילט ער זיך גאר עפעס געהויבן, אז נאר ער וואלט יענעם געוואלט געבן צו פארשטיין — ער האט וואזשנע רעיונות, זייער וואזשנע:

—הערסטו, חנה...

נאר מיט איר קען ער ניט רעדן, זי מאכט אים שטענדיק אוועק מיט דער האנט, זי גלויבט אים ניט, ער האט ניט קיין באטרעף ביי איר, און ער וויל אמאל צוגיין צו ר' חאצען און אים זאגן:

—איך בין אייך ניט קיין שונא, פארוואס? ניין... טא לאמיר רעדן!

און אט איז ווידער א שבת — דער וויפלטער שבת איז עס שוין, אז קלמן שטייט ניט אויף פאר פרי, וואשט זיך ניט, פוצט זיך ניט און לויפט ניט אין ערגעץ? אין שטוב איז שבתדיק שטיל, די קינדער זיינען אלע אין דרויסן, ווי די געגנדז פון א שטייג ארוים, און חנה זיצט אליין מיט צונויפגעלייגטע הענט, טוט גארניט, און פון צייט צו צייט נאר גיט זי א זיפץ, א קרעכץ — זי קען זיך פאר־גינען דעם פארגעניגן.

קלמן ליגט נאָך אין בעט, איז ווי אַ קראַנקער, אַ חולה, און עס איז אים גוט אַזוי, און חנה טשעפּעט אים ניט, רופט זיך צו אים ניט אַפּ אפילו, און ער קריכט שפּעט אַרויס פון בעט, גייט שפּעט אַרויס פון שטוב, און ער גייט ניט צו מלכהן, נאָר פון דערווייטן שטייט ער און קוקט אַהין, היט.

און לייזער־בער מיט מלכהן קומען טאַקע באַלד אַרויס פון שטוב, גייען דורך דעם הויף, און זיי גייען ביידע גלייך, זייט ביי זייט, און קלמן גייט זיי נאָך פון זיין באַהעלטעניש, אַז מען זאָל אים ניט זען. מלכה גיט אַ קוק אויף צוריק, איין מאָל און נאָך אַ מאָל, ווי זי וואָלט אימיצן געזוכט, וואָלט אימיצן באַדאַרפט, און לייזער־בער פרעגט ביי איר:

—וואָס איז?

—גאָרניט...

און זי ווערט נעענטער צו אים, אַזוי דוכט זיך אויס, און ער הויבט נאָך העכער אויף דעם קאָפּ, און זיי גייען נאָך ווייטער, זיי שפּאַצירן דאָך, און קלמן גייט זיי נאָך ווי אַ שאָטן, דעם גאַנצן וועג, נאָר אַז זיי קומען צו דער ברייטער גאַס, און לייזער־בער מיט מלכהן פאַרהאַלטן זיך אפילו ניט, נאָר גייען ווייטער, גייען אין שטאָט אַריין, שטעלט ער זיך דאָ אָפּ, קלמן אַליין, קוקט זיי נאָך ביז וואַנען זיי פאַרשווינדן, ווערן ניט, און פּונקט ווי ער איז קיינמאָל מיט איר ווייטער ניט געגאַנגען, ווי ביז דאַנען, אַזוי גייט ער איצט אויך ניט.

ער קערט זיך צוריק אום אויף די גויאישע געסלאַך, נאָר ער גייט ניט אַהיים, קומט ניט אַהיים, ער קען ניט קוקן דעם טאַטן אין פּנים אַריין, שעמט זיך פאַר דער מאַמען, און ער בלאָנקעט אַרום אַן אָפּגעריסענער ווי אָן אַ טאַטן, אָן אַ מאַמען, אָן קיינעם ניט, ביז ער פאַררוקט זיך אין אַ ווינקל און קוקט פון דאָרט, היט ר' חאַצעס טויער.

לייזער־בער מיט מלכהן קומען צוריק פון שפּאַציר, גייען אַריין אין שטוב, און דאָרט, אין שטוב, טרינקען זיי אַלע דעם שבת־דיקן טיי, זיצן ביים טיש, ר' חאַצע אויך מיט זיי, און מען טרינקט, מען פאַרברענגט, און לייזער־בער מיט ר' חאַצען גייען דערנאָך אַוועק אין שול אַריין און מלכה בלייבט אַליין.

קלמן קריכט ערשט דעמאָלט אַרויס פון זיין באַהעלטעניש, און שטיל גייט ער אַריין צו מלכהן אין שטוב. און אין שטוב איז שוין טונקל, פאַרנאַכט, און מלכה גיט זיך אַ כאַפּ, נאָר זי דערקענט באַלד ווער דאָס איז, און זי קוקט אים אָן.

זי זאָגט אים ניט, אַז ער זאָל זיך זעצן, אַז ער זאָל אַוועקגיין, גאָר ניט, זי וואַרט נאָר אַ גרייטע, מיט אַ צוגעגרייטן ענטפער אויף אַלע זיינע טענות, נאָר ער מאָנט ביי איר גאָרניט, ער האָט צו איר גאָרניט. ער איז געטרייַ און שטום, מיט גליק און רחמנות אין זיינע אויגן, ווי אַ שטומע באַשעפעניש, און ער גייט אפילו ניט צו צו איר, רירט זי ניט אָן. עס ווייזט זיך אים נאָר אויס, אַז זי ווייסט ניט, ווי טייער זי איז אים, ווי איינגעבאַקן אין האַרצן, און ער וויל אַזוי, אַז זי זאָל עס וויסן — מער דאַרף ער גאָרניט, מער וויל ער גאָרניט.

און מלכה שווייגט אַ ברוגזע אויף אים, אָט ווי ער וואָלט איר געשטערט איר גליק, ווי עס וואָלט אים גאָרניט געאַרט פאַר איר, יאָ, זי איז גערעכט און איז אין כעס, און קלמן ווייסט, אַז ר' חאַצע וועט שוין באַלד קומען פון שול, עס איז שוין נאַכט, און ער זאָגט עפּעס מיט אַ מורמל „אַ גוטע נאַכט”, צי וואָס, און גייט אַוועק.

מלכה גיט זיך אַ כאַפּ און ערשט איצט, אַז ער איז שוין אַוועקגעגאַנגען, האָט איר איבערגעלאָזט אַליין, ערשט איצט וויל זי זיך אַ יאָג טאָן נאָך אים, וויל אים אומקערן, ווייל, אַז ער זאָל זיין לעבן איר, און עס ווערט איר מיטאַמאָל אַזוי אומעטיק און אַזוי ניט גוט, אַז אָט באַלד און זי וועט זיך פאַנאַנדערוויינען מיט טענות, —אַז וואָס האָט מען צו איר? וואָס וויל מען פון איר?

## XLIV.

און ר' חאַצע האָט זיך ניט געמישט, אינגאַנצן ניט, ער האָט געלאָזט דעם אויבערשטן אַליין פירן זיין וועלט.

אין שטאָט האָט מען גערעדט, אַז עס איז אַ גליק, וואָס נאָך פאַר אַ שידוך קען מען זיך ווינטשן? און ר' חאַצע האָט געהערט די רייד.

האָט זיך מיט קיינעם ניט געאָמפּערט, נאָר צו זיך אַליין האָט ער ביטער געטראַכט און האָט ביטער געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף דעם, וואָס מענטשן האָבן אַזאַ קורצן זכרון. ערשט נעכטן—וואָס איז נעכטן געווען לייזער־בער, און ווער איז ר׳ חאַצע געווען? נאָר מען האָט שוין פאַרגעסן, ניטאָ, און איצט זאָגט מען, איצט רעדט מען —אַ גליק, עס איז אַ גליק, און ר׳ חאַצע זאָגט זיי נאָך, ווי אַ אינגל זיין באַהעלפער:

—אַ גליק!

ר׳ חאַצע האָט צו קיינעם קיין טענות ניט, מאָנט ביי קיי־נעם גאָרניט, ער פרעגט נאָר: איז דאָס דער סדר העולם? און פרעגן פרעגט ער עס ביי קיינעם ניט, נאָר סתם אין דער וועלט אַריין, און ווייטער האָט ער זיך שוין ניט געמישט, אײַנגאַנצן ניט. ער האָט נאָר געוואָלט, אַז דער זון זיינער זאָל איצט זיין לעבן אים, צוליב וואָס? —ער האָט ניט געטראַכט וועגן דעם.

נאָר נחמן האָט שוין לאַנג אויפגעהערט שרייבן אַהיים, האָט ניט געלאָזט פון זיך הערן, האָט ניט געלאָזט פון זיך וויסן. ר׳ חאַצע האָט געשריבן צו זיינע אַמאָליקע סוחרים, האָט זיי געבעטן, האָט ביי זיי געפרעגט, און זיי האָבן אים געענטפערט, אַז זיי וויסן ניט צי ער איז נאָך אין וואַרשע, און ר׳ חאַצע האָט ביטער געטראַכט צו זיך אַליין, מיט אַ ביטערן נצחון אַז דער אויבערשטער פירט פיין זיין וועלט, זייער פיין!

ער האָט שוין ניט איינמאָל געוואָלט אַ פרעג טאָן ביי מלכהן, אַז וואו איז עס קלמן? פאַרוואָס זעט מען אים גאָרניט? ער איז אַ וואוילער בחור! נאָר ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון דעם, האָט ניט געפרעגט, און ווער איז עלטער, נחמן צי קלמן? זיי וואָלטן גע־קענט זיין צוויי ברידער.

און קלמן, אַז ער שטייט אויפן שוועל פון קראָם, און דער מאַרק איז אַ שיטערער, קען ער קוקן און זען אי לייזער־בערן און אי ר׳ חאַצען. קלמן איז אַ פאַרטראַגענער, אַ פאַרווינטער, און אינגאַנצן היינגט ער אויף אַ האָר, און אַז מען פרעגט ביי אים עפּעס, מען זאָגט צו אים עפּעס, ציטערט ער אינגאַנצן אויף און פרעגט אַ צע־טומלטער, ווי פון אַ חלום אַרויס:

—האַ?

און איינמאָל, ווי ער איז געשטאַנען אַט אַזוי, און דער מאַרק איז געווען אַ שיטערער, האָט ער געקוקט און געזען ווי לייזער־בער איז צוגעגאַנגען צו ר׳ האַצען מיט אַ פּעקל אונטערן אָרעם, און ר׳ האַצע האָט אים דאָרט אויסגעהערט, האָט פאַרשלאָסן דאָס שטעלכל, און זיי האָבן זיך ביידע געלאָזט אַוועקגיין פון מאַרק.

קלמן איז שוין געוואוינט געווען צו די שבתים, אַז שבת זאָל לייזער־בער קומען צו מלכהן, צו ר׳ האַצען, נאָר דאָס איז געווען אין אַ מיטן וואָך, עס איז געווען אַ נייס, און קלמן האָט זיך געוואָלט אַ ריס־טאָן פון אָרט, אַז זיי זאָלן ניט, זיי זאָלן ניט!

לייזער־בער מיט ר׳ האַצען האָבן זיך באַלד פאַרלאָרן פון מאַרק, און קלמן איז צוריק אַריין אין קראָם, און נאַרניט, קיינער האָט גאָר־ניט געזען אויף אים, און ער האָט טאַקע גאָרניט געטאָן, ער האָט נאָר געקוקט אויף דער גרויסער שער, וואָס איז געלעגן אַן אָפענע, מיט אַן אָפענעם מויל.

אין קראָם זיינען ניט געווען קיין קונים, און ר׳ אברהם, דער באַלעבאָס זיינער, האָט זיך אומגעקוקט צו אים, גלאַט אַזוי זיך. נאָר קלמן האָט שוין קיינעם ניט געהערט, האָט קיינעם ניט געזען. די אָפענע שער האָט אים געבליאַסקעט גלייך אין די אויגן אַריין, און קלמן האָט פּאַמעלאַך פאַרמאַכט די שער, אַ קלינגל, צו אַ קלינגל, ווי ער וואָלט ניט געוואָלט, אַז עס זאָל אויסרינען פון איר די שאַרפקייט, און דערנאָך ערשט האָט ער זי אַריינגענומען אין די הענט אַריין, און מיט דער שער אין די הענט איז ער אַזוי דורכ־געגאַנגען פאַרביי, אַז ר׳ אברהם איז געבליבן מיט אָפענע אויגן:

—איך פאַרשטיי ניט!

ר׳ אברהם האָט זיך האַסטיק אַ לאָז געטאָן נאָך אים, נאָר קלמן איז געלאָפן ווי אַ משוגענער, ווי אַ דולער, און ר׳ אברהם האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן שוועל און האָט אויף גיך אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין:

—עס וועט זיין אַן אומגליק!

נאָר ער האָט גאָרניט אַ טראַכט געטאָן דערביי, אַז ער וואָלט זיך געקענט אַריינמישן, און קלמן איז נאָכגעלאָפן נאָך לייזער־בערן

מיט ר' חאַצען, און אַז ער האָט זיי דעריאַגט, שוין אויף די גויאישע געסלאַך, האָט ער זיך פאַמעלאַך געשאַרט נאָך זיי, מיט ווייכע און גנבישע טריט, ווי אַ קאַץ.

לייזער־בער און ר' חאַצע האָבן ווייניק גערעדט צווישן זיך, האָבן גאָרניט גערעדט. לייזער־בער האָט זיך געפרייט מיט עפּעס, דעם גאַנצן וועג, און ר' חאַצע איז געגאַנגען אַ שווייגנדיקער, איז געגאַנגען אַליין, און קלמן איז זיי ביידע נאָכגעגאַנגען איבער די גאַסן, אין מיטן העלן טאָג, נאָר מען האָט אים ניט געזען, מען האָט אים ניט געהערט, עס זיינען גאָרניט געווען קיין גאַסן פאַר אים, עס איז נאָר געווען לייזער־בער און ר' חאַצע, און ווי ביי אַ קאַץ זיינען גרין און שטעכיק געווען ביי אים די אויגן — — —

לייזער־בער מיט ר' חאַצען זיינען אַריין אין שטוב, זיינען געקו־מען אַהיים, און קלמן איז געבליבן שטעקן ביים טויער, אין אַ באַ־העלטעניש.

לייזער־בער האָט גלייך פאַנאַנדערגענומען דאָס פּעקל, ווי נאָר ער איז אַריין אין שטוב, און מלכה האָט געקוקט, האָט געוואַרט, און ר' חאַצע איז אויך געווען דערביי, און ביי לייזער־בערן האָט גע־שיינט דאָס פּנים, אַז מלכה האָט נאָר קיינמאָל ניט געוואוסט ביז איצט, וואָס פאַר אַ שיינער ער איז:

—אַ מתנה!

די מתנה איז געווען אַ שטיקל אמתער, האָלענדישער לייוונט, און געבראַכט האָט ער עס פאַר מלכהן, און מלכה האָט אַן איבער־געשראָקענע געקוקט אויפן לייוונט, אויף לייזער־בערן, אויפן טאַטן, נאָר לייזער־בער האָט זיך זייער געפרייט, זייער, און ר' חאַצע איז געשטאַנען אַ בלייכער ווי די וואַנט. ער האָט איר גאָרניט געקענט זאָגן, פּונקט ווי זי אים, און מלכה האָט שווער אַראָפּגעלאָזט די אויגן, האָט געפילט, אַז עס פלאַמט איר דאָס פּנים, אַזוי האָט מען זי דאָ פאַרשעמט, און לייזער־בער האָט געגלעט דעם לייוונט מיט געטרייע פינגער און האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

—גאָלד, ניט קיין לייוונט! קוים נעקראַגן! עס איז דאָך פון אויסלאַנד, אַ העמד פון אַזאַ לייוונט איז בעסער ווי פון זייד, אַט איז די פלאַמבע!

מלכה איז געזונקען אונטער זיינע ווערטער, ווי אונטער שטיי־נער, וואָס זיינען געפאַלן אויף איר—לייוונט, העמדער, און ר' חאַצע האָט עס שוין אויך מער ניט געקענט איבערטראָגן, און ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס שטיקל לייוונט, האָט עס געוואָלט אַרויסוואַרפן דורכן פענצטער, און מלכה, אַז מען האָט נאָר צוגענומען פון אירע אויגן דעם לייוונט, האָט זי שוין פּאַמעלאַך געקענט אַרויסרעדן דאָס, וואָס זי האָט באַדאַרפט איצט זאָגן:

—אַ דאַנק!

לייזער־בער האָט געזען, אַז זי פרייט זיך ניט, אַז זי איז מאָדנע אומעטיק— פאַרוואָס? און געשטאַנען איז זי, ווי זי וואָלט געצייטערט, אַז מען זאָל זי ניט אַנרירן. נאָר לייזער־בערן איז גוט געווען, אַז זיין אייגענע גוטסקייט האָט אַזש אַריבערגערונען פון אים, און ער וועט איר ברענגען נאָך מתנות, אַ סך מתנות, וואָס זי וועט נאָר וועלן. ער האָט ניט געערדט, האָט ניט געטענהט, נאָר מלכה האָט אים גוט געהערט, מיט איר שטיין אָט אַזוי, און ר' חאַצע האָט זיך נאָך אַרומגעטראָגן איבער דער שטוב מיטן שטיקל לייוונט אין זיינע ביידע הענט, ווי מען טראָגט זיך אַרום מיט אַ גרויסער, לייטענער כלי, וואָס איז אי פול, אי היים... ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט דעם, ביז ער האָט געפונען אַ ווינקל, האָט עס פאַררוקט אַהין, און ערשט דערנאָך, שוין מיט ליידיקע הענט, האָט ער זיך שטאַרק אויסגעגלייכט, האָט שטאַרק פאַרשטעלט מיט זיך דאָס ווינקל:

—מילא, נו, מילא...

נאָר פּלוצלונג האָט ער זיך מיט אימפּעט גענומען איילן ערגעץ, פון דער העלער הויט, פון זיך אַליין, אַוועקצוגיין, צי וואָס, און לייזער־בער האָט געזאָגט צום סוף „אַ גוטן טאָג", ניט מיט כעס אָדער פאַרדרוס צו מלכהן, אָדער צו ר' חאַצען, נאָר זיי וועלן נאָך זען, זיי וועלן זען, און ער איז אַרוים פון שטוב, האָט איבערגעטראָטן דעם שוועל. און דאָ האָט ער זיך מיטאַמאָל אָנגעשטויסן אויף קלמנען. קלמן איז מיטאַמאָל אַרויסגעשפּרונגען פון זיין באַהעלטע־ניש, האָט אַ שפּרונג געטאָן צו אים מיט אַלע זיינע פיר, ווי אַ חיה, און פאַר לייזער־בערן האָט אַ בליאַסקע געטאָן די גרויסע שער,

ווי א מעסער אויף דער זון. לייזער־בער האט זיך א כאפ געטאן אויף צוריק, האט אין דער רגע אלץ בארעכנט, און נאך איידער קלמן האט וואס געטאן, האט אים שוין לייזער־בער אראפגעלאזט איין זעץ אין הארצן אריין און דעם צווייטן איבערן קאפ. אז קלמן האט אויסגעשטעלט א פאר אויגן, ווי צוויי שטיקלאך גלאז, האט א טאנץ געטאן ווי אויף א גליטש, און האט גענומען זינקען אין דער ערד אריין, ווי א פלאקן מיט א פארשארפטן שפיץ.

לייזער־בער האט שווער געאטעמט, און קלמן איז געלעגן מיט אונטערגעבראכענע פיס, צעשפרייטע הענט, און אין הויף אריין האבן זיך שוין געקליבן די ארומיקע שכנים, גויים, גויקעס און שיקסעס, און איינער א גוי האט זיך גוט איינגעקוקט אין קלמנען און האט רואיק געזאגט צו לייזער־בערן:

—אפשר דערהרגעט? ניט גוט!

דער גוי האט זיך ווידער אנגעבויגן צו קלמנען, האט אים גע־וואלט אנטאפן מיט די הענט, א טרייסל טאן, און קלמן האט גע־וואוסט, וואס עס טוט זיך ארום אים. האט געוואוסט, אז ער דארף זיין ווי א טויטער, ווייל אנדערש וועט ער זיך פאנאנדער־דערווייגן, און אלע ארום האבן זיך מיטאמאל א קער געגעבן צו דער גאס, און עס איז געווארן אזוי שטיל, אז אויך דער גוי איז געבליבן אן אנגעבויגענער און אזוי ווי אלע.

פון דער גאס איז געגאנגען יחיאל־מנשה, האט בלינד געטראגן אויף זיך די ארויפגעוועצטע אקסלען זיינע, און געשפאנט האט ער מיט א גרויסן טראט, וואס האט אזש געזעצט אין דער לופטן, ווי עס הילכן שווער די טריט פון גרויסע, סאלדאטישע שטיוול.

קלמן האט זיך מיטאמאל אויפגעכאפט, האט זיך צוריק א ווארף געטאן צו לייזען־בערן, „נאר דא איז שוין יחיאל־מנשה געווען דערביי", און זיי האבן אים ביידע אוועקגעמאכט מיט דער האנט, אי לייזער־בער, אי יחיאל־מנשה, ווי מען שארט אפ א שפענדל, און יחיאל־מנשה איז דערנאך צוגעגאנגען צו לייזער־בערן. ער האט אים גארניט גע־זאגט, און לייזער־בער האט אויך געשוויגן, און געשטאנען זיינען זיי ביידע ווי א וואנט אנטקעגן א וואנט, און זיי האבן זיך ביידע א נעם געטאן צו פרואוון די הענט זייערע, ווי מען סטראיעט אן א

פידל, ווי מען פּראוואָט אפּריער אויס דאָס געצייג, איידער מען נעמט זיך צו דער מלאכה.

פון יחיאל־מנשהן האָט זיך געריסן די גבורה זיינע, ווי אַ צעיושעטער פערד, נאָר ער האָט עס שטאַרק איינגעהאַלטן אין זיך, און געצילט האָט ער לייזער־בערן נאָר אונטערן האַרצן אַריין, און לייזער־בערן האָבן געשטאָכן אין די אויגן יחיאל־מנשהס אויפגעשטעלטע אַקסלען, ווי דער רויטער קאָם ביי אַ האָן, און זיין שטאַרקער, קיילעכיקער קאָפּ אין אַ היטל, וואָס איז געווען קאַלט און טויט, ווי געמאַכט פון אַ ווילדן שטיין.

לייזער־בערן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ביי יחיאל־מנשהן זינקט דער קאָפּ זיינער אַלץ מער און מער, פון יעדן זעץ אַלץ נידעריקער, און יחיאל־מנשה האָט אים געזעצט אין האַרצן אַריין, אין די גע־דערים, אַז אַט, און ער וועט זיי דורכלעכערן אויף דורך און דורך. די גויים אַרום האָבן נאָך ניט געזען אַזאַ געשלעג, און זיי זיינען איינג געשטאַנען מיט אָפענע מיילער, מיט אויסגעשטעלטע אויגן, האָבן ניט דורכגעלאָזט קיין איין איינציקן זעץ, האָבן עס געשלונגען אין זיך, ווי די הייליקע טראָפּנס וואַסער, און זיי וועלן זיך טאַקע דערהרגענען, אויף טויט.

—ניט גוט, פאַנאַנדערנעמען... ניט גוט!

נאָר קיין איינער פון די גויים האָט זיך אפילו ניט אַ ריר געטאָן פון אָרט, מען איז געשטאַנען ווי געפּענטעטע פון דעם קאַלטן כעס, וואָס האָט זיך געגאָסן ווי בלוט, פוןביידן, און זיי האָבן זיך ווייטער געשלאָגן, פאַרביסן און קאַלט, ווי געבאָרענע גזלנים.

זיי האָבן זיך געשלאָגן ניט ווייט פון שוועל, און אין שטוב איז געווען אַזוי שטיל, ווי אויף אַ בית־עולם, וואו עס לעבן קברים, מצבות. מלכה איז געזעסן אַ פאַרשלאָגענע אין אַ ווינקל, אַן איינ־געהויקערטע, ווי אַן אַלטע אידענע, און ר׳ חאַצע איז געשטאַנען ביים פענצטער, האָט אַרויסגעקוקט אין הויף אַריין, אַ גלייכער, אַן אויס־געצווייגענער, מיט די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, אַ האַנט איינ־געקלאַמערט אין אַ האַנט, און איינגאַנצן אַ פאַרברענטער.

ביי לייזער־בערן פון מויל האָט זיך געשפּאַרט אַ רויטער שוים, נאָר זיינע ליפּן זיינען געווען פאַרביסן, פאַרביסענע ציין, און ביי יחיאל־מנשהן זיינען אַלץ העכער געוואַקסן די אַקסלען, אויף צו־

לאַכעס, אַז זיי האָבן שוין אינגאַנצן אַרומגענומען דעם קאָפּ זיינעם, ווי מיט אַ קישן, און געשטאַנען איז ער אַליין ווי איינגעזונקען אין דער ערד ביז צו די קני. ער האָט נאָר געוואָלט דורכלעכערן לייזער־בערן די גערערים, מיט איין לאַנגן זעץ, דורכעגבערן, און לייזער־בער האָט מיטאַמאָל אַראָפּגעלאָזט אַ זעץ איבער זיינע ביידע הענט, ווי מיט אַ פלאַקן, אַז יחיאל־מנשה האָט צוגעכאַפּט די הענט, איז מיט זיי געבליבן ווי מיט צוויי שווערע אייזנס, און ער האָט אַ געשריי געטאָן צו לייזער־בערן, ווי ער וואָלט זיך גאָרניט געשלאָגן מיט אים:

—איבערגעבראָכן!

—טאַקע?!

די גויים אַרום האָבן איינגער אַ טראָט געטאָן, נאָר צוגיין צו אים נאָענט האָבן זיי מורא געהאַט, אַליין ניט ווויסנדיק פאַרוואָס, און לייזער־בער האָט דערווייל איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט אויסגעשפּיגן פון זיך אַ האַרטע, רויטע שטיק, וואָס האָט אים שטאַרק געוואָרגן, און יחיאל־מנשה האָט זיך נאָך געהאַלטן מיט די הענט, האָט זיי געטראָגן טאַקע ווי איבערגעבראָכענע... ער איז שטאַרק געוועזן צעטומלט, און אַ צעטומלטער איז ער אָפּגעטראָטן צו דער פריזבע פון שטוב, האָט זיך אַנידערגעזעצט, און די פאַרגליווערטע הענט זיינען געוועזן ניט זיינע, אייגענע, נאָר פרעמדע, ווייטע, אַז ער האָט זיך שיעור ניט פאַנאַנדערגעשריען פון שרעק. ער האָט ניט געוואוסט וואָס עס וועט זיין, האָט אַלץ געדרייט די הענט אַהער און אַהין, טאָמער וועלן זיי אים ווייטאָן, און באַלד האָבן זיך טאַקע פאַנאַנדערגעשמייכלט ביי אים די אויגן, פריידיק אַזוי, ווי ביי אַ קינד, אַז ניין, ניט איבערגעבראָכן, ניין!

יחיאל־מנשה האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן גלעטן און טוליען די הענט, געטריי און האַרציק, מיט טרערן אַזש אין די אויגן, ווי ער וואָלט פּלוצלונג געפונען אַן אוצר, און דערנאָך האָט ער זיך דער ערשטער געלאָזט אַוועקגיין פון הויף, און נאָך אים זיינען זיך שוין אַלע פאַנאַנדערגעגאַנגען, שטיל און מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ניט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט איינער צום אַנדערן.

אין הויף איז קיינער ניט געבליבן, עס איז געבליבן אַ פוסטער

הויף, אַ ליידיקער, און ר׳ חאַצע איז אַפּגעגאַנגען פון פענצטער, האָט זיך אַנידערגעזעצט ביים טיש, האָט אַריינגענומען קאָפּ און פּנים אין דיביידע אונטערגעשטעלטע הענט אַריין, אַז עס האָבן זיך אַזש אַ בראַך געטאָן זיינע טרוקענע עלנבויגנס, און מלכה האָט גע־וואָלט אַרויס פון איר ווינקל, צוגיין צום טאַטן, נאָר זי איז נאָך אַלץ געזעסן אַן איינגעהויקערטע, ווי אַן אַלטע אידענע — — —

# XLV.

קלמן איז דערנאָך ניט אַפּגעטראָטן פון טאַטן, האָט אים אַלץ געוואָלט זאָגן, אַז לייזער־בער האָט אים ניט בייגעקומען, אַ לינן! און לייזער־בער האָט געשפּיגן מיט בלוט, נאָר ער האָט עס באַהאַלטן, האָט זיך געשעמט. יחיאל־מנשהן האָבן וויי געטאָן די הענט, די אַקסלען, די פּלייצעס, עס האָט אים געטומלט אין מוח, נאָר ער האָט אויך געשוויגן, און חנה האָט זיך גלאַט געקילט ביי דעם אַלעמען די אַנגעווייטיקטע נשמה אירע:

—נו, בריה מיינער, נו?!

חנה האָט שטענדיק געהאַט ביי אים אַ גרויסן באַטרעף, נאָר איצט קוקט ער זיך אַפילו ניט אום אויף איר, עס דוכט זיך אים, אַז ער איז גאָר פאַרנומען, שטענדיק פאַרנומען, און ער וויל נאָר רעדן צו קלמנען, לערנען אים, אַז מסתמא איז אַזוי באַשערט, און אַז עס איז באַשערט איז שוין אוים בזיון... לייזער־בערן איז באַ־שערט, האָט ער, און דאָ איז ניט באַשערט — איז ניטאָ! פאַר־שטייסט, מיין זון?

יחיאל־מנשה ווייסט עס ביי זיך אַזוי קלאָר, ווי אויף אויסנ־ווייניק, נאָר אַז עס קומט צו זאָגן, געדיינקט ער די רייד, נאָר ער פאַרגעסט די ווערטער, און עס ווערט דעמאָלט אַ צער אויף אים צו קוקן, און חנה זעט, אַז עפּעס איז ניט גלאַט מיט אים, נאָר צרות קענען דאָך בייקומען אַ מענטשן, צרות קענען ברעכן אייזן, און זי רוקט אים נענטער אונטער דעם לאָבן ברויט און דערמאָנט אים געטריי:

—עס, יחיאל־מנשה, עס, דו ביזט דאָך הונגעריק!

ביי יחיאל־מנשהן וואָלט מען איצט גרינג געקענט פּועלן, אַז ער האָט זיך ניט געדאַרפט געוועזן שלאָגן מיט לייזער־בערן, נאָר אין שטאָט האָט מען גערעדט, אַז מען דאַרף זיי ביידן אַריינזעצן אין אָסטראָג אַריין, אי יחיאל־מנשהן, אי דעם זון זיינעם, און גערעדט האָט מען עס צו ר׳ חאַצען, און ר׳ חאַצע האָט אַלעמען אויסגעהערט, ווער עס האָט נאָר גערעדט, האָט זיך מיט קיינעם ניט געאַמפּערט, און האָט רויִק געפּרעגט צום סוף, ווי ער וואָלט באמת ניט גע־וואוסט, ניט פאַרשטאַנען:

—אין אָסטראָג? פאַרוואָס אין אָסטראָג?

ר׳ חאַצע אַליין האָט זיך קיינמאָל איז זיין לעבן ניט געשלאָגן מיט קיינעם, ער ווייסט אפילו ניט דעם טעם כּון כוח, פון גבורה, נאָר ער האָט גאָרניט געהאַט צו יחיאל־מנשהן, אדרבה, און אַז יחיאל־מנשה איז איינמאָל צוגעגאַנגען צו אים, אַ שולדיקער און פול מיט חרטה, האָט אים ר׳ חאַצע גאָרניט געלאָזט זאָגן, קיין איין וואָרט ניט — ניטאָ זיך וואָס צו פאַרענטפערן, ניטאָ!

יחיאל־מנשה האָט אים שיעור ניט געכאַפּט קושן די הענט, און ר׳ חאַצע, אַז ער איז דערנאָך געקומען אַהיים, האָט ער וועגן דעם גערעדט מיט מלכהן, האָט איר אַלץ דערציילט, און מלכה האָט גע־קוקט און געהערט מיט פולע, אַנגעלאָפענע אויגן, און ר׳ חאַצע האָט זיך שטאַרק געוואונדערט:

—דו וויינסט גאָר? פאַרוואָס וויינסטו?

מלכה האָט געזען די גאַנצע צייט, פון זינט דעם בזיון, פון זינט דעם געשלעג, אַז דער טאַטע איז ברוגז אויף איר, אַז ער האָט זי פיינט, און זי איז זיך ביי זיך האָט דאָך געוואוסט, אַז זי איז טאַקע שולדיק אין אַלץ, און דאָ האָט ער פּלוצלונג גענומען רעדן מיט איר אַזוי, ווי ער האָט נאָך קיינמאָל ניט גערעדט, אפילו פאַרן גע־שלעג, און זי האָט זיך אויף גיך אַ כאַפּ געטאָן, און האָט זיך אויף גיך אַ וויש געטאָן די אויגן, מיט ביידע הענט אויפאַמאָל:

—איך וויין ניט, ניין!

מלכה איז מיטאַמאָל געוואָרן אַז אויפגעלעבטע, ווי אַ יונג ביימל נאָך אַ רעגן, און ר׳ חאַצע האָט זי געוואָלט צוציען צו זיך

און איר זאגן, אז ווען די מאמע וואלט איצט געלעבט אנשטאט אים, וואלט דאך פאר איר בעסער געווען. זי וואלט דעמאלט ניט געווען אזא יתומה, ווי זי איז איצט, עס וואלט א סך בעסער געווען, פאר אלעמען...

ר' חאצע איז געשטאנען א באשטראלטער פון זיין איינענעם צער, ווי נאדלען וואלטן ארויסגעשטאכן פון זיין גאנצן גוף, און מלכהן איז אזוי גוט געווען, אז זי האט זיך געכאפט לויפן צו חנהן. נאר אין מיטן הויף האט זי זיך פלוצלונג אפגעשטעלט, איז געשטאנען א ווײַלע און איז צוריק אריין אין שטוב, ווי מיט אן אנגעבונדענעם שטיין אויפן האלדז.

און קלמן האט נאך אלץ געדינט ביי ר' אברהם צעלניקן, און ר' אברהם האט זיך שטארק געכעסט אויפן עולם, און האט רק געטענהט זיינס:

—איך האב צו אים גארניט! מיר דינט ער טריי!

אן צו קלמנען אליין האט ער שארף געזאגט, טײַטלענדיק שארף צ אים מיט א פינגער:

—הער אויף, דו הערסט? שווייג! ווער בעט דיך רעדן?

נאר קלמן האט געהאלטן אין איין דער־צייל, און איבערדערציילן, פאר אלעמען, אז דער טאטע האט לייזער־בערן אפגעשלאגן די לונגען, האט אים געמאכט פאר א קאליקע!

קלמן האט איצט זייער ליב געהאט דעם טאטן, אך ווי ער האט אים ליב געהאט! נאך מער איידער מלכהן, און יחיאל־מנשה איז פול געווען מיט רחמנות און גוטסקייט צו אים. קלמן קומט שפעט אהיים פון קראם, און זיי שטייען דערנאך ביי־ע ביים טויער, יחיאל־מנשה און קלמן. די נאכט איז א פינצטערע, און דער הימל איז געדיכט און נידעריק, אז עס שוועבט איבערן קאפ, איבער די דעכער, ווי א וואלקן, נאר עס שמעקט ניט מיט רעגן, עס איז טרוקן אין דער לופט, עס שמעקט שוין מיט די ערשטע פרעסט.

קלמן קוקט אהין, אריבער דער צווייטער גאס, און ביי ר' חאצען ברענט נאך דער לאמפ, און קלמן קערט זיך באלד אפ פון דארט, און יחיאל־מנשה קוקט אויך אהין און קערט באלד אויך אפ דעם קאפ. זיי ווערן זיך נאך נענטער איינער צום אנדערן, יחיאל־מנשה און קלמן, און ארום איז שטיל. עס בילט ניט קיין הונט, עס

הירזשעס ניט קיין פערד. וואו ניט וואו ברענט נאך פייער אין א גויאישער שטוב, ביי ר' חאצען אין שטוב. און דאס פינקלט צע־ווארפן אינדערנאכט, ווי די קארגע שטערן אויפן נידעריקן הימל.

יחיאל־מנשה רירט אים אן פאר א האנט, ער מוז אנטאפן, צי קלמן איז טאקע דא, און דערנאך לערנט ער אים, ניט מיט ווערטער, נאר מיט דער נשמה מיט זיינער, אז א גרעזל אין פעלד איז א גרעזל אין פעלד, און א ווארעם אין דער ערד איז א ווארעם אין דער ערד, און א מענטש דארף ניט פליען אין די הימלען אריין. טאר ניט, דער אויבערשטער היט און לאזט ניט! פארשטייסט, מיין זון?

יחיאל־מנשה איז ווי א שטומע באשעפעניש, און קלמן, אז ער איז מיטן טאטן קען ער אויך ניט זאגן דאס, וואס ער וויל, און ווילן וויל ער, אז דער טאטע זאל מיט אים מיטגיין צו מלכהן, אליין האט ער מורא.

נאר ער שווייגט, און יחיאל־מנשה איז ווי א שטומער באשעפע־ניש: — פארשטייסט, מיין זון?

יחיאל־מנשה קוקט איצט אנדערש אויף זיין פערד, אויפן אלטן פעסל, אדער אט איז די בהמה אשטייגער, וואס גייט פון פעלד מיט פולע אייטערס, און אפילו אויף א שפענדל, וואס וואלגערט זיך איפן הויף. אפריער, דאס גאנצע לעבן זיינס, האט ער געמיינט, אז לעבן לעבט נאר א מענטש, נאר איצט זעט ער אז ניט, איצט ווייסט ער עפעס אנדערש.

יחיאל־מנשה גייט שווייגנדיק אריין אין שטוב, לייגט זיך שלאפן, און קלמן גיט זיך א ריס, קוקט ווי אן אויסגעשאסענער אהין, צו ר' חאצעס שטוב, און אז דארט לעשט זיך שוין אויך אוים דער לאמפ, עס ווערט פינצטער, באנאכט, גייט ער אריין אין שטוב און הויבט זיך שטיל אן אויסטאן.

יחיאל־מנשה שלאפט נאך ניט, און ער ווייסט זייער גוט ווער דאס איז, נאר פונדעסטוועגן פרעגט ער:

—קלמן, דו?

—יא, איך...

און ער לייגט זיך אויף גיך אריין אין בעט, מאכט אויף גיך צו די אויגן, מאכט זיך ווי ער שלאפט, און ער שלאפט טאקע איין.

יחיאל־מנשה שטייט־אויף א שטיק פארטאג, און שפעטער, ווען ער פארט שוין צוריק פון טייך מיט א פול פעסל, און אלץ ארום איז אזוי פול און פריש, פונקט ווי דאס פעסל מיט וואסער, יאגט ער אמאל אן ר׳ חאצען, ווי ר׳ חאצע גייט שוין אין מארק אריין. ביי יחיאל־מנשהן איז עס פאררעכנט פאר א גליק, פאר א געווינס, און ער זאגט ניט, נאר שרייט אזש:

—גוט מארגן, ר׳ חאצע!

ר׳ חאצע טרעט־אפ פון וועג, קוקט זיך ארום און ענטפערט אים, ווי מען רעדט צו אן אייגענעם מענטשן:

— גוט מארגן...

ר׳ חאצע גייט ניט ווייטער, ער האט זיך באגעגנט מיט א מענטשען, און יחיאל־מנשהן ווייזט זיך אויס אויף דער רגע, אז ער אליין, יחיאל־מנשה, איז פונקט ווי ר׳ חאצע, איז אלצאיינס ווי ער, אז זיי האבן ביידע גלייך דיזעלבע זארג, און ער וויל זיך אראפכאפן פון פעסל, דא אויפן ארט, און צולויפן צו ר׳ חאצען און האלטן זיך מיט אים אן עצה.

# XLVI.

עס איז ערשט געווען אנהויב ווינטער, פרעמד און ווי אויף א פור זיינען אנגעקומען די ערשטע פרעסט, פארשטויבטע און בלייכע, האבן זיך קוים געראטעוועט פון רעגן, און די חתונה האט מען אפגעלייגט ערשט אויף נאך פורים, באלד נאכן גרויסן יאריד. לייוויקן איז עס ווייט ניט געפעלן געווארן, און ער האט גערעדט צו ר׳ חאצען, אז א חודש איז גענוג, מען דארף ניט ווארטן דעם גאנצן, לאנגן ווינטער, און זאל אין א חודש ארום זיין די חתונה!

לייוויק האט גערעדט ווי ביי זיך אינדערהיים, הויך אויפן קול, און ר׳ חאצע האט אים געשוויגן אן איינגעבויגענער, מיט זיין יאר, ווי א שטיין, אויף דער נשמה, און לייוויק האט מיטאמאל דערזען, ווי מלכה שטייט לעבן זיי, איז צוגעגאנגען און האט זיך אוועקגעשטעלט, און עס איז עפעס געווען אין איר דיזעלבע עקשנות,

וואס ביי ר' חאצען, אז לייוויק האט א טראכט געטאן פאר זיך:
—דאס עפּעלע פאלט ניט ווייט פון בוים!

לייוויק האט אלץ, דוכט זיך, אויסגעפירט, די גאנצע צייט, נאר ר' חאצע איז פארט געווען איינגעשפּארט, האט עקשנותדיק געשוויגן די גאנצע צייט, און ביי מלכהן האבן איצט געציטערט די בלייכע ליפּן, די אויסגעשטעלטע ציין אין א ביס, און דער שטערן אירער איז געווען נאקעט און קלוג, ווי ביי א מאנדזביל, און אט, באלד, און זי וועט זאגן, אז זי וויל ניט, אז זי וויל איינגאנצן ניט!

לייוויק האט עס דערשמעקט ווי א הונט, און געניט, ווי א הונט, האט ער זיך באלד א כאפּ געטאן. נאך איידער זי האט וואס גע־זאגט, אז טאקע, אפשר, וואס איז דא די בהלה, עס ברענט סיידן?

ער האט עס גערעדט צו ר' חאצען, נאר ר' חאצע האט זיך ניט געביטן, האט ווייטער געשוויגן, און לייוויק האט זיך באלד גוט געזעגנט מיט מלכהן, מיט גוטסקייט, און זי האט געוואוסט דער־נאך, אז זי האט דא עפּעס צוליב געטאן, פאר חנהן, פאר קלמנען. זי האט געווארט, אז דער טאטע זאל איר עפּעס זאגן דערפאר, זאל זי לויבן, און א שטילע, א פארטראכטע איז זי באלד אוועק צו חנהן, צום ערשטן מאל איצט, פאר דער גאנצער צייט.

נאר אז זי איז געקומען אהין, איז אריין אין שטוב, איז זי פלוצלונג געבליבן א דערשראקענע, האט זיך געוואלט צוריק ארויס־כאפּן, און די קינדער אין שטוב האבן זיך גלייך א לאז געטאן צו איר מיט א געשריי, מיט א געפילדער. זיי האבן זי ארומגערינגלט פון אלע זייטן, האבן געקלעפּט צו איר, און זי איז געשטאנען ווי אויף א דיי־נעם, שפּיציקן בארג, האט זיך מורא געהאט צוצורירן צו די קינ־דער, האט אלץ געקוקט און געווארט אויף חנהן, אז חנה זאל איר הייסן, זאל איר זאגן, אז זי מעג, און חנה האט אפּגעקערט דעם קאפּ, און האט איר גארניט געזאגט, ניט גוטס, ניט שלעכטס, גארניט!

מלכה האט זיך גענומען רוקן אויף צוריק, א צעטולמטע, און ווי א בלינדע, און ווען זי איז שוין געווען ביי דער טיר האט זיך חנה פלוצלונג א קער געטאן צו איר:
—לויפסט שוין אוועק?

מלכה האט זיך פריידיק א צאפּל געטאן, נאר באלד האט פון

איר ארויסגעפּלאַצט אַ געוויין, ווי שווערע טראָפּנס אויף אַ טאַץ, און זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, האָט זיך פאַרשטעלט דעם פּנים מיטביידע הענט, און איז ארויסגעלאָפן פון שטוב, איז אַנטלאָפן. חנה האָט איר נאָכגעקוקט, איז ניט געווען אויף איר אין כעס, און די קינדער האָבן געשוויגן אַ ווײַלע און האָבן באַלד פאַרגעסן אויף איר.

און לייזער־בער האָט זיך געגרייט צו דער חתונה. דער אַפּטייקער האָט נאָך געקענט וואוינען ביי אים אין מויער דעם גאַנצן לאַנגן ווינטער, נאָר לייזער־בער האָט געפירט מיטן קאָפּ—אַז ניין, ניט, און דער אַפּטייקער האָט זיך אויפן שטעל ארויסגעקליבן, מיט כעס.

ביי לייזער־בערן האָבן געלאַכט די אויגן, ווי דער אַפּטייקער כעסט זיך עס, און אַ לאַכנדיקער, ווי אַ צעבליטער בוים, האָט ער זיך ארויפגעזעצט אויף אַ איזוואָשטשיק, איז אַוועקגעפאָרן צו מלכהן, אין מיטן העלן טאָג, און האָט זי מיטגענומען מיט זיך. מלכה האָט ניט געפרעגט וואוהין ער פירט זי, נאָך וואָס ער פירט זי, און זיי זיינען צוגעפאָרן צום מויער, פאַר דעם פאַראַדנעם אריינגאַנג, און פּאַמעלאַך, ווי פאַר אַ האַנט, האָט ער זי דערנאָך געפירט איבער די חדרים, האָט געציילט די זאַלן, און אין איין זאַל, אין דעם גרויסן, מיט פענצטער ווי טירן און ווי אין אַ קלויסטער, האָט ער זיך פלוצלונג אָפּגעשטעלט, האָט זי ארומגענומען און האָט זי אַזאַ געשמאַקען קוש געטאָן, אַז עס האָט אָפּגעהילכט איבער דעם גאַנצן ליידיקן מויער ווי אַ גלאָק.

מלכה האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן, האָט געריסן פון אים די האַנט אירע, נאָר ער האָט ניט אָפּגעלאָזט, און זיין פּנים איז געווען רויט און שלעכט, אַז ער האָט איר אַזש געוואָלט וויי טאָן, מיט זיין גאַנצן אויפגעשוימטן גוף, נאָר אַז ער האָט שפּעטער אָנגעהויבן רעדן צו איר, איז עס ארויסגעקומען געפאַלן און מיט געבעט, אַז אַ חתן מעג דאָך קושן די כלה זיינע, אַ חתן מעג...

ער איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, און זי האָט שוין מער ניט מורא געהאַט פאַר אים, עס איז איר גאָר געווען אויף אים אַ רחמנות, נאָר עס האָט איר געשווינדלט אין קאָפּ, געשווינדלט פאַר די אויגן, און זי האָט געוואָלט אַהיים.

ליי‍זער־בער האָט זי אַריינגעזעצט אין פּאַיעטאָן, האָט ניט גע־וואוסט, צי זאָל ער אויך מיט איר פֿאָרן, און דער איזוואָשטשיק האָט שוין אַ צי געטאָן די לייצעס, אַ שמיץ געטאָן די פערד, און לייזער־בער איז געבליבן מיט לײדיקן. נאָר ער איז ניט אַפּגעטראָטן פֿון אָרט, האָט איר נאָכגעקוקט, און זי איז געזעסן אין פּאַיעטאָן. אַז לייזער־בערן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס איז גאָר ניט זי, ניט מלכה, נאָר דעם גראָפֿס אינגערע טאָכטער, וואָס איז אַ קליינע, אַ דאַרע, און וואָס אַלע נעמען אַראָפּ פֿאַר איר דאָס היטל.

און מלכה, אַז זי איז געקומען אַהיים, האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אויפֿן בעט, אַן אויסגעמאַטערטע אַזאַ אינגאַנצן, אַז זי האָט ניט גערירט מיט אַ האַנט, מיט אַ פֿוס, איז געלעגן ווי אַ פֿאַר־גליווערטע. זי האָט געמיינט, אַז זי שלאָפֿט, נאָר זי איז ניט גע־שלאָפֿן, האָט ניט גערוט, און שפּעטער, אַז זי איז געזעסן ביים טיש מיטן טאַטן און האָט געגעסן מיט אים, האָט זי אים פּלוצלונג אָנגע־הויבן צו דערציילן, אַז דער מויער איז זייער אַ שיינער, אַ גרויסער, און ר׳ חאַצע האָט איר איבערגעשלאָגן אין מיטן:

—עס געפֿעלט דיר?

מלכה האָט געזען, אַז דער טאַטע איז ניט צופֿרידן, און זי האָט שווער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט געווען ביי איר אַ פֿולער, אַן אָנגעגאָסענער, און מער האָט זי שוין אים גאָרניט געזאָגט, גאָרניט דערציילט.

# XLVII.

מלכה האָט געוואָלט, אַז מען זאָל זיך פֿרייען מיט איר גליק, אַלע, דער טאַטע און חנה און קלמן, נאָר קיינער פֿון זיי האָט זיך ניט געפֿרייט, אַחוץ איין לייזער־בער, און זי האָט דערפֿאַר ליב גע־האַט, נאָר אים אַליין.

און לייזער־בער האָט גראָדע היינט געבראַכט אַ מתנה, גראָדע היינט, ווען נעכטן האָט געשנייט דעם גאַנצן טאָג, געשנייט אַז אַז

אויפהער, און איר איז אזוי אומעטיק געווען אויפן הארצן, אז זי האט אפשר צען מאל א וויין געטאן דורכן טאג.

לייזער־בערס שווערער פוטער, ווי ביי א רייכן פריץ, איז דורכגעזאפט מיט פראסט, און ביי מלכהן רויטלען זיך די באקן, ווען זי האלט דעם פוטער אין די הענט, ווען זי קוקט אויף לייזער־בערן, און זי שעמט זיך ניט. זי פירט אים ארויס פון שטוב, ווען ער דארף שוין אוועקגיין, פירט אים ביז צום טויער, און דארט שטעלט זי זיך אפ מיט אים, און ער זאגט איר שטיל, ווי אויפן אויער, אז ער ציילט שוין די טעג, ציילט שוין די מינוטן. זי הערט אים אויס, וויל, אז ער זאל נאך רעדן, עס איז איר ווייניק, און אז ער שווייגט, זאגט זי אים אומעטיק און גוט, דערציילט אים דעם אמת:

—איך אויך, איך צייל שוין אויך די טעג...

אין דרויסן איז שטיל און ווייס, עס איז א פראסטיקע לבנה־נאכט, און די שנייאיקע דעכער זיינען פונקט אזוי ווייס, ווי די לבנה. דער ווייכער שניי, וואס איז געפאלן, ווי געריסענע פעדערן, איז שטארק פארפרארן געווארן, איז געווארן ווי אייז, און אויף דעם אייזיקן דאך אנטקעגן שליינגלט זיך איצט א ריינער רויך אזא, א בלויער אזש, וואס ציט זיך פון קוימען, שליינגלט זיך און פויזעט אויף אלע פיר.

מלכה וויל זיך פאנאנדערלאכן, און לייזער־בער גייט שוין אוועק, און אז ער גייט איז ער אזא גרויסער, א רייכער, אז ער פאר־נעמט, דוכט זיך, די גאנצע גאס, און מלכה קוקט אים נאך און קוועלט פון אים אן. און אז זי גייט דערנאך אריין אין שטוב, אליין, קוקט זי שרייאיק אויפן טאטן, וויל, אז ער זאל איר עפעס זאגן, אויסרעדן, פרעגן, נאר ר' חאצע זיצט זיך אן איינגעבויגענער איז זיין תהילים, וואס ער האלט פאר די אויגן, און שווייגט. מלכה ווייסט ניט, וואס מען האט צו איר, און זי טוט זיך אויס, לייגט זיך אריין אין בעט, און ר' חאצע זיצט נאך א ווילע און פארלעשט דעם לאמפ. נאר מלכה שלאפט נאך ניט, און ערשט איצט, ווען דער טאטע האט פארלאשן דעם לאמפ, ערשט איצט עפנט זי די אויגן, און א וואכיקע טראכט זי, טראכט, און לאזט צום סוף אוים מיט א כעס־־ צו קלמנען.

און ביי יחיאל-מנשהן דעם וואסערפירער שלאָפט מען שוין אויך, אַלע שלאָפן. קלמן איז דעם גאַנצן אָוונט געשטאַנען ביים טויער, האָט געקוקט איבערן וועג, גלייך ווי אַ דראָט, און אַז ר' חאַצע האָט דאָרט פאַרלאָשן דעם לאָמפּ, עס איז געוואָרן פינצטער, איז קלמן פּאַמעלאַך אַריין אין שטוב און האָט זיך שטיל גענומען אויסטאָן. נאָר חנה האָט אים דערהערט, און זי האָט געוואָוסט, אַז יחיאל-מנשה שלאָפט נאָך אויך ניט. ווי ער וואָלט אינאיינעם מיט איר געוואַרט ביז קלמן וועט אַריינקומען אין שטוב, און זי ווערקט איצט ניט יחיאל-מנשהן, נאָר רופט זיך שטיל צו אים אָפּ:

—דאָס קינד גייט אויס ווי אַ ליכט...

און ווי זי זאָגט עס נאָר אַרויס, אַזוי ווערט זי שוין צערייצט, אַז זי איז קאַפּאַבל אויף אַלץ, נאָר יחיאל-מנשה שווייגט איר איצט, ביינאַכט, און זי האָט זיך מער ניט צו וואָס צו טשעפּען, און זיי ווערן דערנאָך אַלע אַנטשלאָפן. אַלע.

אָט אַזוי האָבן זיך נעצויגן די טעג, די נעכט, און דער ווינטער איז געווען אַ שטאַרקער, מיט קנאַקעדיקע פרעסט, אַז אפילו באַטאָג, ווען עס האָט געשיינט די זון, איז די זון אויך געווען אַ קאַלטע. די זון האָט נאָר געשיינט, ווי זי וואָלט געווען פון זילבער, פון אַ נייעם בלעך, און מענטשן זיינען אומגעגאַנגען אַנטקעגן דער זון מיט אַריינגעפּלאַכטענע אייז-ליכטלאַך אין די וואָנסעס, אין באָרד אַריין.

נאָר באַנאַכט, אַן דער זון, איז נאָך שטאַרקער געווען דער פראָסט, און אַז אין דרויסן איז אַזוי קאַלט, איז גוט צו ליגן אונטער דעם וואַרעמען צודעק, אין אַ וואַרעמער בעט, און קלמן האָט שטאַרק הנאה געהאַט, און מיט אַ לייבלאַכער הנאה האָבן זיך געוואַרעמט ביי אים אין מוח די אַלע אַמאָליקע מעשות, וואָס די מאַמע זיינע פלעגט דערציילן פון דער לעצטער, גרויסער שרפה, ווען ער, קלמן, איז נאָך געווען אַ קינד. אַ פייער ווישט אַלץ אָפּ, נאָר אַ שרפה בלייבט גאָרניט איבער, אַזוי פלעגט שטענדיק זאָגן די מאַמע ביים אויסלאָזן אירע מעשות, און דאָס וואָלט טאַקע געווען די בעסטע זאַך, פאַר אַלעמענס טובה ווענן, און ער גיט זיך איצט, קלמן, מיט־אַמאָל אַ כאַפּ אַרויס פון בעט, שלעפּט אויף זיך אַרויף די שטיוול, די הויזן, און שאַרט זיך שטיל, ווי אַ גנב, אַרויס פון שטוב. דער פראָסט אין דרויסן כאַפּט אים גלייך אַרום פון אַלע זייטן, ווי מיט אַ

בייטש, און ער טאפּט־אָן די שוועבעלאָד, וואָס ער האָט ביי זיך, שוין פון לאַנג, לאָזט זיך לויפן פון הויף אַרויס, נאָר ר׳ חאַצעס שטוב איז עפּעס איצט אַזוי ווייט, און ער שטעלט זיך אָפּ ביי דער שוואַרצער, פאַרלאָזטער קראָם, וואָס זומער־צייט קלייבן זיך אַהער די שיקסעס מיט די שקאָצים און זינגען דאָ ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

ביי קלמנען ציטערן די הענט, און מיט ציטערנדיקע פינגער צינדט ער אָן אַ שוועבעלע, און דאָס שוועבעלע ברענט בלוי און שטיל, אַז עס איז אַ מחיה צו קוקן, און ער קלעטערט דערנאָך אַרויף ביז צום דאַך פון קראָם, וואָס איז שוואַך, עס שאָקלט זיך, און דאָרט צינדט ער אָן נאָך אַ שוועבעלע און נאָך אַ שוועבעלע, און פון דעם שטרויענעם דאַך, וואָס איז טרוקן ווי פעפער, גיט אַ זעץ אַרויס אַ געדיכטער רויך, אַ שוואַרצער, אַ בייסיקער, און פון דעם רויך שניידט זיך אַרויס אַ שטיק פייער, וואָס גיט אַ לעק אַרום זיך, ווי אַ צונג, און כאַפּט זיך צוריק אַריין אינם רויך.

קלמן קוועלט, ער צעלאַכט זיך אויפן קול, נאָר באַלד פאַרכאַפּט ער זיך, קוקט זיך אַרום, ערשט עס איז קיינער ניטאָ, ער איז איינער אַליין, און די קלייט ברענט שוין פון אַלע זייטן, און אויף קלמנען פאַלט מיטאַמאָל אָן אַ פּחד, אַ שרעק, און ווי אַ געטריבענער לויפט ער שוין איבער דער גאַס, אַנטלויפט פון דעם פייער און שרייט מיט באַנומענע קולות:

—פאַזשאַר! עס ברענט!!

ביז ער איז דערלאָפן צו ר׳ האַצעס שטוב, צו דער פאַרשפּאַר־טער טיר, פאַרהאַקטע פענצטער, און האָט אָנגעהויבן צו זעצן מיט אַלע זיינע כוחות:

—עס ברענט! ראַטעוועט!!

זיינע געשרייען האָבן אויפגעוועקט ניט נאָר ר׳ חאַצען מיט מלכהן, נאָר אַלע אַרומיקע שכנים, און ר׳ חאַצע מיט מלכהן האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט פון שטוב, דערשראָקענע אויף טויט, זיינען אַפּגעלאָפן ביז אין מיטן הויף, און פאַרביי און פון אַלע זייטן זיינען שוין געלאָפן גויים און גויקעס און קינדער. זיי זיינען גע־לאָפן מיט אַ געשריי, מיט געוואַלדן, און קיינער פון זיי האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט, האָט זיך ניט אומגעקוקט,

און דער הימל אנטקעגן איז געווען רויט און פארשמירט, ווי פון אלטן קופער מיט פלעקן פון זשאווער, און מען האט געשריען, מענטשן האבן געשריען, און פערד האבן געשריען, און בהמות האבן געשריען, און הינט האבן געשריען, און מלכה האט זי־ געטוליעט צום טאטן, און ר׳ חאצע האט זי איינגעשטילט, איינגערעדט, נאר פלוצ־לונג האט ער אויף איר א געשריי געטאן, ווי אויף אים אליין וואלט שוין אויך אנגעפאלן א מורא:

— שרעק זיך ניט! וואס ציטערסטו אזוי?!

און אין מיטן פון דעם אלעמען האר׳ זיך באלד דערהערט די האמערדיקע טריט פון יחיאל־מנשהס שווערע שטיוול, וואס האבן געשווארצט איבערן שניי, ווי שטיקער פרישע ערד, יחיאל־מנשה איז ניט געלאפן צום פייער, ער האט אפריער געוואלט געפינען דעם זון זיינעם, און ער האט געוואוסט אוואו אים צו זוכן, און אז ער איז צוגעקומען צו זיי, יחיאל־מנשה, האט ער זיי ביידן אנגעקוקט, ר׳ חאצען און מלכהן:

— און וואו איז קלמן?

— קלמן?!

ר׳ חאצע האט אראפגענומען די הענט זיינע פון מלכהן, האט זיך איינגאנצן צוגענומען פון איר, און זי איז געבליבן איינינקע אליין, און יחיאל־מנשה האט געווארט א רגע און האט צעטומלט א רעווע געטאן:

— קלמן!

יחיאל־מנשה האט געפירט מיט די אויגן איבערן ווייסן שניי, האט שווער און פאמעלאך געטראטן, א שפאן אהער, א שפאן אהין, און ר׳ חאצע האט אויך געזוכט, און מלכה האט אויך געזוכט, און גע־זוכט האבן זיי קלמנען, אט ווי ער וואלט גארניט געווען קיין מענטש, נאר עפעס א קליינע זאך אזא, וואס קען זיך ליגן פאר די אויגן און מען זאל עס ניט זען, ביז עס האט זיך אז א זייט פון זיי פלוצלונג אויפגעהויבן א גוי, ווי אויך דער גוי וואלט געזוכט, און האט א גע־שריי געטאן:

— אט, א לעבעדיקער מענטש!

זיי זיינען צוגעלאפן אהין, און יחיאל־מנשה מיטן גוי האבן אפריער אפגעשלעפט א שטיק דאך, דערנאך א שווארצע, א וואַ־

רעמע באַלקע, וואָס האָט זיך נאָך געררויכערט, און מלכה האָט דער־זען פאַר זיך קלמנען, ווי ער איז געלעגן אויף אַלע פיר... זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן אויף צוריק, און דער גוי האָט זיך פאַררוכט דאָס היטל. נאָר יחיאל־מנשה האָט זיך שוין אַליין אַנגעבויגן צו אים, האָט אים אַ נעם געטאָן אויף די הענט, און קלמן האָט טויטערהייט אַרויסגע־לאָזט פון זיך אַ לאַנגן אָטעם — אוי!

יחיאל־מנשה האָט זיי אַלעמען איבערגעלאָזט, ער האָט נאָר אים געטראָגן אויף די הענט, זיין קלמנען. נאָר מלכה איז שוין געלאָפן אַפריער, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז יחיאל־מנשה אַליין ווייסט ניט דעם וועג, און ר׳ חאַצע איז אַ רגע געבליבן אַליין, נאָר באַלד האָט ער זיך אויך אַ כאַפּ געטאָן, נאָך מלכהן, נאָך יחיאל־מנשהן, אַז עס האָבן זיך ביי אים פאַנאַנדערגענומען די פּאָלעס פון מאַנטל, די הענט פון זיין קערפּער.

און יחיאל־מנשה האָט אים געבראַכט אהיים, האָט אים אַוועק־געלייגט אויפן אויוון, און ערשט דערנאָך איז ער אַ פאַרנומענער אַרוים פון שטוב—אוואו ברענט? ער האָט געשמעקט מיטן נאָז, ווי אַ הונט, האָט געצוקט מיט די אַקסלען, און דערנאָך האָט ער אויף גיך איינגעשפּאַנט דאָס פעסל און האָט זיך אַוועקגעלאָזט צום טייך, איז געלאָפן ראַטעווען.

געברענט האָט נאָר אויף דער נידעריקער גאַס, וואָס איז אַ געדרייטע און געקאַרבטע, ווי דער רוקן פון טייך, און מען האָט גרינג געקענט לעשן דעם פייער, מיט עמערס וואַסער פון טייך אַרוים, און די נאַכט איז געווען אַ שטילע, אָן אַ ווינט, עס האָט נאָר געגליט דער פראַסט. פון שטאָט איז מען אויך געקומען ראַטעווען, און די שטאָ־טישע פערד האָבן געהאַט אויף זיך גלעקלאַך, און מען האָט די פערד אָפּגעפירט אָן אַ זייט, ווייט פון דער גאַס, און זיי האָבן דאָרט גע־דרייט מיט די קעפּ, די פערד, און עס האָבן געקלונגען די גלעקלאַך, געקלונגען... קיינער אויף דער גאַס האָט שוין מער ניט געשריען, נאָר שטום און פאַרביסן האָט מען געלאָשן דעם פייער, און ערשט צו פאַרטאָג־צו האָט מען זיך מיטאַמאָל אַרומגעזען, אַז אויס, ניטאָ מער! דער עולם האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט, האָט פאַרריסן דעם קאָפּ, און די אָפּגעברענטע הייזער זיינען געשטאַנען מיט איינגע־

פאלענע דעכער, מיט אויסגעברענטע פענצטער און טירן, ווי פינצטערע לעכער, און צו די ווארעמע, פאררויכערטע ווענט האבן זיך געטוליעט גרויסע שטיקער אייז. וואו־ניט־וואו האט זיך נאך גערויכערט א באלקן, צי עפעס אנדערש, שווארץ און אן פייער, און ערגעץ אין א ווינקל האט געוויינט אן אלטע גויע, טרוקן, און מיט די לעצטע כוחות, און ערגעץ אין א ווייטן הויף האט געשריען א קעלבל, א צעשראקענע, א פארבלאנדזשעטע חיה:

—גאטס שטראף!

דער עולם ארום האט זיך שוין ביסלאכווייז אנגעהויבן פאנאנדערגיין, שטיל און באזונדער, ווי זיי וואלטן מורא געהאט ארויסצורעדן א ווארט, און איבערלאזנדיק נאך זיך די ליידיקע גאס, די אפּגעברענטע הייזער, וואס האבן געשראקן ווי לעבעדיקע חורבות, און נאך ווייטער, אינאיינעם מיטן ריח פון טייך, פון וואסער, האבן געקלונגען גלעקלאך, געקלונגען...

יחיאל־מנשה איז געקומען אהיים, און ער האט זיך גארניט געחידושט, וואס ער האט געטראפן ביי זיך אין שטוב ר׳ חאצען און מלכהן און אפילו לייזער־בערן. זיי זיינען געזעסן אינאיינעם מיט חנהן, האבן גארניט געטאן, און יחיאל־מנשה האט זיך אויך אנידערגעזעצט מיט זיי און האט אויך געשוויגן.

צו די פענצטער האט זיך געקלעפט דער בלייענער פרימארגן, און ר׳ חאצע האט זיך אויפגעהויבן און האט א זאג געטאן צו יחיאל־מנשהן:

—קומט!

ער האט ניט געוואוסט צוליב וואס ער רופט אים, צוליב וואס ער דארף אים, נאר זיי זיינען ביידע אוועק נאכן דאקטאר, און דער דאקטאר, אז ער האט נאר א קוק געטאן אויף קלמנען, האט ער אים גלייך געהייסן אוועקפירן אין שטאטישן שפיטאל אריין.

—מסוכן?

—יא!

דער דאקטאר האט געקוקט אויף אזוי פיל מענטשן, האט ניט געוואוסט ווער איז ווער, און יחיאל־מנשה איז צוגעגאנגען

צו קלמנען, און דער דאָקטאָר האָט באַלד דערזען אויף אים, אַז דאָס איז ער דער טאַטע, ער, און יחיאל־מנשה האָט אים דערנאָך אַליין אָראָפּגענומען פון אויוון, קלמנען, וואָס איז אַזוי מסוכן, האָט אים אַליין אַרויסגעטראָגן פון שטוב, אויף די הענט, און אין שטוב האָבן געוויינט די צעשראָקענע קינדער, וואָס קיינער האָט זיך אויף זיי ניט אומגעקוקט, ניט איינגעשטילט — — —

# XLVIII.

חנה האָט ניט געשריען, האָט זיך ניט געריסן די האָר פון קאָפּ, נאָר שטיל האָט זי געטענהט צו מלכהן, אַז זי וועט עס ניט אויס־האַלטן, וועט ניט אַריבערטראָגן, און וואָס וועלן זיי דערנאָך טאָן אָן איר, אַליין, די יתומים אירע?

זי האָט צו קיינעם ניט געהאַט קיין טענות, זי האָט נאָר געהאַט צרות, וואָס האָבן ניט געקענט שווייגן, און פון אירע אויגן האָבן זיך געריסן טרערן, ווי פון אַן אויסגעוויינטער נשמה. מלכה איז איצט דעם גאַנצן טאָג געווען ביי איר, און חנה האָט ניט אויפגעהערט צו רעדן איינס און דאָסזעלבע, איינס און דאָסזעלבע, און מלכה האָט געוואוסט, אַז זי דאַרף לײַדן און שווייגן, און זי האָט געטאָן דאָס, וואָס זי האָט באַדאַרפט. זי האָט געראַמט די קינדער, געראַמט די שטוב, איז געווען איינע פון די קינדער, נאָר חנה האָט איר אָפט דערמאָנט:

—מיט וואָס וועל איך דיר אָפּדאַנקען?

אין דרויסן איז ערשט האַלבער טאָג, נאָר מלכה וואַרט, אַז מען זאָל שוין קומען פון מאַרק, חנה הערט דעמאָלט אויף, און ר׳ האָצע קען מאַקע איצט ניט אויסזיין אויפן מאַרק דעם גאַנצן טאָג, און ווי עס ווערט נאָר שיטערער דער מאַרק, אַזוי גייט ער אַוועק אַהיים, אין מיטן העלן טאָג, ניט אַהיים, נאָר צו חנהן, און שפּעטער, נאָך אים, קומט שוין אויך צוניין לייזער־בער און אויך צו חנהן. עס ווערט

פול די שטוב, און מלכה פאררוקט זיך אין א ווינקל און רוט דעמאלט אפ, איינגאנצן, פון אלץ, ווי זי וואלט געדרעמלט.

צו קלמנען אין שפיטאל אריין איז געגאנגען נאר איין יחיאל־מנשה, און אז ער קומט פון דארט רינגלען זיי אים אלע ארום און זיי ווארטן, ווארטן, און יחיאל־מנשה ווישט זי אפריער אפ דעם שוויים פון שטערן, פון פנים, און דערנאך, ערשט דערנאך האט ער רעכט ניט וואס צו דערציילן, און ער זעט, אז ער דארף זיך פארענט־פערן, אז ער איז שולדיק אנטקעגן אלעמען.

—מען לאזט ניט צו?

—מען לאזט ניט צו!

ביי חנהן רייסט זיך ארויס א קרעכץ, און זי וויל זיך פאנאנדער־וויינען, נאר עס זיינען ביי איר ניטא קיין טרערן, און לייזער־בער גיט מיטאמאל א פאטש אויפן טיש מיט א צעשפרייטער האנט, מיט א פלאטשיקער לאדאניע, ווי דער שמש אין שול, אז ער וועט ניט זשאלעווען, הונדערטערס גאנצע, נאר זאל מען אים ראטעווען, אבי ראטעווען!

ביי יחיאל־מנשהן גיסן זיך אן די אויגן, ער גלויבט אים, יחיאל־מנשה גלויבט לייזער־בערן, און ביי חנהן לאזן זיך אראפ די הענט, וואס ציען זי צו דער ערד, און זי ווערט שווין ערדיק־געל, נאר איידער זי חלשט קוקט זי אפריער אויף מלכהן, אויף ר׳ חאצען, אויף לייזער־בערן און פרעגט ביי זיי, ווי פארן טויט:

—ער לעבט נאך? זאגט מיר דעם אמת!

נאר דעם אמת ווייסט איין יחיאל־מנשה, און ער טרעט טאקע באלד ארויס פאר איר, ווי א סאלדאט, שטעלט אזש אן די ברוסטן זיינע און ענטפערט איר:

— יא, ער לעבט!

חנה כאפט איבער דעם אטעם, און דערנאך מאכט זי צו די אויגן און חלשט, אז קוים וואס מען מינטערט זי אפ.

מלכה האט דא, ביי חנהן, געקאכט דעם ווארעמעס אירן, און זיי צעזעצן זיך שפעטער אלע ארום טיש, אלע, ווי איין גרויסע משפחה, און מלכה טיילט אויס יעדן איינעם זיין חלק, אויף א באַ־

זונדער טעלער, באַלעבאַטיש, און יחיאל־מנשה פאַרגעסט אויף דער רגע אויף קלמנען, פאַרגעסט אויף זיין אומגליק. ער זיצט לעבן ר' חאַצען, ביי איין טיש, און מלכה דערלאַנגט אים אַ גרויסע שטיק פליייש, וואָס איז גוט איינגעבראָטן, געשמאַק, און יחיאל־מנשה עסט אויף ביידע באַקן, האָט שטאַרק הנאה, און פרייט זיך ווי אַ קינד, פון אַלץ מיטאַנאַנדער.

נאָר שפּעטער, אַז זיי גייען אַוועק, און ער בלייבט אַליין מיט חנהן, ווערט אומעטיק אַזוי אין שטוב, אַז דער גאַנצער אומגליק זייערער צעשפּרייט זיך נאַקעט פאַר די אויגן, און חנה שרייט ניט, קאָמאַנדעוועט ניט. נאָר נעמט אים שטילערהייט אַרויס די נשמה זיינע:

—מיינסט איך וויים ניט? איך האָב געזען, טרייפענע קישקע, שטאָפּט אין זיך, גוי!

יחיאל־מנשה ווייסט ביי זיך, אַז זי איז גערעכט, ער איז טאַקע שולדיק, און ער גייט אַרויס פון שטוב, קומט אַריין אין שטאַל צום פערד, און דאַרט גיט ער אים היינט, דעם אַלטן פערד זיינעם, מער מיט אַ ביסל האָבער, מער מיט אַ ביסל היי, און טאָן טוט ער עס בגנבה, עפּעס ווי אַ גנב.

און קלמן איז געלעגן אין שפּיטאָל אַ וואָך, אַ חודש, ביז איין מאָל, אין אַ מיטן טאָג, האָט מען אים געבראַכט אַהיים. געבראַכט האָבן אים צוויי פרעמדע מענטשן, און זיי האָבן אים אַריינגעפירט אין שטוב, ווי די אונטערפירערס, האָבן אים אַוועקגעשטעלט אין מיטן, האָבן קיינעם גאָרניט געזאָגט, און זיינען גלייך אַוועק. ביי מלכהן האָט זיך אַרויסגעריסן אַ געשריי, נאָר זי האָט באַלד אַריינגעכאַפּט אַלע פינגער אירע אין מויל אַריין, און חנה האָט זיך ניט געקענט רירן פון אָרט, ניט געקענט, און אַז עס האָט געדויערט לאַנג, זייער לאַנג, האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ בייַנקל, ווי אַ שטיק ערד וואָס האַלט אין צעפאַלן, און די ביידע הענט אירע האָבן זיך געבאַמבלט ביי די זייטן, ווי טויטע:

—איך שטאַרב...

און קלמן איז געשטאַנען אין מיטן שטוב, אַזוי ווי מען האָט אים איבערגעלאָזט, איז געשטאַנען אויף צוויי קרומע פיס, האָט

געהאַלטן פאַר זיך צוויי אויסגעבויגענע הענט, און די גרויסע, צע־
פּאַלענע ציינער זיינע האָבן זיך געטונקט אין דעם נאָסן, פולן מויל,
וואָס איז געווען ווי אַ צוגענייטער:

—איך... איך בין געזונט...

מלכה האָט אים דערקענט נאָכן קול נאָר, נאָר אַליין, נאָר זי
האָט ניט געקענט צוגיין צו אים, עס האָט איר אַזש געשטאָכן אין
קאָפּ, אין די שפּיץ פינגער, און חנה האָט געקוקט אויף אים אַ
געחלשטע, אַ שטיק ערד, אַ שטיק ליים.

# XLIX.

קלמן איז שוין געזונט געווען, ער האָט עס אַליין געזאָגט,
און עס האָט אים טאַקע גאָרניט וויי געטאָן אויך, נאָר יחיאל־מנשה
האָט ניט געקענט פאַרשטיין — וואָס הייסט געזונט? ניט געזונט!

יחיאל־מנשה האָט געוואוסט, אַז אויף דער וועלט זיינען
פאַראַן אַ סך קאַליקעס, אַלערליי, קרומע און לאָמע, טויבע און
בלינדע, נאָר אַז פון אַזאַ קלמנען, געזונט און שטאַרק ווי אַ דעמב,
זאָל פּלוצלונג קענען ווערן אַזוינס־אַ — דאָס קאָן דאָך ניט זיין!
און געטריי, מיטן גאַנצן האַרצן, האָט ער געהאַלטן אין איין טרייסטן,
אי זיך, אי קלמנען:

—ליג אין בעט, ליג!

און קלמן ליגט אין בעט, און יעדן טאָג, ווי ביי גאָט אַ טאָג,
ברייננט אים מלכה צוטראָגן אַ יאַיכעלע פון הון, אַזוי ריין ווי קרים־
טאַל, האָדעוועט אים, ווי מען האָדעוועט אַ קינד, און חנה קוקט אויף
דעם און וועקט אין זיך די אייגענע גאַל אירע:

—עס וועט אים טאַקע אַ סך העלפן, אַן אומגליק, אויף אייביק!

מלכהן שטעכט עס ווי מיט מעסערס, נאָר זי ווייסט, אַז זי
דאַרף ליידן און שווייגן, און זי טוט דאָס, וואָס זי באַדאַרף. זי
ענטפערט גאָרניט חנהן, פאַרענטפערט זיך ניט, זי שווייגט, און
אַז חנה הערט שוין אויף, זאָגט זי שטיל: אַ גוטן טאָג, חנה — און

גייט אוועק אהיים. זי וויל זיך אפּרוען אביסל, פון אלץ, ווי זי וואלט שוין לאנג ניט געשלאפן, לאנג ניט גערוט. נאר אינדערהיים ווארט שוין אויף איר לייזער־בער, און ער טענהט צו איר שטענדיק, אלעמאל דאָסזעלבע, אַז זאָלן זיי זיך ביידע ארויסקלייבן פון דאנען, זי און דער טאַטע איִרער, ארויסקלייבן זיך, און מלכה זעט, ווי גוט ער איז צו איר, און זי לאָזט אים רעדן, און צום סוף שאָקלט זי מיטן קאָפּ אויף ניין — ניין!

זי רעדט קוים ארויס א וואָרט, און די אויגן אירע זיינען אַזוי־נע מאָדנע, צעשראָקענע, צעטומלטע און עפּעס פאַרטראַכטע, אז קוקן קוקט זי, דוכט זיך, יאָ אויף לייזער־בערן, נאר ער זעט, אַז זי זעט אים ניט, און ער בעט זיך ביי איר, אַז זי וועט נאך אויך קראַנק ווערן, ער האָט מורא!

ביי מלכהן באַווייזט זיך אַ שמייכל אויפן פנים, און זי ווערט דערביי אַזוי פרעמד פון אים, אַזוי ווייט פון אים, אַז ער כאַפּט אירע הענט, האַלט זי צו לעבן זיך:

—וואָס איז מיט דיר, מלכה? זאָג מיר!

ער וואַרעמט איר די הענט אירע, קושט זיי מיט די פינגער מיט זיינע, און זי טראַכט מיט רחמנות צו אים, יאָ, מיט רחמנות, אַז ער, לייזער־בער, וואָלט קיינמאָל ניט געטאָן דאָס, וואָס קלמן האָט געטאָן, אפילו ווען זי ווערט פאַרברענט!

דער שמייכל אויף איר פּנים ווישט זיך מיטאַמאָל אָפּ, און ער וויל זי איבערבעטן, חלשט, נאָר אַז ער ווייסט ניט פאַרוואָס זי איז אין כעס אויף אים, פאַרוואָס?

ער פרעגט, ער וויל וויסן, נאָר זי זאָגט אים גאָרניט, זי שווייגט, אַט ווי ער וואָלט דאָ אינגאַנצן געווען אַ פרעמדער, און ער טוט דערנאָך אָן אויף זיך דעם פוטער, מיט אַ כעס אין אַלע זיינע ביינער, קלייבט זיך אַוועקגיין, און ער שרייט אַזש אויס, ווען ער שטייט שוין אויפן שוועל:

—אַ גוטע נאַכט!

ער קוקט אויף איר, נאָר זי האָט צו אים גאָרניט, און זי ענט־פערט אים שטיל, ווי עס באַדאַרף צו זיין:

—אַ גוטע נאַכט...

לייזער־בערן טרעפט עס ביז אין ביין אַריין, עס ניט אים אַ

ברי ווי אַ שטיק פּייער, און ער יאָגט זיך אַרויס פון שטוב, גיט אַ זעץ מיט דער טיר, און זי קוקט אים ניט נאָך, עס אַרט איר אַפילו ניט, וואָס ער האָט אַ זעץ געטאָן מיט דער טיר, גאָרניט, נאָר אַט ווערט מיטאַמאָל שפּעט אַזוי אין דער נאַכט, באַלד נאָך זיין אַוועקגיין.

זי איז איצט אַליין מיטן טאַטן, איז געבליבן מיט אים, און דער טאַטע האַלט פאַר זיך דעם תהילים זיינעם, נאָר זאָגן זאָגט ער ניט, ער שווייגט. שטענדיק שווייגט ער, דער טאַטע, און זי וויל צו־גיין, אַנידערזעצן זיך לעבן אים, און זאָל ער זיין אַנדערש צו איר, זי וויל זיין אַנדערש צו אים. נאָר ר' חאַצע רעדט איצט אינגאַנצן ניט די לעצטע צייט, מישט זיך אין גאָרניט, אַז מען קען אים ניט אָנרירן, מען טאָר ניט, ער איז נאָר ווי אַ שאָטן, וואָס רוקט זיך, טאַפּט, און דאָס פּנים זיינס איז שטענדיק אַזוי בלייך, אַזוי געל, אַז אָט באַלד, און ער וועט צומאַכן די אויגן און וועט זיי שוין מער ניט עפענען. מלכהן ווערט קאַלט אין קאָפּ, קאַלט אונטערן האַרצן, און זי כאַפּט זיך אָן פאַרן טיש מיטביידע הענט, און עס דוכט זיך איר, אַז זי שרייט — טאַטע! טאַטע!

ר' חאַצע הייבט אויף דעם קאָפּ, קוקט זי אָן, און די אויגן זיי־נען ביי אים אָפענע, אָפענע, און זי טרעט־אָפּ פון טיש, מיט געפּענ־טעטע פיס, געפּענטעטע הענט, און זי גייט אַ געפּענטעטע, לייגט זיך אַריין אין בעט, און ר' חאַצע פאַרלעשט דעם לאָמפּ. עס ווערט פינצטער, און ר' חאַצע לאָזט אַרויס פון זיך אַ קרעכץ — אַ סימן, אַז עס איז שוין אַוועק דער טאָג. נאָר מלכה שלאָפט נאָך ניט, זי ליגט אַ וואַכיקע, ווי עס פלאַטערט אַ בלאַט אין דער לופטן, און אַ וואַכיקע רעדט זי צו לייזער־בערן, כאָטש ער איז איצט ניטאָ לעבן איר, אַז — זאָל ער אַוועקגיין פון זיי, זאָל ער זיי איבערלאָזן, ער איז דאָך געווים ניט שולדיק, טאָ פאַרוואָס קומט אים ליידן?

און ר' חאַצע איז אויך ניט געשלאָפן, ווי עס וואָלט גאָר נאַכט ניט געווען, און אויף מאָרגן איז ער זיך אַוועק אויפן מאַרק, און מלכה האָט אָפּגעקאָכט אַ יאַיכעלע פון הון, אַזוי ריין ווי קריסטאַל, און איז מיט דעם אַוועק צו קלמנען. ער האָט שוין געוואַרט אויף איר, ער האָט דאָך געוואוסט, אַז זי וועט קומען, און זי האָט זיך אַנידערגע־זעצט לעבן אים, האָט אים געהאָדעוועט, ווי מען האָדעוועט אַ קראַנקן פון רחמנות־וועגן. און חנה האָט געקוקט, געקוקט, און זייער

גוטסקייט איינער צום אנדערן האט איר געשניטןביים הארצן, ביז עס האט ביי איר געפּלאַצט די גאַל, און זי האט זיך פלוצלונג פאַנאַנ־דערגעשריען, אז גענוג! מען דאַרף ניט קיין יאַיכלאַד, סם דאַרף מען, סם!

ביי מלכהן איז פארגליווערט געווארן די אויסגעשטרעקטע האנט, און דאס לעפל, וואס האט געשטעקט אין דער האנט, האט געציטערט, האט פארגאסן די יויך, און קלמן האט זיך א הויב געטאן פון בעט, איז געבליבן שטיין אויפן שוועל,און געשטאנען איז ער אויף אלע פיר, ווי א חיה, וואס וויל אויף אימיצן א שפרונג טאן, און מלכה האט זיך אויך אויפגעהובן פון ארט, נאר געקוקט האט זי אויף קיינעם ניט. זי האט געהאלטן אראפּגעלאזט דעם קאפּ, ווי זי וואלט געוואַרט, אז מען זאל זי נאך שלאגן, נאך, און חנה האט שוין גע־שריען מיט באנומענע קולות, אז זי האט אליין ניט געוואוסט וואס און ווען, האט געשפּיגן מיט גאַל, און אויף אירע קולות איז באלד אנגע־לאָפן יחיאל־מנשה פון הויף, א צעטולמטער, א מבולבלער. ער איז אריינגעפאלן אין מיטן, האט געקוקט אויף אלעמען, נאר קיינער האט אים גארניט געזאגט, גארניט דערציילט, עס איז געווען א שווייגע־ניש, ווי א ווילדער שטיין, נאר אז ער איז אנגעקומען האט שוין מלכה געקענט ארויסרעדן „א גוטן טאג“, צו קיינעם ניט, עס האט זיך נאר אראפּגעגליטשט פון אירע ליפּן, פון געוואוינקייט וועגן, אט אזוי איז זי געוואוינט, און א שטילע, ניט אנרירנדיק קיינעם, איז זי באלד ארויס פון שטוב, האט זיך ארויסגעשארט.

יחיאל־מנשה איז נאך מער צעטומלט געווארן, און קלמן האט זיך צוריק אריינגעלייגט אין בעט, א קראנקער, א געשלאגענער, און חנה האט אויסגעשריען ניט מיט איר קול, ניט מיט אי־רע כוחות:

—איך שטארב!

קלמן האט זיך א צאפּל געטאן, איז געבליבן א געחלשטער, און יחיאל־מנשה איז געשטאנען ווי א פלאקן, האט ניט געוואוסט וואוהין ער זאל זיך ווארפן, וועמען ער זאל ראטעווען, דעם זון זיינעם, צי דאס ווייב, און ביי חנהן האבן זיך מיטאמאל אויסגענומען די אלע גע־שרייען אירע, און פאמעלאך, מיט שכל שוין, האט זי באלד גענו־מען טענהן צו יחיאל־מנשהן מיט א וויינענדיקן ניגון, ווי פון דער

תחינה, אַז וואָס האָבן זיי דאָרטן געמאַכט פון אים אין דעם שפּיטאָל? יחיאל־מנשה איז דאָך געגאַנגען אַהין יעדן טאָג, טאַ פאַרוואָס האָט ער ניט געזען? וואו איז געווען זיין קאָפּ, זיינע אויגן? און ווער האָט עס גלאַט אויסגעטראַכט אויף זייערע יאָרן די שפּיטאָלן גאָר? ווער?! ר׳ חאַצעס די טאָכטער זיינע מיט איר חתן? אַט גייט זי צו זיי און ברעכט זיי אויס די שויבן!!

# L.

יחיאל־מנשה האָט גאָרניט געענטפערט דער ווייב, נאָר ביי אים אַליין האָט טרוקן געגלאַנצט דער שטערן זיינער, ווי אַ פּאָלירט שטיקל האָלץ, און איבערן שטערן האָט זיך שוין געדראָפּעט אַ פולער אָדער, אַ בלויער סימן אַזאַ, ווי פון אַ שמיץ מיט אַ בייטש.

ער האָט געוואוסט, יחיאל־מנשה, אַז ר׳ חאַצע איז ניט שולדיק, און לייזער־בער איז ניט שולדיק, און מלכה איז דאָך גאָר אַ דימענט, אַ שטיק גאָלד פון אַ קינד, טאַ ווי זשע פאַרט?!

אויפן הימל איז שוין אויפגעגאַנגען די זון, נאָר די גאַסן זיינען נאָך געווען פּוסטע, ליידיקע, מען איז נאָך געשלאָפן אין די שטומע הייזער, וואָס האָבן זיך אויסגעשיילט איינס נאָך איינס, גרויע, פאַרשלאָסענע, און יחיאל־מנשה האָט זיך געצויגן איבער די גאַסן מיט זיין פול פעסל, מיט זיין אַלטן פערד. יחיאל־מנשה איז געזעסן אויפן פעסל, האָט געהאַלטן די לייצעס, נאָר אָנגעטריבן האָט ער ניט, און דאָס פערד האָט זיך אַליין געשפּאַנט, ווי אַ אויסגעלערנטער, האָט זיך אַליין אָפּגעשטעלט אַוואו מען האָט באַדאַרפט, האָט געוואַרט ביז יחיאל־מנשה וועט אָנצאַפּן פון פעסל די פּאָר עמער וואַסער, וועט זיי אַריינטראָגן אין דער שטוב, און געטאָן האָט עס יחיאל־מנשה אויך ווי אַ אויסגעלערנטער, ניט האָבנדיק דערביי קיין ברעקל מוח, קיין ברעקל האַרץ, גאָרניט, און דאָס פערד האָט זיך דערנאָך ווייטער אַוועקגעשפּאַנט, אַליין... די ליידיקע עמערס זיינען געהאַנגען פון ביידע זייטן פון פעסל, אַזוי ווי שטענדיק, נאָר ניט ווי שטענדיק האָבן זיי זיך געקלאַפּט אָן די רערעד מיט זייער בלעכענער פּוסטקייט, און עס האָט זיך געטראָגן איבער דער גאַס אַ

הייזעריק קלינגען, ווי עס וואָלט אימיצן גערופן, גערעדט צו אימיצן, און יחיאל־מנשה איז זיך געזעסן מיט זיין אונטערגעשטעלטער פּליי־צע, וואָס איז געווען טויב ווי די וואַנט — — —

אַט אַזוי האָט זיך געצויגן נאָך זיי דער שאָטן זייערער אויפן קאַלטן שניי ווי אייז, ביז מען איז צוגעקומען צו דער אַלטער, גרוי־סער שול, און דאָ, ביי דער שול, איז זיך געשטאַנען ליישקע דער קאַ־ליקע, איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט צו אַ וואַנט, און ווי ער וואָלט זיך געקוויקט מיט דער פאַרטאָגיקער, פראָסטיק־ריינער לופט. ליישקע איז קרום אויף אַ פוס, קרום אויף אַ האַנט, און אפילו דאָס פּנים זיינס, די לינקע זייט פון פּנים, איז אויך געווען אַ קרומע.

יחיאל־מנשה האָט אים דערזען פון דערווייטנס, און ווי נאָר ער האָט אים דערזען, אַזוי איז ער אָראָפּגעלאָפן פון פּעסל, איז צוגע־לאָפן צו אים, און — ער וויל ביי אים עפּעס פרעגן, ביי ליישקען, ער וויל — איז ער אַלעמאַל אַזאַ?

— ווי אַזאַ?

יחיאל־מנשה האָט אויפגעהויבן אַ האַנט, האָט אים מיט אַ פינגער אָנגעוויזן אויף זיין קרומער פוס, אויף זיין קרומען פּנים, און ליישקע איז ניט קיין באַהאַלטענער קאַליקע, נאָר אַן אָפענער, אַ שטאָטישער, און ער ענטפערט אים:

—יאָ, פון אַלעמאָל!

—אַזוי געבאָרן?

ליישקע ווייסט פון דעם אומגליק, וואָס עס האָט געטראָפן מיט יחיאל־מנשהס עלטערן זון, און ער חידושט זיך איצט ניט, וואָס יחיאל־מנשה איז פּלוצלונג צוגעשטאַנען צו אים, און ער ענטפערט אים ווייטער:

—אַזוי געבאָרן!

יחיאל־מנשהן ווערט מיטאַמאָל גרינג אַזוי אויפן האַרצן, גרינג אין מוח, אַז ער פאַרלירט אויף דער רגע אי דאָס האַרץ און אי דעם מוח, און ער כאַפּט זיך אַן פאַר דער וואַנט מיטביידע הענט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז עס זאָל אים אינגאַנצן ניט אַוועק־טראָגן. און שפּעטער, אַז ער איז שוין געקומען אַהיים, איז ער צו־געגאַנגען צו קלמנען און האָט לאַנג געקוקט אויף אים:

—ליג אין בעט, ליג, ביז וואנען וועסט געזונט ווערן!

און ער האָט אים אַזש אַ גלעט געטאָן דעם פּנים זיינעם, וואָס טוט, דוכט זיך, ווי, דעם לויזן מויל זיינעם. און איז נאָך אַלץ ניט אַפּעטראָטן פון אים, לאַנג ניט אַפּגעטראָטן, און קלמנען האָבן געוואָרגן טרערן, און ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם טאַטנס האַנט, און יחיאל־מנשה האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט, ווי ער וואָלט זיך אַפּגעווישט די טרערן:

—ליג אין בעט, ליג, ווי אַלע מענטשן!

אָט אַזוי האָט זיך געשלעפּט דער ווינטער, אַ געבונדרענער, אַ געפּענטעטער, און וועגן דעם, אַז מלכה וועט באַלד חתונה האָבן מיט לייזער־בערן האָט מען אינגאַנצן ניט גערעדט, ניט דערמאַנט, אפילו לייזער־בער אַליין אויך ניט. שאַ, שטיל, און ניט זאָגנדיק קיינעם גאָרניט, איז ער, אַ חודש פאַר דער חתונה, אַוועקגעפאָרן אין אַ ווייטער, גרויסער שטאָט, ווי צו אַ יאַריד, האָט דאָרט אַנגעקויפט גרויסע שפּיגלען און שווערע פוטעלן, אַלץ גרויס און שווער, נאָך זיין אייגענער מאָס נאָך, און אַ סך פּריצישע טעפּיכער אַזוינע, וואָס אַז מען טרעט אויף זיי מוז מען זיך גוט־גוט איינהערן, ביז מען הערט די אייגענע טריט, וואָס זיינען ווי באַרוועסע, אַז עס ווילט זיך לאַכן, און דערנאָך האָט ער פאַרשלאָסן די חדרים, די זאַלן, און האָט עס געהאַלטן בסוד. און מער גאָרניט. מען האָט זיך ניט גע־ריכט און ניט געגרייט צו דער חתונה, מען האָט נאָר געוואָרט, אַז עס זאָל קומען, ווי עס דאַרף קומען אַ זאַך, וואָס אַלע ווייסן, אַז עס איז באַשערט, און עס איז טאַקע געקומען.

ר' חאַצע האָט זיך אַרומגעדרייט איבער דער שטוב, האָט אויפ־גענומען די געסט, די מחותנים, און ער האָט אפילו געמאַכט צו זיי מיט די ליפּן, נאָר געזאָגט האָט ער גאָרניט, עס האָבן זיך ניט גע־הערט קיין ווערטער. עס זיינען ניט געווען קיין סך מענטשן, עס איז נאָר געווען דער אַלטער רב, און אַ פּאָר באַלעבאַטים און סתם אַזוי עטלאַכע אידן און אידענעס, וואָס זיינען געקומען אַריינכאַפּן אַ מצוה, און זיי האָבן אַלע געקוקט אויף אים, אויף ר' חאַצען, און ער האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן זיי אַ נאַקעטער, און אויסגעטאַ־נענער, אַז מען האָט ממש געזען, ווי עס טריפט אין אים דאָס בלוט

זיינס פון די נעגל ארויס, פון די פארריסענע ברעמען, ביז עס איז צו אים צוגעגאנגען דער אלטער רב, און האט אים הויך געזאגט פאר אלע־מען אין די אויגן:

—דער אויבערשטער וועט העלפן, ר' חאצע, וועסט נאך האבן נחת פון דיין קינד!

דער אלטער רב האט אי צוגעזאגט, אי געמאנט, און ר' חאצע איז געשטאנען פאר אים מיט פארשפיצטע אקסלען, מיט א שארפן מויל ווי א שניט, און דעם אלטן רב האט זיך אויסגעוויזן, אז ער איז נאך אלץ איינגעשפארט, דער עקשן, און ער איז ניט געווארן אין כעס, דער אלטער רב, ניין, ניט אין כעס, נאר ער האט נאכאמאל איבערגעחזרט:

—דער אויבערשטער וועט העלפן, הערסט וואס איך זאג דיר?!

און ר' חאצע האט אים נאכגעזאגט, ווי א אינגל פון חדר ארויס:

—איך הער...

ר' חאצע האט ניט געזוכט פאר זיך קיין ארט, א ווינקל, אוואו ער זאל זיך קענען באהאלטן, האט פון קיינעם ניט געוואלט אנט־לויפן, רואיק, און ווי אויף דער האנט איז זיך געלעגן זיין אומ־גליק, און דער אלטער רב איז ניט אפגעטראטן פון אים:

—וואס איז א איד אן בטחון?

דאס מויל ביי ר' חאצען איז שארף געווען ווי א שניט, נאר פרעמד און צעטראגן האבן ארויסגעקוקט די אויגן זיינע פון דעם בלייכן פנים ארויס, האבן פרעמד געקוקט אויפן רב:

—בטחון?

דער עולם ארום האט געקוקט און געהערט מיט אן איינגעהאל־טענעם אטעם, נאר דער אלטער רב און די באלעבאטים, וואס זיינען איצט געווען מחותנים, האבן זיך באלד פאנאנדערגעזעצט ארום טיש, האבן זיך שוין געוואלט פאנאנדערנעמען, פאנאנדערלאזן, ווי עס באדארף זיין ביי א שמחה, נאר מיט עפעס איז אנגעפילט געווען די גאנצע שטוב, א שטיין איז געהאנגען איבער אלעמענס קעפ, און זיי זיינען זיך געזעסן באזונדער, יעדער איינער פאר זיך אליין, און ווי איבעריקע, מען דארף זיי דא ניט האבן. עס איז שוין געווען ניט פרי, און זאל שוין אמאל זיין די חופה, די חתונה, נאר

קיינער האָט עס ניט געזאָגט, ניט געפרעגט, און מען איז ווייטער געזעסן און ווייטער געוואַרט.

און ביי יחיאל־מנשהן דעם וואַסערפירער האָט זיך דער טאָג פון מלכהס חתונה אָנגעהויבן זייער פרי, אַ סך פריער איידער אַלע טעג. קלמן איז געלעגן מיטן פנים צו דער וואַנט, און ניט חנה און ניט יחיאל־מנשה האָבן ניט אַ קוק געטאָן צו אים, וואָס ער טוט דאָרט. יחיאל־מנשה האָט זיך אַפריער גוט אָרומגעווישט די שטיוול, פון אַלע זייטן, באַלד ווי ער איז געקומען פון שטאָט, און דערנאָך האָט ער זיך אָנגעטאָן אין זיינע שבתדיקע מלבושים, און חנה האָט שטיל און מיט אַ שווערן אָטעם געטענהט צו זיך אַליין:

—ביי מיר איז שטוב איז אַ לויה, אַ לעבעדיקע לויה, און ער גייט צו חתונות, צו חתונות גייט ער, איך וועל זיך אָנטאָן אַ מעשה!

יחיאל־מנשה האָט געהערט אירע טענות, נאָר ער האָט איר גאָרניט געענטפערט, אַז מען האָט ניט געקענט וויסן פון זיין שווייגן, צי איז ער אין כעס, אָדער עס איז אים גלאַט אַזוי ניט גוט, און ער האָט זי איבערגעלאָזט אַליין, איז אַרויס פון שטוב, און ערשט אויפן הויף האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און האָט זיך צוגעהערט, צי שרייט מען אין שטוב, צי וויינט מען דאָרט? נאָר פון שטוב האָט מען גאָרניט געהערט, עס איז שטיל געווען אין שטוב, און יחיאל־מנשה איז אַוועק צו דער חתונה.

ער האָט פּאַמעלאַך געעפנט די טיר, איז פּאַמעלאַך געבליבן שטיין אויפן שוועל, און ר׳ האַצע, אַז ער האָט אים דערזען — ר׳ האַצע איז געבליבן אַ רגע שטעקן אין דער לופטן, אַזוי דין און שפּיציק, ווי אַ נאָדל פאַר די אויגן, און דער עולם אַרום איז נאָך שטילער געוואָרן, נאָך איינגעהאַלטענער, און ר׳ האַצע איז באַלד צוגעגאַנגען צו יחיאל־מנשהן, אַז יחיאל־מנשה האָט זיך שוין גע־וואָלט פאַרענטפערן און אַוועקגיין, נאָר ר׳ האַצע האָט אים גאָר אָנגענומען מיטביידע הענט, האָט אים געהויבן צוגעפירט צום טיש, און האָט אים געהויבן אַנידערגעזעצט אויבן־אָן. יחיאל־מנשה האָט געקוקט אויפן עולם אַ צעטולמטער, אַ רחמנותדיקער, ווי ער וואָלט זיך געבעטן ביי זיי, און ר׳ האַצע האָט אויף גיך אָנגעגאָסן צוויי גלעזלאַך מיט וויין, איינע פאַר יחיאל־מנשהן און איינע פאַר זיך, און דעם עולםביים טיש איז מיטאַמאָל גרינג אַזוי געוואָרן אויף

דער נשמה ווי נאָך אַן אומזיסטער שרעק. זיי האָבן אַנגעקוואָלן פון עפּעס אַליין ניט וויסנדיק פון וואָס, און ביי ר' חאַצען האָבן גע־פלאַטערט די הענט זיינע, און פון די שוואַרצע אַרבל אַרויס זיינען זיי געווען ווייסע, בלייכע, און פאַרלאָרענע ווי די טויבן, און ער אַליין האָט אויך עפּעס געפלאַטערט, אַז דער אַלטער רב האָט פאַרזאָרגט צונויפגענומען די ברעמען און האָט ניט אַראָפּגענומען פון אים זיין קוק. נאָר מיט ר' חאַצען האָט גאָרניט געטראָפן, גאָרניט, און עפּעס ווי פון זיך אַליין האָט זיך באַלד אָנגעהויבן די חתונה, אַט ווי מען וואָלט נאָר געוואָרט, אַז יחיאל־מנשה זאָל קומען, ווי מען וואָלט נאָר געוואָרט אויף אים אַליין, די גאַנצע צייט.

# LI.

די חופּה איז געווען אַ שטילע, טאַקע דאָ אויפן הויף, און אַן קלעזמער, אי דער חתן, אי די כלה זיינען דאָך געווען יתומים, און נאָר וואָס פאַר אַ יתומים! דער חתן האָט אינגאַנצן ניט געוואוסט, צי האָט ער ווען עס איז געהאַט אַ טאַטן, אַ מאַמען, און די כלה האָט יאָ געוואוסט, אַז זי האָט ניט קיין מאַמען, אָד, ווי זי האָט עס געוואוסט!

לייזער־בער האָט לאַנג געוואָרט אויף דער חתונה, יעדן טאָג אין וואָך און יעדע מינוט אין טאָג, דאָס גאַנצע לעבן זיינס האָט ער געוואָרט, און דאָ, אַז עס איז שוין געקומען, אַט איז עס שוין, האָט זיך קיינער אפילו ניט אומגעקוקט אויף אים, ניט געפרעגט ביי אים גאָרניט, מען האָט אַלץ געטאָן אַליין, אַז ער איז אינגאַנצן געווען אַן איבעריקער, מען האָט אים ניט באַדאַרפט. ער האָט זיך געוואָלט אַריינמישן, אַ געשריי טאָן, אַז מען זאָל אים זען, הערן, נאָר עפּעס איז ער געווען ווי אַ געליימטער, אַ שטיק ליים, און ווי אַ שטיק ליים האָט ער געקוקט אויף אַלעמען, האָט געוואָלט רעדן, פרעגן, נאָר האָט ניט געהאַט ביי וועמען.

און אין אַלקער, ביי דער כלה, האָבן זיך געעוסקט אַ פּאָר פרעמדע ווייבער, האָבן אַנגעטאָן די כלה, האָבן גערעדט צו איר, און איינע פון די ווייבער האָט איטלאַכע ווײַלע געמוסט גערופן צו אַ צווייטער, ניט געכאַפּט און מיט אַ סוד:

—גיט איר די טראָפּנס, גיט איר, זי חלשט!

דערנאָך האָט אַ פרעמדער איד און אַ פרעמדע אידענע גע־פירט דעם חתן, און נאָך אַ פרעמדער איד מיט אַן אַנדער פרעמדער אידענע האָבן געפירט די כלה, פרעמדע אונטערפירערס און פרעמ־דע חתן־כלה, און אַלע האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, און אַלע האָבן זיי געשוויגן איינס און דאָסזעלבע. לייזער־בער האָט זיך געוואָלט אַרויספּלאָנטערן, אַרויסרייסן, נאָר פּונקט אַנטקעגן אים איז זיך ר' חאַצע געשטאַנען איינער אַליין, האָט צו קיינעם ניט געהאַט קיין שייכות,האָט געהאַלטן פאַרריסן דעם קאָפּ, און לייזער־בער האָט נאָר אים געזען, נאָר אים אַליין.

לייזער־בערן איז גוט געווען פון דעם, עס האָט זיך אים גע־ווײַנט אויף דער נשמה, און באַלד האָט ער דערפילט, ווי אין אַ חלום, אַז דער אַלטער רב רעדט עפּעס צו אים, נעמט ווייך און פאַ־מעלאַך אַן זיין האַנט, און לייזער־בער האָט שיעור ניט אַרויסגע־פּלאַצט מיט זיין גאַנצן אָפּענעם ליב, וואָס האָט זיך איצט געצאַפּלט ווי קאַביק וואָסער אויפן פייער, נאָר פאַרלאָרן, ווי אַ קינד, האָט ער נאָכגעזאָגט די געציילטע, פּערלדיקע ווערטער, וואָס דער אַלטער רב האָט געקליבן מיט זיינע בלייכע, ווייבערישע הענט, און פאַר די אויגן האָבן אַרומגעטאַנצט שוואַרצע פלעקן, אַז מען האָט גאָרניט געקענט זען, און דער עולם אַרום האָט זיך מיטאַמאָל פאַנאַנדערגע־נומען, ווי עס צערייסט זיך אַ קייט:

—מזל טוב!

יחיאל־מנשה איז צוגעגאַנגען צו דער כלה, האָט איר געוואָלט אָפּגעבן דעם מזל־טוב, און ער האָט אַריינגענומען דעם קאָפּ אירן אין זיינע ביידע הענט, האָט זי צוגעצויגן צו זיך, האָט איר אַ קוש גע־טאָן אויפן שטערן און האָט אויסגעשריען אַזוי גרינג ווי אַ פויגל:

—טאָכטער!

דער עולם אַרום האָט זיך אָפּגעשטעלט אין יראת הכבוד, און

ר׳ האצע אליין האט אויך נאכגעזאגט יחיאל־מנשהן, האט איבער־געחזרט איינמאל און נאכאמאל:

—טאכטער –– –– טאכטער!

דער עולם האט צוגענומען די כלה, האט צוגענומען דעם חתן, און יחיאל־מנשה מיט ר׳ האצען זיינען געבליבן אליין, ווי ביימער, וואס ווארפן פון זיך א גרויסן שאטן, און יחיאל־מנשה האט שטום געדעדט, צו זיך, צו ר׳ האצען:

—ביז אין טויט אריין, אייביק!

די כלה מיטן חתן זיינען שפעטער אוועקגעפארן אין שטאט אריין, צו זיך אין דעם גרויסן, צוגעגרייטן מויער, און די געסט, די מחותנים זיינען זיך אויך פאנאנדערגעגאנגען, אינאיינעם מיט יחיאל־מנשהן, און ר׳ האצע איז געבליבן אליין.

עס איז ניט פוסט געווען אין שטוב, ניין, און ר׳ האצע האט געוואלט עפעס זאגן, הויך אויפן קול, און דער טיש אין מיטן שטוב איז נאך אנגעשטעלט געווען מיט כיבוד, מיט פלעשער, מיט גלע־זער, און ר׳ האצע איז צוגעגאנגען און האט אנגעהויבן אויפראמען. ער איז געווען פארנומען, שטארק פארנומען מיטן אויפראמען פון טיש, נאר פלוצלונג האבן זיך ביי אים אפגעשטעלט די הענט זיינע, ווי פארגליווערט געווארן, ביידע הענט אויפאמאל און אין מיטן דרינען, און ער האט זיך אראפגעלאזט אויף א שטול, האט זיך א וויש געטאן דעם פנים מיט א האנט, מיט צענומענע פינגער ווי קאלטע שטעקלאך, נאר ער איז ניט אריינגעפאלן אין א פחד. ער איז נאר באטראכט ארויס פון שטוב, האט זיך רואיק געלאזט גיין צו חנהן, ווי מען ציט־אויס א האנט נאך דער געפונענער טרייסט, און יחיאל־מנשה איז זיך געשטאנען ביים טויער, האט געקוקט אויפן הימל, און די זון האט זיך נידעריק געזעצט, נידעריק אין טייך אריין, אין וואסער אריין. ער איז שוין דא לאנג געשטאנען אט אזוי, יחיאל־מנשה, ער האט ניט געקענט זיין אין שטוב, עס איז א רחמנות געווען אויף קלמנען, א רחמנות אויף חנהן.

ר׳ האצע איז דורכגעגאנגען הארט פארביי אים, אז יחיאל־מנשה האט אזש אפגעטראטן א שפאן, און עס איז אים נאך אומע־טיקער געווארן, און ר׳ האצע איז אריין אין שטוב.

אין שטוב איז געווען פינצטער, אפגעלאזן, ווי עס וואלט דא

ניט ניחה געווען דאָס לעבן, און חנה איז געזעסן אַ פּאַרזונקענע אין אַ ווינקל, און ר' חאַצע האָט אַריבערגעטראָטן דעם שוועל, און חנה האָט געמיינט אויף דער ערשטער רגע, אַז עס האָט זיך איר נאָר אויסגעוויזן, מילא וואָס עס קען זיך אַמאָל אויסדאַכטן, נאָר זי האָט דאָך פּאָרט געזען, אַז עס איז ר' חאַצע, און זי האָט זיך אינגאַנצן אַ כאַפּ געטאָן, ווי אַן אונטערגעשאָסענע:

—אוי קרוינעלאָד!

זי האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט, האָט אויסגעשטעלט אויף אים אַן אָפענעם מויל און אַ פּאָר שטומע אויגן, און ר' חאַצע איז געשטאַנען ווייט פון איר, און זי ווייט פון ר' חאַצען, און דאָרט, אין דעם אַנדערן אַלקער, איז קלמן אַראָפּגעקראָכן פון בעט און איז געגאַנגען אַ קוק טאָן — פאַרוואָס איז פּלוצלונג אַזוי שטיל געוואָרן אין שטוב? מאַמע!

חנה האָט אים אַ רגע אָנגעקוקט מיט שרעק, און ר' חאַצע האָט נאָרניט געטאָן, ער איז געשטאַנען אַ געקומענער פון וועג, און קלמן האָט אויך געשוויגן, און חנה איז מיטאַמאָל געקומען צו איר שכל און מיט שכל האָט זי שוין דערזען און אָנגעקוקט דעם אומגליק אירן:

—איך וועל זיך אָנטאָן אַ מיתה!

דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צו קלמנען, און ניט מיט כעס, נאָר מיט אירע צרות, מיט אירע יסורים האָט זי אים גענומען שטופּן צוריק אין אַלקער אַריין, אין בעט אַריין. זי האָט אים געוואָלט פאַרשטעלן, פאַרבאַהאַלטן איצט פון ר' חאַצען, נאָר קלמן האָט זיך ניט געלאָזן, ער האָט ניט געוואָלט, און עס איז אויסגעקומען, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך געשלאָגן, געשלעפּט און געריסן איינער דעם אַנדערן, און ר' חאַצע איז אויף גיך צוגעגאַנגען צו זיי.

חנה האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און קלמן איז געבליבן אין מיטן, צווישן דער מאַמען און ר' חאַצען, און ער האָט זיך אַזוי פאַרענטפערט אַ שולדיקער, אַז עס האָט גע־קענט רירן אַ שטיין:

—איך טו גאָרניט, האָב גאָרניט געטאָן...

חנה האָט ניט געוואוסט, צי זי וויינט, צי זי וויינט ניט, נאָר זי האָט זיך גלאַט אַזוי אַ וויש געטאָן די אויגן, די טרערן, און דער־

נאָך האָט זי צונויפגעלייגט די הענט אירע אויפן שויס, און ניט מיט כעס, ניין, נאָר מיט אירע יסורים, מיט איר ווייטיק און פּיין, האָט זי גענומען רעדן צו ר׳ חאַצען, אַז זי איז קיינעם ניט קיין שונא, קיינעם ניט, זאָל עס איר און אירע ליבע אָנקומען דאָס, וואָס זי ווינטשט יענעם, נאָר זי וויל נאָר וויסן, אדרבא, זי וויל נאָר פרעגן, ווער טאַקע דער אויבערשטער שטענדיק אָט אַזוי קוקן און שווייגן? שטענדיק?

זי האָט לאַנג גערעדט, האָט געמאַנט ביי ר׳ חאַצען, און ר׳ חאַצע האָט איר געזאָגט דעם אמת:

—איך ווייס ניט!

# LII.

ר׳ חאַצע איז דערנאָך ווייטער געגאַנגען אויפן מאַרק, יעדן וואָכנדיקן טאָג ווי אַ זייגער, און פאַרטאָג, ווען ער גייט אַוועק פון דערהיים, לאָזט ער קיינעם ניט איבער נאָך זיך, און שפּעט אין אָוונט, ווען ער קערט זיך צוריק אום פון מאַרק, צוריק אויף די גויאישע געסלאַך דערזעט ער נאָך פונדערווייטנס, אַז ביי אים אין שטוב איז פינצטער און פּוסט.

נאָר ער האָט ניט וואוהין צו גיין ערגעץ אַנדערשוואו, וויל גאָר ניט גיין, און ער עפנט די טיר, קומט אַריין אינעווייניק, און דאָ נעמט אים מיטאַמאָל אַ זעץ אַנטקעגן די שטאַרקע היץ פון אויוון, ווי עס וואָלט איצט געווען אין מיטן ווינטער.

ר׳ חאַצע צינדט אויף גיך אָן דעם לאָמפּ, קוקט זיך אַרום, ערשט אין שטוב איז ליכטיק און אויפגעראַמט, און עס איז אפילו געגרייט דער טיש. טאַקע? און ער זעצט זיך אַנידער, שפּאַרט אָן די הענט זיינע אויף די קני, הויבט בהרחבה אויף די ברעמען, און ער ווייסט, מיט אַלע זיינע חושים — קלמן איז דאָ היינט געווען באַטאָג, האָט איינגעהייצט דעם אויוון, און דערנאָך איז חנה געקומען, און זי האָט פאַר אים אָפּגעקאָכט די וועטשערע, האָט אויפגעראַמט די שטוב און האָט פאַר אים געגרייט צום טיש.

ביי ר׳ חאצע ציטערן דין די נאזדעקלאר, און א פארטראכטער, און אונטערברומענדיק זיך א ניגון נעמט ער ארוים דאס טעפל פון איוון, וואשט זיך צום עסן. נאר עסן עסט ער נאך ניט. ער זיצט, ווי ער וואלט געווארט אויף אימיצן. און מיטביידע הענט, מיט די פינגער, טאפט ער דעם טיש, גלעט די לופט פאר זיך, מיט די פינ־גער, אין דער לופטן, און דא קומט באלד קלמן צוגיין אויף דעם, אין מיטן דרינען, און ר׳ חאצע קוקט אים לאנג אן, און קלמן רופט זיך אפ, אז קוים וואס מען הערט:

—עסט געזונט...

ר׳ חאצע לאזט אראפ די ברעמען, זאגט „א דאנק" און עסט טאקע דערנאך. ווי ער וואלט געפאלגט, און קלמן נעמט און שטעלט אויף דעם סאמאוואר, און אז דער סאמאוואר ווערט פארטיק און קלמן שטעלט אים אנידער אויפן טיש א קאכיקן, א רעשיקן, גיסט שוין ר׳ חאצע אליין אן צוויי גלעזער טיי, איינע פאר קלמנען און איינע פאר זיך:

—טרינק, קלמן, טרינק!

ר׳ חאצע נעמט שוין פאנאנדער די הענט, און קלמן גיט א זופ, און די טיי איז געשמאק, און עס איז אים גוט, קלמנען, און זיי זיצן דערנאך לאנג אינאיינעם, ר׳ חאצע און קלמן, ביז שפעט אין דערנאכט.

קלמנען דארף מען שוין ניט פירן, ער גייט שוין ווי עס איז אליין אויף זיינע קרומע פיס, נאר חנה קומט באלד נאך אים, עס איז שפעט און אין דרויסן איז א פינצטערע נאכט. חנהן איז גוט, וואס דער זון אירער זיצט ביי ר׳ חאצען, מיט ר׳ חאצען, וואס נאך קען זי זיך ווינטשן? און זי שטייט ביי דער טיר, קוקט אויף זיי און רירט זיך ניט פון ארט:

— קום אהיים, קלמן, קום...

ר׳ חאצע שטעלט זיך אויף, שטייט די גאנצע צייט, און חנה גייט צו צום טיש, און ר׳ חאצע גיט א טאפ דעם סאמאוואר:

— נאךווארעם.

חנה שטייט מיט צונויפגעלייגטע הענט, און ר׳ חאצע גיסט פאר איר אן א גלאז טיי, און חנה זעצט זיך צו, טרינקט די טיי, און קלמן קוקט אויף דער מאמען און אויף ר׳ חאצען און קוועלט

אין זיך. אויפן טיש שטייען נאך די טעלער, איבערגעבליבענע ביסנס, און חנה וויל פרעגן, צי עס איז געשמאק געווען דאס עסן, אפשר צופיל זאלץ געווען? זי האט, דוכט זיך, פארזוכט... נאר זי פרעגט ניט, אליין ניט וויסנדיק פארוואס,זי פרעגט ניט, זי טרינקט נאר פאמעלאך, איינגעהאלטן, ווי מיט יעדן זופ וואלט איר צוגעקו־מען א שטיק געזונט, א שטיק נחת, און ר' חאצע ברומט זיך שטיל א ניגון.

עס איז שוין שפעט, און די נאכט איז א פינצטערע, און חנה פירט דערנאך קלמנען איבער דער גאס, נאר מיט אים איז פאר־קערט, ער אליין היט זי גאר טייער אזוי, זי פירט אים און ער פירט זי — — —

ר' חאצע גייט יעדן טאג אויפן מארק, ווי עס גייט אן אלטער זייגער אויפן וואנט, נאר איין מאל אין דער וואך, פרייטיק, קומט ער ניט צוריק פון מארק, קומט ניט אהיים. ער גייט אפריער אין מרחץ אריין, גלייך פון מארק, און דערנאך קומט ער צו דער טאכ־טער, צו זיין איידעם.

דרויסן זעצט זיך שוין די זון, מען דארף שוין גיין אין שול אריין, נאר מלכה טרעט פון אים ניט אפ, און ר' חאצע שטייט ווי א געפאנגענער:

—טאטע.. טאטע...

זי פלעכט אים ארום מיט דעם, און איר אליין קלאפט גאר א צאן אן א צאן, אזוי דוכט זיך אויס, און ר' חאצע וויל זי צוטר־ליען צו זיך און איר זאגן, טרייסטן, אז עס איז אט אזוי באשערט מסתמה, באשערט, נאר זי פלאטערט ארום אים, איז ווי א ווייסער שאטן, און ער זעט פאר זיך די נאקעטע נשמה אירע, וואס איז ווי א טויב, ווייס ווי א טויב און פארלארן ווי א טויב, אז ער שרייט שיעור ניט אויף, און לייזער־בער איז אויך דא דערביי, און עס איז אים אויך יום־טובדיק אזוי אויפן הארצן, און ער העלפט איר, מלכהן, מיט אלע זיינע כוחות, מיט זיין גאנצער גוטסקייט צו איר און צו אלעמען:

—שווער! שווער!...

דער שבת איז זייער א יום־טובדיקער, זייער, און עפעס ווי אין דער פרעמד, מען איז עפעס ווי צו־גאסט, אלע, און ר' חאצע מאכט

צום סוף הבדלה, און נאך שפעטער, אז לייזער־בער גיט פלוצלונג געשמאק אזוי א געגעץ, הויבט ער זיך אויף, ר׳ חאצע, זאגט: א גוטע נאכט, א געזונטע וואך! — און גייט אוועק אהיים.

אויף די גויאישע געסלאך איז די נאכט געדיכטער און שטאק־פינצטער, און זיינע טריט הילכן אזוי אין דער פוסטקייט, ווי מען וואלט געקלאפט טשוועקעס אין א ברעט אריין, און קלמן שטייטביים טויער די גאנצע צייט, ווארט אויף ר׳ חאצען פון פארנאכט־אן, און ר׳ חאצע גייט מיט אים אריין אין שטוב און צינדט־אן דעם לאמפ.

ר׳ חאצע שטייט נאך צו אים מיטן רוקן, און קלמן האלט אפן די אויגן, האלט אזש אנגעגרייט די הענט, און ר׳ חאצע ווייסט וואס ער דארף אים איצט זאגן, אז ער דארף אים דערציילן פון מלכהן, אפגעבן א גרוס, און ער קערט זיך טאקע פאמעלאך אום צו אים, ווי מיט א שמייכל אויף די ליפן, נאר זאגן אים קען ער גארניט, עס איז אזא גרויסער רחמנות, און ער קערט זיך צוריק אפ פון אים און זאגט קוים ארויס, מיט געבעט, און קוקנדיק צום לאמפ־צו:

—גיי אהיים, קלמן, גיי אהיים...

## LIII.

מלכה האט זיך ניט פארגעשטעלט אפריער, אז ווען זי וועט חתונה האבן, אז נאך דער חתונה, וועט זי דארפן זיין אליין מיט לייזער־בערן, אז דעם טאטן, נאר ר׳ חאצע האט אנדערש ניט גע־וואלט, ער האט שארף געשאקלט מיטן קאפ אויף ניין, ניין! און מלכה האט ניט געשריען, האט ניט געוויינט, עס האט זיך נאר ארויסגע־ריסן ביי איר:

—טא פארוואס האב איך חתונה געהאט?!

ר׳ חאצע האט זיך א כאפ געטאן, צי זעט ניט ווער, צי הערט ניט ווער, און מלכה האט שוין מער גארניט געזאגט, זי איז אנט־שוויגן געווארן, און געשוויגן האט זי שוין דערנאך אזוי, ווי עס שווייגט אן אלטע אידענע, וואס איז איינגעוואוינט מיט איר יאר־

ר' חאצע האט זי דערפאר ליב געהאט, און ער האט איר אפט נעד וואלט דערציילן, טרייסטן, אז די מאמע אירע איז אויך געווען אזא, די מאמע אירע — — —

אין עס־שטוב ברענט דער גרויסער הייננ־לאמפ, עס איז ליכ־טיק אין יעדן ווינקל. און די פינצטערע חדרים ארום, די פוסטע זאלן ארום, שטופן זיך אלע אהער. קריכן פינצטערע, ווי די בערג ארום א טאל. די דינסט זיצט אין קיך, האלט צונויפגעלייגט די הענט און האט ניט וואס צו טאן, און מלכה איז אליין אין דער ליכטיקער עס־שטוב און טוט אוך גארניט. זי שפאנט ניט ארום הין און צוריק, ווי דער אומרו פון א זייגער, טראכט וועגן גארניט און ווארט ניט אויף קיינעם, נאר אט קומט שוין לייזער־בער פון מארק, פון גאס, און ער איז א פריילאכער, א שרייאיקער, אז מלכהן טוט עס וויי, נאר זי טרייסלט עס פרעמד אראפ פון זיך, ווי שטויב פון א קלייד און מער גארניט.

די דינסט דערלאנגט דאס עסן, געשמאק און א סך, אז עס קיצלט דעם גומען, און לייזער־בער זעצט זיך ברייט אנידער צום טיש, עס איז אים וואויל, און ער וויל עפעס טאן, אז עס זאל זיין פריילאך, מען זאל לאכן, שרייען, עס זאל זיין א פולע שטוב, נאר מלכה זיצט אזוי, ווי ארומגעצאמט ארום זיך, א פארמויערטע, און לייזער־בערן ווערט מיטאאל אומעטיק. ער פארגעסט, אז ער עסט, ער קוקט נאר אויף מלכהן, און ביי איר רויטלט זיך דאס פנים, מען היט זי, און עס ציטערט די האנט אירע, עס ציטערן די פינגער, ביז זי לייגט אוועק לעבן זיך דעם גאפל און הערט אויף צו עסן. דאס עסן בלייבט אפגעקילט און פארגעסן, און לייזער־בער דער־הערט פלוצלונג ווי שטיל עס איז, אז ער דערזעט אזש די שטיל־קייט, און ער קוקט מיט שרעק און ווייסט ניט וואס צו טאן. נאר דא קומט באלד אריין די דינסט, זעט, אז די באלעבאטים עסן ניט, און זי קווינקלט זיך:

—צונעמען פון טיש?

לייזער־בער ווארט אויף מלכהן, וואס זי וועט טאן, און מלכה ענטפערט דער דינסט אט ווי עס וואלט גארניט געווען:

—יא!

לייזער־בער ווערט נאך מער צעטומלט, און ער וויל א געשריי

טאָן, אויסשרייען, אַז אַ ליגן, עס איז אַ ליגן! נאָר די דינסט הויבט שוין אָן אויפראַמען פון טיש, און לייזער־בער בלייבט אַליין, ווי אַ פּרעמדער. מלכה זיצט דאָרט אַוואו פריער און אַזוי ווי פריער, און לייזער־בער וואַרט נאָך אַלץ, און די דינסט האָט שוין אַראָפּגענומען דאָס עסן, און צווישן מלכהן מיט לייזער־בערן גלאַנצט איצט אַ נאַקעטער טיש.

די דינסט פאַרשפּרייט דעם טיש, און מלכה הויבט זיך באַלד אויף, אַט ווי זי וואָלט נאָר אויף דעם געוואַרט, אויף דעם ווייסן טיש־טוך, און לייזער־בער גייט איר נאָך. מלכה גייט אַזוי, ווי זי וואָלט נאָכגעשלעפּט נאָך זיך אַ גאַנצע וואַנט, און זיי גייען דורך אַ גרויסן אַ ליידיקן זאַל און קומען אַריין אין שלאָף־חדר. מלכה שטעלט זיך דאָ אָפּ, זי האָט ווייטער ניט וואוהין צו גיין, און לייזער־בער גיט זי מיטאַמאָל אַ כאַפּ אַריין אין זיינע הענט, טייער אַזוי, מיטן גאַנצן האַרצן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז ער זאָל זי ניט אָנווערן, און זי זאָגט אים ניט ניין, אַז ניט, זי הויבט נאָך אָפּריער אויף דעם קאָפּ, גיסט אים אָפּ מיט די אויגן, און שוועך לאָזן זיך דערנאָך אַראָפּ די אויגן־דעקלאַך אירע, אַז מען ווייסט ניט, צי זי קוקט צו דער ערד, אָדער זי שטייט אינגאַנצן אַ בלינדע, מיט צוגעמאַכטע אויגן.

ביי לייזער־בערן נעמען זיך פּאַנאַנדער די הענט ווי צעשפּאַל־טענע רייפן, און זי טרעט פון אים אָפּ, נעמט זיך צו, און ערשט דאָרט, ווייט פון אים, אָטעמט זי אָפּ, כאַפּט איבער דעם אָטעם. ער וויל צו איר אַ געשריי טאָן, מיט כעס, און מיט כעס גייט ער אויף גיך אַרויס פון חדר, אַז עס גיט, דוכט זיך, אַ זעץ נאָך אים די טיר. מלכה הערט זיך צו, מיט די אַקסלען, מיט דער פּלייצע, אָטעמט אויף ווי מיט אַ קרעכץ, און דערנאָך פאַרלעשט זי דעם לאָמפּ, הויבט זיך אָן אויסטאָן, און לייזער־בער קומט אַריין אין זאַל, און דאָ צעזעצט ער זיך ברייט אין אַ גרויסן, ברייטן פוטעל — אויף צולאַכעס, אַז ער לאַכט אַזש, סקריעט מיט די ציין.

אין זאַל איז פינצטער, און לייזער־בער פאַלט מיטאַמאָל אַריין אין אַ זיסן דרעמל, ווי פון אַ שטאַרקער אויסגעמאַטערטקייט, וואָס איז געקומען פּלוצלונג, מיטאַמאָל, נאָר אַז ער גיט זיך דערנאָך אַ כאַפּ אויף ווי פון שלאָף, דוכט זיך אים אויס אויף דער ערשטער

רגע, אז ער האָט אויף אימיצן פאַרגעסן, האָט אימיצן איבערגעלאָזט, און ער גייט אויף גיך אַריין אין חדר, צו מלכהן, און פרעגט ביי איר מיט חרטה:

—שלאָפסטו? מלכה...

זי ענטפערט אים גאָרניט, און ער טוט זיך אויס אינדערשטיל און לייגט זיך אַריין אין זיין בעט. ער ליגט אויף אַ זייט, קוקט צו מלכהן, און זי ווייסט ניט, מלכה, ווי טייער זי איז אים, זי ווייסט ניט, און ער קען ניט מאַכן אַזוי, אַז זי זאָל יאָ וויסן.

—שלאָפסטו? מלכה...

ער פרעגט ניט הויך, רעדט ניט הויך, און אַז זי ענטפערט אים ווידער ניט מאַכט ער צו די אויגן, שלאָפט שוין, דוכט זיך, איין, נאָר אין מיטן דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט גאָרניט געגעסן ביים טיש, אַז ער איז הונגעריק, און ער ווייַנט זיך שיעור ניט פאַנאַנדער.

## LIV.

לייזער־בער האָט נאָר געוואָלט פרעגן ביי איר, איין איינציקע זאַך נאָר, אַז אויב זי האָט אים ניט געוואָלט, טאָ פאַרוואָס האָט זי חתונה געהאַט מיט אים? ווער האָט זי געצוווּנגען? נאָר ער האָט דאָך ניט געוואוסט, אַז זי וויל אים טאַקע ניט, זי האָט עס קיינמאָל ניט גע־זאָגט, זי רעדט ניט, און ער וועט פרעגן ביי איר, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, און זאָל זי אים זאָגן דעם אמת. נאָר אַז עס קומט צום פרעגן, איז אָדער ער ווערט מיטאַמאָל אין כעס, אַז ער האָט ניט מער ווי אַ פולן מויל מיט צונג, אָדער עס ווערט אים גוט אַזוי אויפן האַרצן, פון איין קוק אירן, גוט אַזוי אויף דער נשמה, אַז ער וואָלט פאַר איר אָוועקגעגעבן דאָס גאַנצע לעבן זיינס פאַר איר מינדסטן נאָגל.

נאָר אפשר דאַרף גאָר זיין אַזוי, אפשר לעבן אַט אַזוי מענטשן, אפשר פירט זיך אַט אַזוי ביי לייטן, ער ווייסט דאָך גאָרניט און זי ווייסט דאָך אַלץ, אַ באַלעבאַטישע וואָס זי איז, ווייסט ווי עס פירט זיך אַ וועלט, און זי איז מסתמא גערעכט.

און ער האָט ווייטער גאָרניט געפרעגט, ניט דערמאָנט, און מלכה איז זיך ווייטער אומגעגאַנגען אַ פרעמדע, ווי אַ געפאַנגענע,

נאר זי קען נעמען אין מיטן דרינען, קען אינגאנצן אוועקגיין, און לייזער-בערן גייט אוים דאס חיות, ווי עס טריפן די טראפנס בלוט פון א צעשטאכענעם פינגער ארוים.

ער האלט אין איין רעדן צו איר, אז אלץ איז דא אירס, דער מויער און אלץ וואס ער פארמאגט, וואס דארף ער סיידן אליין פאר זיך? גארניט! ער האט קיינעם ניט! און זי הערט אים אוים ביז צום סוף, און ער מיינט, אז ער האט זי שוין איינגערעדט, געפועלט ביי איר, נאר זי ענטפערט אים באלד, אז זי דארף אויך גארניט האבן, און עס קומט עפעס אוים, אז זיי דארפןביידע ניט, ניט זי און ניט ער, טא ווי זשע פארט?

נאר שבת ווערט זי אן אנדערע, מלכה, אינגאנצן אן אנדערע, זי בליט זיך פאנאנדער פון קאפ ביז די פיס, אז נאך איינע אזא ווי זי איז איז גאר אויף דער גאנצער וועלט ניטא! און אויפן מארק, צווישן די סוחרים, האט מען טאקע געשמועסט, אז ערשט איצט איז דער אמתער רחמנות אויף ר׳ חאצען — איז געבליבן אליין אויף דער עלטער, און צוליב וואס לעבט אינגאנצן א מענטש?

ר׳ חאצע האט אבער אנדערש ניט געוואלט, ער האט קיינעם ניט געלאזט אפילו רעדן צו זיך, און לייזער-בער האט טאקע מער ניט גערעדט, האט זיך ניט געבעטן ביי אים, ביז איינמאל, אין א שבת צו-נאכטס, שפעט נאך הבדלה, ווען ר׳ חאצע האט זיך שוין אויפ-געהויבן פון טיש און האט זיי ביידן געזאגט, לייזער-בערן און מלכהן „א גוטע נאכט, א געזונטע וואך”, האט זיך לייזער-בער מיטאמאל א ריס געטאן פון ארט, האט זיך אוועקגעשטעלט ביי דער טיר ווי א בלינדע שטיק וואנט, און ער וועט ניט לאזן אוועקגיין, ער וועט ניט לאזן!

לייזער-בער איז געשטאנען א גרויסער, א שטארקער, און געשריען האט ער אויף אן איבערגעריסענעם קול מיט א קוויטש אזש, און מלכה איז געזעסן ווי מען וואלט איר ווי געטאן, און ר׳ חאצע האט געקוקט צעטומלט:

—וואס הייסט?

—מען לאכט פון מיר!

—ווער לאכט? ווען? וואו?

—אלע! אויפן מארק! וואס בין איך סיידן א קארגער אזא?

ר׳ חאצע האט נאך אלץ ניט געוואוסט וואס דא איז און ער האט זיך א וויש געטאן דעם שטערן, דעם פנים, האט זיך צוריק אראפגע־לאזט אויפן שטול, און לייזער־בער האט שוין ניט געשריען, נאר גע־רעדט, געטענהט, אז זיי מיינען, אלע מיינען זיי, אז ער זשאלעוועט, נאר ער זשאלעוועט ניט, ניין, ער זשאלעוועט גארניט!

און דא האט ער מיטאמאל אויסגעצויגן א האנט, וואס האט גע־שטאכן ר׳ חאצען אין די אויגן, און האט גענומען טייטלען אויף מלכהן, אז עס איז א רחמנות, אויף איר, און זי איז טאקע געזעסן אזוי, ווי עס וואלט געווען אויף איר א צער, און ר׳ חאצע האט אויפ־געהויבן די ברעמען, האט געקוקט מיט נאקעטע אויגן, און מיט נא־קעטע אויגן האט ער באלד מסכים געווען, ווי געשלונגען די טרערן, וואס זיינען אים געקומען אין האלדז אריין מיט יעדן געציילטן ווארט:

—גוט, איך האב ניט געוואוסט, אז דו מיינסט אזוי, גוט...

לייזער־בער איז אפגעטראטן פון טיר, איז געבליבן שטיין אין מיטן שטוב, און מלכה האט אפריער א קוש געטאן דעם טאטן און דערנאך איז זי צוגעגאנגען צו לייזער־בערן, און די האנט אירע, א קליינע און א צוגעלאזענע, ווי ביי א קראנקן, האט א גלעט געטאן זיין פלייצע, זיינע ביידע הענט. זי האט עפעס גערעדט צו אים, האט עפעס געזאגט, און ער האט נאר געפילט די אוועקגעגעבענע האנט אירע, וואס איז געלעגן אין זיינער, און ר׳ חאצע האט איינגע צונויפ־גענומען די ברעמען און האט ארויסגעלאזט א קרעכץ — אויף דער פריי.

## LV.

ר׳ חאצע איז שוין דערנאך מער ניט געגאנגען אויף די גויאישע געסלאך, קיינמאל ניט, און קלמן האט געווארט א טאג, צוויי טעג, דריי טעג, און ער האט אלץ געקוקט אויף דער מאמען, ווי ער וואלט זיך געבעטן ביי איר, נאר איר אליין איז אויך שווער געווען אויפן הארצן, און זי האט געשריען מיט כעס:

—וואס ווילסטו? טשעפע זיך אפ פון מירן!

חנה האָט געוואוסט, אַז ר׳ חאַצע איז איר גאָרניט שולדיק געבליבן, ווי קומט איר משפּחה צו זיינער? נאָר ער האָט אפילו ניט געזאָגט קיין „גוטן טאָג“, גאָרניט, אָט ווי זי וואָלט גאָר קיין מענטש ניט געווען, ניט זי און ניט קיינער, און זי שרייט איצט אויף קלמנען:

— אומגליק מיינער!

קלמן נעמט עס צו ווי פּאַרדינט, און טאַקע ווי אַן אומגליק פאַרקלייבט ער זיך באַלד אין אַ ווינקל, און יחיאל־מנשהן רייסט עס ביים האַרצן, די גאַנצע זאַך, און ער שאָקלט מיט זיין שווערן קאָפּ, ווי אַ פערד, וואָס איז געקומען פון אַ ווייטער נסיעה, אַז ר׳ חאַצע זאָל אַזוינס אָפּטאָן, ר׳ חאַצע!

ער האָט זיך דאָ, דוכט זיך, אַנגענומען פאַר זיי, פאַר זייניקע, נאָר חנה ווערט ערשט איצט רעכט אין כעס, אַז זי פּלאַקערט ווי אַן אויוון:

— וואָס האָט ער אָפּגעטאָן, וואָס?!

יחיאל־מנשה פינטלט מיט די אויגן, ווייסט ניט וואָס צו זאָגן, און חנה וואַרט גאָרניט, אַז ער זאָל איר ענטפערן, זי איז פול מיט גאַל:

ר׳ חאַצע האָט אָפּגעטאָן... וואָס האָט ער אָפּגעטאָן? דו האָסט אָפּגעטאָן!

—איך?

—האָסט אונדז אומגליקלאַך געמאַכט, אַלעמען!

—איך?

חנה קוקט אים לאַנג אָן, ווי זי וואָלט אים באַטראַכט, און ער שטייט ווי אַ גולם, און זי שרייט שוין ניט מער, נאָר וואַרפט אים דעם גט פאַר די פיס:

—דו! נאָר דו!!

יחיאל־מנשה לעקט אַזש מיטן צונג, ווי אויף אַ בייז וואונדער, און קלמן זעט, אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען קריגן זיך עס צוליב אים, און ער שאַרט זיך אַרויס פון זיין ווינקל, זאָלן זיי זען, און חנה גיט זיך טרוקן אַ וויש די אויגן, ווינטשט טרוקן אויף זיך דעם טויט, און יחיאל־מנשה שטייט אַ שולדיקער, מען האָט אים שוין איינגערעדט, אַז ער איז שולדיק — — —

עס איז שוין געווען נאָך פּסח, זומער, און דער טייך האָט זיך

ברייט צעגאַסן, האָט געגלעט די פּלויטן פון די נידעריקע הויפן, און אויף די גויאישע געסלאַך האָט שאַרף געשמעקט מיט פרישע, גע־שמאַקע וואַסער און מיט פעטע, גלאַנציקע בלאָטעס. די גויים האָבן ניט מורא געהאַט, אַז עס וועט פאַרטרינקען זייערע הויפן, זיי האָבן זיך גאָר געפרייט מיטן וואַסער, ווי פאַרשיכורטע, האָבן זיך געגרויסט מיטן טייך, און אַט בויגט זיך אַן אַלטער פויער, נעמט אַן אַ פולן הויפן מיט בלאָטע, ווי קאַשע, און גיט אַ לעק, פאַרזוכט:

—גאָטס שפּייז!

און אויפן בלויען הימל האָט געשיינט די זון, און אַז מען האָט לאַנג געקוקט, גלאַט אין דער וועלט אַריין, האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מען זעט אַ רעגנבויגן אין דער לופטן.

קלמן האָט זיך שווער געשלעפּט איבער די גויאישע געסלאַך, די בלאָטע האָט זיך, ווי טויג, געקלעפּט צו זיינע שטיוול, האָט ניט אָפּגעלאָזט זיינע טריט, נאָר ער האָט מיט אַלע זיינע כוחות געוואָלט גיין אַלץ ווייטער, קומען אויפן מאַרק, און איטלאַכע ווײַלע שטעלט ער זיך אָפּ, אָטעמט, רוט, און די שטאָטישע גאַסן זיינען שוין ניט אַזוי בלאָטיק, זיינען גרינגער, און אַז ער איז געקומען אויפן מאַרק איז ער אַריין צו ר׳ אברהם צעלניקן אין קראָם אַריין.

ר׳ אברהם האָט געוואוסט וואָס מיט קלמנען האָט געטראָפן, נאָר געזען האָט ער אים ניט די גאַנצע צייט, און קלמן איז איצט געשטאַנען אויף די צוויי אויסגעדרייע פיס, מיט די צוויי צעדריי־טע הענט, און אינגאַנצן איז ער עפּעס געווען אַזאַ, ווי מען וואָלט אים אַרויסגענומען פון אונטער אַ דרעש־מאַשין, און ר׳ אברהם האָט זיך אַ פּאָר מאָל אַ גלעט געטאָן די באָרד, מיט אַ צופּ, מיט אַ ריס ביים גלעטן, און דערנאָך האָט ער אַ נעם געטאָן דעם שטול, אויף וועלכן ער אַליין זיצט שטענדיק ביי דער קאַסע, און האָט עס אוועק־געשטעלט פאַר קלמנען:

—זיץ, זעץ זיך צו!

די הענט זיינע האָבן שטאַרק אוועקגעשטעלט דעם שטול, נאָר דער קול זיינער האָט מאָדנע געציטערט, ניט געשריען און ניט גע־רעדט, נאָר געציטערט, און קלמן האָט זיך אַנידערגעזעצט, האָט גע־קוקט איבער דער קראָם, און ער האָט אַזש געשמייכלט, אַזש אויפן

קול, אזוי איז אים גוט געווען פון דעם, וואס ער איז פארט געקומען — איז ווייט געגאנגען, א ווייטן וועג, און אט זיצט ער, און אט רעדט מען צו אים — אלץ מיטאנאנדער!

ער האט זיך געפרייט, ווי א בריה א אינגל, און ר' אברהם האט ניט אויפגעהערט צו קוקן אויף אים, און ווי ער אליין, ר' אברהם, וואלט אויך האבן א חלק אין דעם אומגליק, ביז ער האט ארויסגענומען עפעס געלט און האט עס גענומען שטופן קלמנען אין די הענט אריין. ער האט זיך דערביי זייער געאיילט, ר' אברהם, ווי ער וואלט נאר בעת מעשה געווען פארנומען מיט עפעס אנדערש, און ביי קלמנען האבן לויז געשטעקט די הענט, און ער האט ניט געוואוסט, האט ניט פארשטאנען — צי שיקט מען עס אים א גאנג, צי וואס? נאר ר' אברהם האט אים אויף גיך א שלעפ געטאן פארן ארבל, איז האסטיק ארוים מיט אים פון קראם, און שפאנענדיק אפריער איז ער, מיטן זעלבן האסט, ווי אין איין אטעם, אריין מיט אים צו איין קרעמער, צו א צווייטן און א דריטן. ער האט זיי ניט דערציילט קיין לאנגע מעשות, א ווארט נאר, א פיר מיט דער האנט, און די קרעמער האבן שוין אליין פארשטאנען, און — אוודאי, יא, אוודאי!

אט אזוי איז ער מיט אים געגאנגען פון קראם צו קראם, באגלייט פון דעם באלעבאטיש-ברייטן „אוודאי, יא, אוודאי!", ביז עס איז מער ניט געווען וואוהין צו גיין, און זיי האבן זיך ביידע אפגעשטעלט, און ר' אברהם האט אים אנגעזאגט, האט אים געהייסן, מעשה באלעבאס, אז ער זאל באהאלטן דאס געלט, אין קעשענע באהאלטן. קלמן האט איבערגעלייגט דאס געלט פון איין האנט אין א צווייטער, און די צווייטע האנט האט קרום גענומען זוכן די קעשענעס, און ר' אברהם האט זיך שארף פון אים אפגעקערט, פלוצלונג אזוי, האט אים איבערגעלאזט אליין, נאר באלד האט ער זיך ווידער אפגעשטעלט און האט אים ווידער געהייסן, שוין פון דערווייטנס, אז ער זאל קומען אהער אפטער, שטענדיק, ווען ער וועט נאר וועלן.

און קלמן איז דערנאך געגאנגען אהיים, האט זיך געפרייט ווי א בריה א אינגל, האט געוואלט קומען וואס גיכער מיט זיין שפרינגענדיקן אטעם, און אז ער איז געקומען האט ער אזש שיעור נית אויסגעשריען:

—מאמע, טאטע, זע!

נאר אז ער האט אריינגעשפארט די האנט אין קעשענע, האט געוואלט ארויסכאפן דאס געלט, ווייזן, בארימען זיך, האט ער מיטאמאל אלץ דערזען, האט מיטאמאל אלץ פארשטאנען, עס איז ניט קיין געלט, נאר נדבות, און ער האט זיך א ריס געטאן פון ארט, ווי א פארסמטער, איז אויף דער רגע געווארן א גלייכער, א געזונ־טער, און אט לויפט ער באלד צוריק אויפן מארק, צו ר׳ אברהמען, צו אלעמען, און וועט דארט — — —

ער האט געוואלט א געשריי־טאן, נאר ער האט נאר פארווארפן דעם קאפ, און די הענט זיינע האבן זיך שטעביק געצאפלט, ווי די דארע, טרוקענע צווייגן, און יחיאל־מנשה האט אים אונטערגעכאפט ווי אן אונטערגעזעגטן, האט אים אריינגעקוקט אין פנים אריין, האט אים געטרייסלט ווי אן אפגעבראכענעם בוים אן ווארצלען, וואס מען האלט ארומגעכאפט מיט ביידע הענט, און האט אויפגעהויבן א געוועלד:

—ער שטארבט!

קלמן האט דערהערט דעם טאטנס געשרייען, האט געעפנט די אויגן, און יחיאל־מנשה מיט חנהן זיינען ביידע געשטאנען לעבן אים, האבן געקוקט, האבן געווארט, און קלמן האט זיי ביידן איבער־געלאזט און האט זיך אריינגעלייגט אין בעט. ער האט צוגעמאכט די אויגן, האט זיך געמאכט, אז ער איז קראנק, און זיי זיינען אים ביידע נאכגעגאנגען, און יחיאל־מנשה האט פון אים אראפגעשלעפט די שטיוול, און חנה האט נאכאמאל א קוק געטאן אויף אים, און יחיאל־מנשה, דער טאטע, האט עפעס גערעדט צו דער מאמען, און חנה, די מאמע, האט געזאגט הויך אויפן קול:

—ער האט שוין מיין טבע, ער חלשט!

## LVI.

און ווידער איז געווען א זוניקר טאג, און ווידער איז קלמן גע־גאנגען איבער די לאנגע, געדרייטע געסלאך, וואס וויפיל מען זאל ניט גיין, וויפיל מען זאל ניט קנעטן די בלאטעס, ציען זיך נאך

אַלץ ווייטער די גאַסן, נאָר קלמן האָט געוואוסט ביי זיך, שטום און איינגעשפּאַרט, אַז ער וועט ניט בלייבן שטעקן אינמיטן, אַז ער וועט פּאַרט קומען אויפן מאַרק, וועט דערגיין צו ר׳ אַברהמען.

און ער איז טאַקע געקומען, און ר׳ אַברהם האָט אים באַגעגנט אַזוי, ווי עס וואָלט שוין געווען אַן אַלטע זאַך, און קלמן האָט אויף קיינעם ניט געקוקט, האָט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און ר׳ אַברהם האָט געוואָלט דערלאַנגען, אַרויסנעמען עפּעס געלט, נאָר דאָ האָט אויך קלמן אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע, האָט פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט דאָס גאַנצע, יענע געלט, און האָט עס אויסגעצויגן צו ר׳ אַברהמען אין די אויגן אַריין. מען האָט ניט געקענט זען אויף קלמנען, וואָס ער וויל מיט דעם, וואָס ער איז דאָ אויסן, און ר׳ אַברהם איז, אַ פאַרטראַכטער, אָפּגעטראָטן פון אים אַ טראָט אויף צוריק, און דאָס געלט אויף קלמנס לאַדאָניע איז געלעגן פאַר זיינע אויגן, ווי אויף אַן אונטערגעטראָגענער טאַץ, און ר׳ אַברהם האָט זיך אַ פיר געטאָן איבער דער באָרד, האָט זיך אויך מיישב געווען, און קלמן האָט לאַנג ניט געקענט האַלטן די האַנט זיינע אויסגעצויגענערהייט. עס האָט אים ווי געטאָן, און פון צווישן די פינגער האָט זיך אַרויסגעגליטשט אַ מטבע און האָט זיך פאַרקייקלט מיט אַ קלונג.

ר׳ אַברהם איז צוגעגאַנגען צו אים, און קלמן האָט נאָר געוואָרט, האָט נאָר געוואָלט, אַז ר׳ אַברהם זאָל אים ווידער אַ שלעפּ טאָן פאַר אַ האַנט, זאָל אים ווידער נעמען איבער די קראָמען, ער וועט זיך דעמאָלט איינשפּאַרן מיט די פיס אין וואַנט, וועט רייסן, בייסן, נאָר ר׳ אַברהם האָט עס גאָר אפילו אין זינען ניט געהאַט, ניט דאָס:

—הערסטו, קלמן...

ביי קלמנען האָבן געשטשירעט די ציין, ווי ער וואָלט מיט זיי געאַטעמט, נאָר ר׳ אַברהם האָט עס פאַרזען, האָט אַלץ פאַרקוקט, אַזוי נאָענט איז אים איצט קלמן געווען, אַזוי בלוטיק זיינס. ר׳ אַברהם איז אַ איד מיט אַ ברייטער, סיווער באָרד, אַ איד מיט אַ ברייטן, באַלעבאַטישן שטאַט, און וואָס איז בטבע קאַרג אויף רייד, נאָר אין קלמנען האָט איצט געשטעקט עפּעס אַזוינס, וואָס וואָלגערט זיך ניט צווישן מענטשן, וואָלגערט זיך ניט אויף דער גאַס, און

נישקאַשע, עס איז דאָ אַ גרויסער גאָט אויף דער וועלט און ער פאַרלאָזט קיינעם ניט!

קלמן איז אַרויס פון קראָם און ר׳ אברהם האָט אים נאָכגע־קוקט אַ נתפּעלדיקער, און דערנאָך האָט ער זיך גענומען אַרומשפּאַ־נען איבער דער קראָם מיט פאַרלייגטע הענט אויף הינטן, און מען טאָר עס ניט לאָזן אַזוי, אַ טייערער נפש, איז גאָר ניטאָ קיין תרופה? און קלמן איז דורכגעגאַנגען דעם מאַרק און איז צוגעגאַנגען צו ר׳ חאַצען.

ר׳ חאַצע האָט אים דערזען נאָך פון דערווייטנס, האָט זיך אים אַ לאָז געטאָן אַנטקעגן — און וואָס מאַכט ער, קלמן? וואָס מאַכט ער? קלמן האָט געקוקט מיט אויגן, ווי זיי וואָלטן זיך ערשט נאָר־וואָס גוט אויסגעוויינט, די אויגן זיינע, און ביי ר׳ חאַצען אַליין האָבן זיך אויך ברייט פאַנאַנדערגענומען די פּאַלעס, און קלמן האָט זיך צר־נעשפּאַרט, האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן קאַסטן, וואָס האָט זיך געוואַלגערט דאָ דערביי, אַ ליידיקער, קיינעמס ניט, און ר׳ חאַצע איז געשטאַנען לעבן אים, האָט זיך אָוועקגעשטעלט — ווי אַ שומר.

קלמן האָט זיך שוין אָפּגערוט, און ער האָט געוואָלט דערציילן פאַר ר׳ חאַצען, אַלץ דערציילן, און ר׳ חאַצע איז געווען פאַרטראַגן מיט זיינע אייגענע רעיונות, און ווייט אַריבערן מאַרק האָט זיך שוין געזעצט די זון, ווי אַ פאַרשלייערטע, און איבערן מאַרק האָבן זיך אַרומגעדרייט מענטשן.

זאָל ער דאָ אָפּוואַרטן, קלמן, אַ ווײַלע, ר׳ חאַצע וועט היינט גיין מיט אים אַהיים, ניט צו דער טאָכטער, נאָר טאַקע אַהיים, אויף די גויאישע געסלאַך, נאָר געשטאַנען איז ער, ר׳ חאַצע, אַ גלייכער, אַן אויסגעצויגענער, ווי אין אַ פענצטער, און קלמן האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט — ביז וואַנען ער וועט קומען אַהיים וועט שוין זיין גוט פינצטער.

ר׳ חאַצע האָט ניט געוואָלט, אַז ער זאָל שוין אַוועקגיין, האָט אים ניט געוואָלט אָפּלאָזן פון זיך, נאָר די בלאָטעס זיינען גרויס און די נעכט זיינען פינצטערע, און ער האָט אים געזאָגט, ר׳ חאַצע, האָט אים מיטגעגעבן — וואָס ער האָט נאָר געקענט:

—גריס אין דערהיים, גריס אַלעמען, איך בעט דיך!

און קלמן האָט דערנאָך גערעדט מיט דער מאַמען, האָט איר

דערציילט, ניט ווי א בריה א אינגל, נאר ווי אן עלטערער מענטש שויז, אן איינגעשטילטער און מיט פארשטאנד, אז ר' חאצע האט זיי אלעמען געלאזט גריסן, אלעמען, און חנה האט אים געהערט מיט אן אפענעם מויל, און די אפענע ליפן אירע האבן געהאלטן אין איין מורמלען, די גאנצע צייט:

—א דאנק דעם אויבערשטן.. געלויבט איז דער אויבער־שטער...

# LVII.

די גויים האבן געקוקט אין הימל אריין, האבן שטארק זיך צו־געהערט, אז טאמער דערשמעקן זיי פארט א רעגן, נאר די טעג זיינען ווייטער געשטאנען טרוקענע, אז עס האט שטענדיק געטריקנט אין האלדז. באטאג האט זיך געשטויבט א וואלקן נאך יעדער פור, נאך יעדן טראט, און באנאכט האבן זיך געבראכן צווייגן פוןביימער, מיט א טרוקענעם קלונג, ווי אויסגעשאסן, און עס האט געשמעקט מיט גראז, וואס איז פארברענט געווארן פון דער זון.

קלמן גייט אפט אוועק פון דערהיים, אינמיטן טאג, און גיין גייט ער ניט אויפן מארק, ער פארנעמט זיך מיט דער פריצישער גאס, און אז ער קומט צו לייזער־בערס מויער גייט ער ניט אריין דורך דער פאראדנער גאס־טיר, נאר דורכן הויף אין קיך אריין, און די דינסט אין קיך קען אים שוין, ווייסט ווער דאס איז, און זי גיט באלד ארויף צו דער באלעבאסטע, און מלכה קומט ארויס פון די חדרים, גייט צו אים צו, און זיי זעצן זיך ביידע אנידער אויף דער באנק, וואס אין ווינקל.

—וואס מאכסטו, קלמן?

—איך בין געזונט.

ביי מלכהן זיינען אויפגעלעבט די האר אויפן קאפ, ווי זאנגען נאך א רעגן, און קלמן לאכט אין זיך, קוועלט, און די פינגער זיינע, טרוקענע און קאלטע, ווי אוועקגעווארפענע ביינדלאך, רירן אן איר האנט, וואס ליגט ביי זיך אויף דער קני, און זי כאפט ניט צו פון אים די האנט אירע, נאר לאזט אים טאן וואס ער וויל:

—די מאמע איז נאך אין כעס אויף מיר?
—ניין, פארוואס זאל זי זיין אין כעס?!
און ער וויל איר זאגן, וויל זי בעטן, אז זי זאל אמאל קומען צו זיי. די מאמע וועט זיך מחיה זיין, אלע וועלן זיך מחיה זיין. נאר ער זאגט עס ניט, ער האט מורא. און איינמאל, ווען זיי זיינען זיך געזעסן אט אזוי, איז פלוצלונג אנגעקומען ר' חאצע, און אז ער האט זיי דערזען, האט ער זיך שטארק פאנאנדערגעשריען, געטשעט ווי זיין שטייגער, אז וואס עפעס אין קיך גאר? פארוואס ניט אין עס־שטוב? פארוואס ניט אין זאל?
מלכה איז געשטאנען פארן טאטן מיט צונויפגעלייגטע הענט, און ווי זי וואלט זיך געבעטן ביי אים, אז אפשר זיינען גאר די זאלן איר אומגליק? נאר ר' חאצע האט ניט געוואלט הערן אפילו, וואס זי וועט זיך דארט פארענטפערן, ער האט זי איבערגעלאזט מיט כעס, און זי האט זיך צוריק אוועקגעזעצט לעבן קלמנען, אזוי ווי פריער, און קלמן איז ניט ברוגז געווען אויף איר, זי האט געוואוסט, אז ער איז ניט אין כעס, און ער האט זיך טאקע א כאפ געטאן, אז ניין, ניין!
און אט גייט ער שוין אוועק, א גליקלאכער, א צופרידענער, ער דארף מער גארניט האבן, און מלכה געזעגנט זיך מיט אים און איז אים מקנא — מען מעג פון איר לאכן, יא!
ר' חאצע הויבט קיינמאל ניט אויף קיין קול, רעדט קיינמאל ניט ארויס קיין הויך ווארט, ער זיצט זיך שטענדיק אויף זיין ארט אין עס־שטוב, האלט אראפגעלאזט די ברעמען, און לייזער־בער וויל צו אים צוגיין, וויל אים א טאקע טאן אין זייט: איר לעבט? און שטארק זיך פאנאנדערלאכן, אזוי שטארק, אז עס זאל זיך אזש צעקלינגען איבערן גאנצן מויער, עס זאל עפעס טרעפן. לייזער־בער האט געמיינט אפריער, אז ווען ר' חאצע וועט זיין דא מיט זיי, וועט מלכה ווערן אן אנדערע, אלץ וועט דא אנדערש ווערן, וואס נאך וועט זי דעמאלט וועלן? וואס נאך וועט איר דעמאלט פעלן? און מלכה איז טאקע געווארן אן אנדערע, די ערשטע עטלאכע טעג, נאר באלד האט זי זיך צוריק אומגעקערט און איז ווידער געווארן אזא, אז זי קען נעמען אין מיטן דרינען, קען אלץ איבערלאזן, קען אינגאנצן אוועק־ניין און עס זאל איר גארניט ארן.
אין זאל שטייען גרויסע, שווערע פוטעלן, רירן זיך קיינמאל

נים פון ארט, שווייגן, און עס איז שטיל אין דעם גאנצן מויער, אז מען הערט אפילו נים, צי טרעט דארט אימיצער, און לייזער־בער קען עס שוין מער נים איבערטראגן, ער וועט אראפ פון זינען.

ר׳ חאצע זיצט זיך אין איין ארט, און מלכה זיצט זיך באזונ־דער, אויף אן אנדער ארט, און זיי אליין רעדן אויך נים צווישן זיך, נאר עפעס זיינען זיי איינס, עפעס האבן זיי שוין אפגערעדט, און לייזער־בער וויל זיי צונויפרופן אינאיינעם, ביידן, און זאלן זיי צונעמען דעם מויער, אלץ, און זאלן זיי זיך אוועקגיין, זאלן זיי אויפ־הערן! וואס נאך ווילן זיי פון אים האבן?!

עס איז נאכט, מען שלאפט שוין, און לייזער־בער קריכט אראפ פון בעט, גיים צו צו מלכהן, צו איר בעט, און פרעגט, ער וויל וויסן:

—שלאפסטו?

מלכה האלט אפן די אויגן, קוקט אים אן, נאר זאגן זאגט זי אים גארנים. זי שרייט נים, קאמאנדעוועט נים, און ער בויגט זיך אן איבער איר, ווי אן אויסגעבויגענער שטיק אייזן:

—האסט מיך פיינט? זאג, האסט מיך פיינט?!

ער רעדט צו איר מיט די אויגן, מיט זיין נאקעטער נשמה, וואס צאפלט זיך ווי א וואונד, און די ווייבע, געקרייזלטע בארד זיינע רירט־אן איר האלדז, איר הארץ, און זי מאכט־צו די אויגן און ליגט זיך ווייטער אזוי, ווי זי וואלט נאר א טובה געטאן, נאר אים צוליב. זי ווייסט, אז זי דארף אפקומען, עס איז איר מזל אזא, און זי ווארט אויף דעם, ווארט אן שרעק, גיט אפילו נים קיין פיפס, און ער וויל זי א כאפ טאן פון בעט ארוים און ארייננשליידערן זי אהין, צו ר׳ חאצען — זייט זיך אייך ביידע געזונטערהייט! טשעפעט מיך נים!

לייזער־בער סקריעט מיט די ציין, און מלכה עפנט די אויגן, מאכט זיי ווידער צו, און זאל שוין זיין נאך דעם, זאל שוין, און זי הויבט שוואך אויף א האנט, וואס גיט א בליץ פאר די אויגן מיט נאקעטקייט, די האנט אירע, וואס לאזט זיך באלד צוריק אראפ, און דאס אפגערעדעטע הארץ אירס, וואס האט אויף זיך צוויי קליינע, רחמנותדיקע ברוסטן, ווי צוויי ווייטיקן ביי א קינד, און לייזער־בער ניט זיך א ריס פון ארט, ווי א בוים מיט די ווארצלען ארוים, און לויפט אוועק, אנטלויפט.

ער קוקט זיך נים אום, לויפט פון איין חדר אין א צווייטן, ווי

מען וואַלט זיך נאָך אים נאָכגעיאָגט, נאָר די טריט זיינע זינקען אין דער ווייכער פריצישקייט פון מויער, און מלכה דעקט זיך צו דאָס האַרץ, די הענט, און מאַכט צו די אויגן. זי פרייט זיך מיט גאַרניט, זי האָט ניט קיין פרייד, און זי וועט טאַקע באַלד אַנטשלאָפן ווערן, און לייזער־בער לויפט אַריין אין דעם גרויסן זאַל און שטעלט זיך דאָ אָפּ: ער אָטעמט שווער, ווי פון אַן איינגער פּאַס אַרויס, און שווער זעצט אים איבערן מוח אַ פּלאַטשיקער האַמער אַזאַ, נאָר הערן הערט ער גאַרניט. עס איז אַזוי געדיכט־שטיל אַרום, אומעטום, ווי אַ שטיק לעבער, וואָס קריכט אין מויל אַריין, אין נאָז אַריין, אַז כאָטש נעם און ווער אייגעזוונקען.

און ער פאַרגייט שוין איצט אָפּט, לייזער־בער, אין שיינק אַריין איידער ער קומט אַהיים, און די שיקסע אין שיינק טראָגט אים אונטער אַ גלעזל בראָנפן, און ער גיסט עס אַריין אין זיך, טרינקט ניט, נאָר גיסט אַריין, און די שיקסע שטייט פאַר די אויגן, טרעט ניט אָפּ. זי האַלט אָנגעשפּאַרט די הענט אירע אויפן טיש, און די אַרבל זיינען ביי איר פאַרקאַטשעט ביז צו די אַקסלען, און די הענט אירע זיינען שטאַרקע, פולע און זייער ווייסע, אַז איינע אַ האַנט אירע איז מער ווי מלכה אינגאַנצן!

ביי לייזער־בערן מישן זיך ניט די געדאַנקען, ניין, זיי מישן זיך ניט, און ער גיסט אַריין אין זיך נאָך אַ גלעזל און נאָך אַ גלעזל, און די שיקסע גיט זיך ביי אים אַ פרעג:

— וואָס האָסטו זיך אַזוי צוגעכאַפּט?

זי רייצט זיך ניט מיט אים, ניין, זי האָט גאָר הנאה, זי קוועלט גאָר פון אים, און אַ גוטע, אַ געטרייע, באַגלייט זי אים דערנאָך אַרויס פון שיינק. הייסט אים ניט קומען נאָכאַמאָל, בעט ביי אים גאַרניט, און מלכה מיט ר׳ חאַצקען זיצן שוין ביים טיש, ווען ער קומט אַהיים, וואַרטן אויף אים, נאָר אַז ער קומט, רעדן זיי אים ניט אויס. די דינסט דערלאַנגט דאָס עסן, און מלכה צעטיילט די חלקים, עסט אַליין, און ר׳ חאַצע עסט אויך מיט איר, נאָר שטיל אַזוי עסן זיי ביידע, ווי די פייגעלאַך, זיי טשמאַקען אַפילו ניט מיט די ליפּן, גאַרניט, און לייזער־בער וויל אויפשפּרינגען פון אָרט און אַ זעץ טאָן איבערן טיש:

— איר וועט מיך אַרויפטרייבן אויפן פייער! איך וועל זיך נאָך שמדן!

# LVIII.

לייזער־בער האָט שוין לאַנג אויפגעהערט שטיין אויפן מאַרק, ער האָט אויף זיין אָרט אוועקגעשטעלט משה גזלן, און משה האָט גערעדט צו אים, ווי פון אַ פאַרזשאַווערטער טרובע אַרויס:

—דער אויבערשטער וועט דיר דערפאַר בּאַצאָלן, לייזער־בער, שרעק זיך ניט!

לייזער־בער האָט אומעטיק געשמייכלט, ווי אַ מענטש, וואָס איז קלוג, און משה האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט, האָט אים גע־טרייסט:

—דער אויבערשטער באַצאָלט פאַר אַלץ!

משה איז געווען זייער אַ באַוואַקסענער, און זייער אַ גע־זונטער, ווי אַ חיה: איין קלאַפּ זיינער, איין זעץ פון אים האָט גע־קענט מאַכן פאַר אַ קדוש, און טאָקע דערפאַר אפשר האָט ער זיך נאָך קיינמאָל מיט קיינעם ניט געשלאָגן, האָט נאָך קיינעם ניט דער־הרגעט דערווייל, נאָר גערופן האָט מען אים פונדעסטוועגן „משה גזלן“ פון שטענדיק אָן.

לייזער־בער האָט געוואָלט, אַז אויך דער שווער זיינער, ר׳ חאַצע, זאָל שוין ווערן אויס לייוונט־מעסטער, געגוג, און צוליב וואָס דאַרף ער עס אַשטייגער? נאָר ר׳ חאַצע האָט אַזש מיט די הענט געטריבן פון זיך די רייד זיינע, ווי מען טרייבט פון זיך פליגן.

לייזער־בער האָט אומעטיק געשמייכלט, ווי אַ מענטש, וואָס איז קלוג, און ר׳ חאַצע מיט מלכהן זיינען נאָך מער געוואָרן איינ־איינעם, און לייזער־בער איז נאָך מער געוואָרן אַליין, און איז שטאָט זיינען זיך ווייטער געווען צוויי לייוונט־מעסטער, דער ער־שטער — ר׳ חאַצע, און דער צווייטער — משה גזלן.

משה האָט זיך שטאַרק געגרויסט, ווי עס גרויסט זיך אַ אינגל מיט אַ נייעם גאַרניטור, ער איז אַריינגעקומען אין יחוס, און צו ר׳ חאַצען איז צוגעקומען דער אַלטער רב, אין אַ מיטן טאָג, אויפן מיטן מאַרק:

ר׳ חאַצע איז אים געגאַנגען אַנטקעגן, האָט אים געטראָגן דעם „שלום עליכם“, און דער אַלטער רב איז ניט גלאַט צוגעקומען, ווי פאַרבייגייענדיק, נאָר איז טאָקע געקומען צו אים, אַ שטאָט מיט

אידן, א גאנצע שטאט קען נים פארטראגן קיין עוולות. און ר׳ חאצע דארף שוין מער ניט זיין קיין לייוונט־מעסטער. ער דארף ניט! און ר׳ חאצע האט א קוק געטאן אויפן קאסטן, וואס האט זיך געוואלגערט דא דערבייי, און האט אים ניט געבעטן זיצן, דעם אלטן רב — — —

דער אלטער רב האט עפעס א ברום געטאן, ווי פאר א שווע־רער עבודה, און ר׳ חאצע האט אראפגעלאזט די הענט, איז געבליבן שטיין א שולדיקער, ווי פון א גלייכווערטל אזא, וואס האט זיך ניט איינגעגעבן, עס איז אים ניט אנגעשטאנען, וואס ער קען אים ניט בעטן זיצן, דעם אורח זיינעם, דעם גאסט, ניט אנגעשטאנען פאר זיך אליין, צום ערשטן מאל פאר לאנגע, לאנגע יארן, און דער אל־טער רב האט זיך אנגעשפארט אויף זיין גראבן, געזונטן שטעקן, שטארק אנטקעגן ר׳ חאצען, און זאל ער אים אקארשט זאגן, ר׳ חאצע, אדרבא, מיט וועמען פראוועט דא ער דא איצט זיין עקשנות? מיט וועמען? און ביז ווי לאנג איז דער שיעור? עס דארף דאך אמאל נעמען א סוף, צי ניין, ווי רעכנט ער?!

דער אלטער רב איז ניט אפגעטראטן, ער האט געוואלט אן ענטפער, האט געווארט אויף אן ענטפער, און ר׳ חאצע האט אים ניט געענטפערט, נאר האט גאר אנגעהויבן רעדן ווי ווענן אן אנדער עניין, אז ווען א מענטש וויל טיילן צדקה דארף ער עס טאן פון זיינע אייגענע, פון פארדינטע.

—וואס? ווי אזוי?!

דער רב האט זיך יונג א כאפ געטאן, האט זיך אויף גיך צר געשפארט צום קאסטן, האט לעבן זיך אוועקגעשטעלט דעם שטעקן, און ר׳ חאצע האט ווייטער גערעדט, און דער אלטער רב האט אים געהערט אזוי, ווי עס וואלט געוועזן אן עבירה צו פארלירן א ווארט, אן אות, און די פארמעטענע הענט זיינע, די פארמעטענע פינגער האבן ארומגעציטערט דערביי אין דער לופטן ביים הערן, ווי ער וואלט מיט זיי באגלייט און געגלעט די אייגענע רעיונות זיינע, די אייגענע פרייד:

דער מענטש מיט זיין נארישן שכל קען ניט באנעמען דעם אויבערשטנס דרכים, אוואו ער זייט זיינע מצוות, און זען קען ער גאר, דער מענטש מיט זיין פשוט אויג, ווי אזוי עס וואקסט א

גארטן. ווי אזוי עס צעבליט זיך א בוים, נאר ווי אזוי עס גייען־אויף מצוות, ווי זאנגען גייען זיי אויף, דאס קען ער ניט זען, צו דעם דארף מען ערשט זוכה זיין!

זיי האבן נאך לאנג געפירט זייער שמועס, זיינען געווען פאר־טיפט אין דעם ויכוח, אין מיטן העלן טאג, אויפן מיטן מארק, און ווייט אריבערן מארק האט זיך שוין געזעצט די זון, די צייט פון מנחה, און דער אלטער רב האט שוין געהאלטן דעם שטעקן אין דער האנט, נאר האט זיך ניט געאיילט אוועקצוגיין, און — וואס, ר' חאצע, געפאטערט א טאג לייזונג, הא?

דער רב האט געשאטן מיט געלעכטער, וואס האט ווייך גע־רוישט, ווי מען וואלט געמישט אין דער האנט טייערע, קאלירטע שטיינדלאך, און ר' חאצע איז אויך געווען אויפגעלייגט, און ער האט אויך געמאכט דאסזעלבע גלייכווערטל:

—יא!

נאר אט איז אנגעקומען דער ערשטער גרויסער יאריד פון יאר, וואס פאלט אוים אין דער צייט, ווען דער פויער נעמט ארונטער די תבואות פון פעלד און קומט מיט זיין רייכקייט אין שטאט אריין. די שטאט גרייט זיך אוןווארט אויפן יאריד דעם גאנצן לאנגן, מאגערן זומער, מען חשבונט, מען רעכנט און מען האלט אין איין טרעפן, נאר קומען קומט ער, דער יאריד, גאר פלוצלונג, ווי ניט געריכטערהייט. ערשט נעכטן איז נאך שטיל געווען, און היינט שטייט שוין דער יאריד פאר די אויגן, און מען גיט זיך מיטאמאל א לאז, מען לויפט, מען פארעט, און יעדער איינער האט מורא, אז ער זאל עפעס ניט פארלירן, ניט אנווערן און אז מען וועט ביי אים אויסנארן פון אונטער די הענט.

לייזער־בער איז דעם גאנצן טאג געזעסן ביים גרויסן דעמ־בענעם טיש, פון אינדערפרי אן, און דעם גאנצן טאג זיינען געקו־מען צו אים מענטשן: דער האט אפגעבראכט אן אלטן חוב, און דער איז געקומען בעטן א גמילות־חסד, און נאך איינער האט פאר אים אויסגעלייגט א געשעפט, א שותפות, און ערשט צו פארנאכט־צו האט זיך לייזער־בער געקענט אויפהויבן פון ארט, און אז ער האט זיך אויפגעהויבן האט ער א ציי־אוים געגעבן די פארזעסענע אברים

זיינע, דעם פאַרזעסענעם גוף, אַז ער האָט מיטאַמאָל פאַרנומען און אַרומגענומען דעם גרויסן, פרייען חדר.

אויפן טיש איז נאָך געשטאַנען דאָס זעקעלע מיט געלט, נאָר לייזער־בער האָט זיך ניט געאיילט מיט דעם, ווי עס איילט זיך ניט אַ איד אַ פרומער אַרויסצובאַגלייטן דעם שבת פון שטוב אַרויס, און באַלד איז שוין אויך ר׳ חאַצע געקומען פון מאַרק.

ער איז געווען פאַרשטויבט, ר׳ חאַצע, פאַרשטויבט און אויס־געמאַטערט, און עפּעס אַ צעקנייטשטער אינגאַנצן, און לייזער־בער האָט געקוקט אויפן שווער, און עס האָט זיך פאַרוואָלט אַ שפּיל טאָן זיך מיט אים, מאַכן אַ ביסעלע קאַטאַוועס:

—אנו, שווער, ווער האָט היינט מער פאַרדינט, איך צי איר, לאָמיר איבערציילן!

ר׳ חאַצע האָט כמעט ניט געהערט, וואָס מען רעדט צו אים, און לייזער־בער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס זעקל מיט געלט און אַ שאָט אַרויס אויפן טיש, אַז די טרוקענע מטבעות האָבן זיך צע־קייקלט אין אַלע פיר זייטן פון טיש אַראָפּ, און ר׳ חאַצע איז גע־בליבן אַ פאַרציטערטער, און אַ פאַרציטערטער האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן צונויפשאַרן די מטבעות, דאָס געלט, צוריק אין זעקל אַריין, מיטביידע הענט, מיט די עלנבויגנס.

לייזער־בער איז אָפּגעטראָטן אין אַ זייט, האָט זיך ניט גע־מישט, האָט נאָר געקוקט, און ווי ער וואָלט זיך פּלוצלונג דערשראָקן פאַר עפּעס, און ר׳ חאַצע האָט באַהאַלטן דאָס געלט אין דער בראַנד־שאַפע אַריין, פאַררוקט אין אַ ווינקל, און דערנאָך האָט ער זיך אומ־געקערט צו לייזער־בערן און האָט אים געזאָגט, ניט געשריען און ניט געבייזערט זיך, נאָר אַנגעזאָגט, אַז אַ מענטש טאָר זיך ניט גרויסן, אַ מענטש טאָר זיך ניט באַרימען!

לייזער־בער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען דעם שווער זיינעם אַזאַ, ווי ער איז איצט געווען, און ר׳ חאַצע איז שאַרף אָפּגע־טראָטן פון אים, האָט זיך אַנידערגעזעצט באַזונדער, און לייזער־בער איז געבליבן ווי אַ חיה, וואָס שטייט און שמעקט מיטן גאַנצן לייב, און עס האָט זיך אים טאַקע אויסגעוויזן, אַז ער הערט, ווי ר׳ חאַצע רעדט דאָרט עפּעס צו זיך אַליין.

דערנאָך האָט מען זיך צוזעצט ביים טיש און די דינסט האָט

דערלאַנגט דאָס עסן, און מען האָט געגעסן, יעדער איינער ווי ער האָט געקענט, און לייזער־בער האָט מער געקוקט אויף ר׳ חאַצען איידער געגעסן, און ביי ר׳ חאַצען זיינען נאָך נידעריקער ווי אַלע־מאָל אַראָפּגעלאָזט געווען די ברעמען, און אויף זיין פּנים און אויף די הענט אַפילו איז געלעגן אויסגעשפּרייט אַן אומעטיקע פאַרטראַכט־קייט, וואָס האָט אַזש געגלאַנצט, אַז מען האָט עס געקענט אָנטאָפּן מיט די הענט.

לייזער־בער האָט זיך געוואָלט פאַרענטפערן, מ׳יטן גאַנצן האַרצן, אויף צו דער אמתן, אַז ניט דאָס האָט ער געמיינט, ניט דאָס, און ער האָט אים איצט ליב געהאַט, דעם שווער זיינעם, האָט זיך געצויגן צו אים, נאָר ר׳ חאַצע איז געזעסן אַ ווייטער, אַ פאַרטראַגע־נער, און לייזער־בער האָט געקוקט אויף אים פאַרבאָרגן, מיט מורא.

# LIX.

און ר׳ חאַצע איז שוין אויף מאָרגן ניט געגאַנגען אין מאַרק אַריין, ניט אויף מאָרגן און ניט אויף איבערמאָרגן, אויס, און משה גזלן האָט אָפּגעשטעלט לייזער־בערן און אין זיין הייזעריקן, צוגע־לענערטן קול האָט זיך אַזש געהערט אַ שטילע ווייכקייט:

—אַפילו ווען איך וואָלט געווען דיינער אַ ברודער וואָלט איך דיר אויך געקומט אַ דאַנק!

לייזער־בער האָט געקוקט אויף אים צעטראָגן, פאַרטראַכט, און איז מיטאַמאָל אָפּגעטראָטן פון אים, און משה איז זיך ווייטער גע־בליבן שטיין ביי זיין שטעלכל, אָט ווי מען וואָלט אים דאָ אוועקגע־שטעלט און געהייסן זיין דער באַלעבאָס פון מאַרק. נאָר מער פון אַלץ האָט ער געהיט, אַז קיינער זאָל חס ושלום ניט אַרויס־רעדן קיין שלעכט וואָרט אויף לייזער־בערן, וואָרים אַז ניט, וועט ער, משה גזלן, אויפהויבן אַ האַנט, ווי אַ בער זיין לאַפּע, און וועט מאַכן פון אַ קדוש

משה איז איצט געווען דער איינציקער לייוונט־מעסטער אין

שטאַט, איז זייער תקיף געווען ביי זיך, און אַז ער האָט געערט מיט אימיצן האָט ער שטענדיק אַריינגעמישט:

—איך און לייזער־בער!

נאָר צו לייזער־בערן איז עס כמעט ניט דערגאַנגען. לייזער־בער האָט איצט ווייניק־וואָס געקוקט אפילו אויף מלכהן. ער האָט זי עפּעס אָפּגערוקט פון זיך, האָט זי אַוועקגעשטעלט אויף דער צווייטער ברעט, אינאיינעם מיט די אַנדערע צוואַנציק זאַכן. און שעהן גאַנצע, טעג גאַנצע האָט ער געקענט נאָכגיין נאָך ר׳ חאַצען, האָט זיך געצאַצקעט מיט אים, האָט זיך געשפּיגלט אין אים, און האָט אַלץ נעוואָרט, אַז אָט באַלד, און ר׳ חאַצע וועט עפענען די האַנט זיינע און וועט אים ווייזן, וואָס ער האַלט דאָרט באַהאַלטן, וועט אים דערציילן, וועט אויסזאָגן וואָס ער ווייסט.

ר׳ חאַצע וואָלט איצט געקענט טאָן מיט לייזער־בערן וואָס ער וואָלט נאָר געוואָלט. נאָר ר׳ חאַצע האָט גאָרניט געוואָלט. האָט ניט געהאַט וואָס צו וועלן. ער האָט נאָר ברייט פאַנאַנדערגעקעמט די סיווע באָרד זיינע, אַ ווייסע ווי מילך און אַ ריינע ווי זיידנס, און אַז ער האָט געטראַטן איבער דער גאַס, שטענדיק אַ ריינער, אַ צוגעקליבענער, האָט ער אויסגעקוקט ווי אַ פּריץ, וואָס איז געקומען אין שטאָט אַריין אויף אַ טאָג, אויף צוויי.

די, וואָס דאַווענען מיטן ערשטן מנין גייען זיך גלייך פאַנאַנדער, באַלד נאָכן דאַווענען. נאָר ר׳ חאַצע האָט ניט וואוהין צו איילן זיך, נאָך וואָס צו איילן זיך, און ער גייט צו צום ספרים־אַלמער, טאַקע דאָ אין בית המדרש, און מיט די הענט, מיט די פינגער, האַלט ער דערנאָך אַזוי דעם ספר, פּירט איבער די בלעטער, אָט ווי עס וואָלט נאָר ניט געווען קיין איבערדרייעם, דעם גאַנצן לעבן זיינעם. דער אַלטער רב שיט מיט געלעכטער, קוועלט־אַן פון ר׳ חאַצען, דאָ, אין דעם נידעריקן בית המדרש מיטן בעליק אויפן קאָפּ, און ניט דאָס, וואָס אַ מענטש טוט, ווערט אים פאַררעכענט, נאָר ווי אַזוי עס ווערן אויסגעטייטשט זיינע מעשים איז דער עיקר!

ר׳ חאַצע איז אָבער ניט מסכים מיט אים, און עס פאַרפירט זיך צווישן זיי אַ ויכוח, זיי צעאַמפּערן זיך מיט כעס, און אַרום זיי, נאָר אָפּגעטראָטן אויף עטלאַכע טריט, ווי פון דרך ארץ ווענן, שטייען אידן, באַלעבאַטים, און הערן זיך איין...

און אַט אַזוי, טאָג נאָך טאָג — ר׳ חאַצע האָט טאַקע אַ גוטע עלטער, אַ פיינע עלטער, מיט גוטע קינדער, פיינע קינדער, נאָר וואָס איז פאַרט דער תכלית? אַ איד דאַרף ניט זיין אַליין! ר׳ חאַצע האָט אַפריער ניט געוואָלט אפילו הערן פון דעם, ניט הערן און ניט זען, נאָר זיי אַלע, די באַלעבאַטים, האָבן גערעדט צו אים פון אַלע זייטן — אַז איר זענט דאָך גאָר אַ קינד, ר׳ חאַצע, אַ קינד! וואָס איז אינגאַנצן דעם מענטשנס לעבן? און ר׳ חאַצען איז עס געוואָרן טשי־קאַווע, ווי מען שמייכלט אויף אַ גלייכווערטל, ביז זיי האָבן אים איינגערעדט, ווי מען וואָלט אים פאַרוויגט.

דער שידוך, וואָס מען האָט אים גערעדט, איז געווען פון אַ ווייטער שטאָט אין קורלאַנד, מיט אַן אלמנה, וואָס דער מאַן אירער איז ביי זיין לעבן געווען דער רב פון שטאָט. און ר׳ חאַצע האָט איינ־געפּאַקט זיין סאַקוואַיאַזש, וואָס אַמאָל־אַמאָל, מיט אַ לעבן פריער, איז ער מיט דעמזעלבן סאַקוואַיאַזש אומגעפאָרן אין וואַרשע און אין אויסלאַנד.

עס איז געווען אין אַ מיטן טאָג, און מלכה איז אַליין געווען אינדערהיים, און ר׳ חאַצע האָט זיך שטאַרק געאיילט, ווי ער וואָלט טאַקע ניט געוואָלט, אַז לייזער־בער זאָל זיין דערביי, זאָל פלוצ־לונג ניט אַנקומען, און מלכה האָט געוואוסט וואוהין ער פאָרט, נאָך וואָס ער פאָרט, נאָר זי האָט אים ניט געזאָגט, אַז זי וויל ניט, אַז מען דאַרף ניט! זי האָט אפילו ניט געקוקט אין דעם טאַטנס זייט, עס האָט איר ניט געאַרט וואָס ער טוט דאָרט, נאָר ביי ר׳ חאַצען איז אַלץ געפאַלן פון די הענט, ווי זי וואָלט אים געהיט, די טאָכטער זיינע, און וואָס עס האָט געדאַרפט געדויערן אַ מינוט האָט געדויערט אַ שעה, און דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו מלכה, האָט זי אַרומגע־נומען, האָט זי אַ קוש געטאָן, און זי איז געשטאַנען אַ קאַלטע און האָט קאַלט געשוויגן.

ר׳ חאַצע האָט ניט געקענט אַוועקגיין אַט אַזוי, איבערלאָזן אַט אַזוי, און ער איז געשטאַנען לעבן איר, האָט געוואַרט, און מלכה האָט געקוקט צו דער ערד, אַ צערייצטע, אַ שלעכטע, האָט שטום גע־מאָנט אַ נערעכטע, און ביי ר׳ חאַצען האָט מען איצט גרינג געקענט פועלן, אַז ער זאָל אינגאַנצן ניט פאָרן, עס איז דאָך ניט מער ווי אַ

נאַרישקייט, און זי האָט געזאָגט צום סוף, האָט אויסגעשריען, ווי מען וואָלט עס פון איר אַרויסגעריסן מיט גוואַלד:

—פאַר געזונט!

ר׳ חאַצע האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם סאַקוואַיאַזש, איז אַרויס פון שטוב, און מלכה האָט אים נאָכגעקוקט מיט אַ גרינקייט אין די אויגן, און איז געבליבן אַליין. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול, האָט זיך אַנידערגעזעצט, און אויף די ווענט פון חדר האָבן זיך שוין געקליבן שאָטנס, און די דינסט איז אַריינגעקומען אין עס־שטוב, האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, האָט אַ קוק געטאָן אויף דער באַלעבאָסטע און איז צוריק אַוועק אין קיך אַריין.

מלכה האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט דערזען, אַז זי איז אַליין, און עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז עס איז איר קאַלט. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט געוואָלט נעמען אויף זיך אַ שאַל, נאָר זי האָט נאָר אַ שפּאַן געטאָן אַהין און צוריק, ווי זי וואָלט געוואָלט עפּעס באַטראַכטן, קומען צו אַ טאָלק, און ביי זיך אַליין האָט זי געוואוסט, אַז איצט איז שוין פאַרפאַלן, זי האָט ניט וועגן וואָס צו טראַכטן, און דאָ האָט זי זיך מיטאַמאָל דערמאָנט אויף נחמנען, אויף דעם ברודער אויף אירן, וואָס שוין יאָרן און יאָרן, אַז מען האָט גאָרניט געהערט פון אים. זי האָט ניט געוואוסט, פאַרוואָס זי האָט זיך פּלוצלונג דערמאָנט אויף אים, צוליב וואָס זי האָט זיך דערמאָנט, נאָר אַז זי האָט זיך דערמאָנט איז איר פריידיק געוואָרן אַזוי אויף דער נשמה, אַז כאָטש נעם און לאָד זיך פאַנאַנדער, און זי האָט טאַקע געלאַכט, מיט שטומע טרערן אין די אויגן. עס האָט איר שוין מער ניט געאַרט דער טאַטע, זי האָט נאָר געטראַכט וועגן ברודער, האָט אים ליב געהאַט, ווי עס קען נאָר ליב האָבן אַ מענטש, וואָס איז געבליבן אַליין, און שפּעטער אַ ווײַלע איז לייזער־בער געקומען אַהיים און ער האָט גאָרניט געזען, האָט גאָרניט דערקענט, און מען האָט זיך אַנידערגעזעצט צום טיש.

ביים טיש איז געווען אַזוי ווי אַלעמאָל, די דינסט האָט דערלאַנגט דאָס עסן, נאָר מלכה האָט מער אויף קיינעם ניט געוואַרט, זי האָט גלייך גענומען עסן, און לייזער־בער האָט געקוקט אויף איר און האָט ניט פאַרשטאַנען:

—וואו איז דער טאַטע?

—ניטאָ... אוועקגעפאָרן!

ביי מלכהן האָט געפלאַמט דאָס פּנים, און לייזער־בער האָט ווייטער געפרעגט, האָט גענומען ביי איר:

וואָס הייסט אוועקגעפאָרן? וואוהין אוועקגעפאָרן?!

—איך ווייס ניט.

לייזער־בער האָט זיך געוואָלט אַ ריס טאָן צו איר — דו ווייסט ניט? אַ ליגן! נאָר ער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. ער האָט נאָר אַ רוק־אָפּ פון זיך געגעבן די טעלער מיטן עסן, אַז עס איז אינגאַנצן שיעור ניט אַראָפּגעפלויגן פון טיש, און ביי מלכהן איז געוואָרן דער שטערן אירער, די ברעמען, ווי ביים טאַטן ביי אירן, ביי ר׳ חאַצען, נאָר לייזער־בער איז ניט נתפּעל געוואָרן פון דעם, אַ קאָפּ אויך ניט. ער האָט זיך שטאַרק אָנגעשפּאַרט אַז דעם ווענטל פון שטול, מיט דער גאַנצער פּלייצע, ווי ער וואָלט געוואָלט צעשפּאַרן דעם שטול. צעזעצן, און געזעסן איז ער פּונקט אַנטקעגן מלכהן מיט זיינעביידע אויגן, און איבערן מויל ביי אים האָט זיך שאַרף איינגעשניטן אַ שמייכל, אַ ביטערער ווי גאַל.

זיי האָבן עפּעס אָפּגערעדט צווישן זיך, ר׳ חאַצע און מלכה, אים נאָר אויף צולאַכעס, ער ווייסט. היינט איז ער אוועקגעפאָרן, כלומרשט אוועקגעפאָרן, און מאָרגן וועט זי אוועקפאָרן, און אים וועלן זיי גאָרניט זאָגן, זיי באַהאַלטן זיך פון אים, ווי די מייז.

לייזער־בער האָט שווער געאָטעמט, האָט געביסן און געשלונגען האַרטע שטיקער לופט, און מלכה האָט שוין אויך אויפגעהערט עסן, און זי האָט אויך אָפּגערוקט פון זיך די טעלער, נאָר פּאַמעלאַד אַזוי, איידל, אַז לייזער־בער האָט אַזש אַ סקריע געטאָן מיט די ציין און מלכה האָט שטיל אַרויסגערעדט, אַז ווער ווייסט וואָס ער מאַכט דאָרט, שוין אַזוי לאַנג, אַזאַ לאַנגע צייט...

ווער?

מלכה האָט אים געזאָגט, אַז נחמן, וואָס הייסט ווער? דער ברודער אירער, ער געדיינקט אים סיידן ניט? און לייזער־בער איז געבליבן מיט אָפענע אויגן, מיט אַן אָפענעם מויל, האָט צוריק דערזען ביי זיך אויפן טיש די גאַנצע וועלט, און ער איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט, אַ געטרייסטער פון קאָפּ ביז די פיס, און שטיל, ווי אַ

סוד, האָט ער גענומען מורמלען צו איר אָפּגעהאַקט מיט זיין פולן מויל, מיט די שטאַרקע ציין, ווי מען רעדט אין גרויסער לייבלאַכער פרייד, ווען דאָס גאַנצע לייב איז פול מיט תאוה, אַז יאָ, דער טאַטע וועט אים ברייינגען אַהער, וועט אים ברייינגען אַהיים!

מלכה האָט ניט אויפגעהויבן די אויגן, זי האָט זיך געשעמט. און זי האָט אים אַזש געוואָלט זאָגן אַ דאַנק, און ער האָט זיך אָנגעבויגן צו איר און האָט זי אַ קוש געטאָן, ווי ער וואָלט איר געזאָגט:

—איך האָב אייך אַלעמען ליב!

# LX.

אַט אַזוי האָבן זיי זיך ביידע איינגערעדט, אַז ר' חאַצע איז געפאָרן צו נחמנען, ברייינגען אים אַהיים — לייזער־בער האָט אַנדערש ניט געוואוסט, און מלכה האָט אַנדערש ניט געוואָלט וויסן, און ר' חאַצע האָט זיך דאָרט געזאָמט אַ קיילאַכדיקן חודש, און געקומען איז ער אַהיים ניט מיט נחמנען, נאָר מיט אַ פרעמדער אידענע.

זיי האָבן ביידע געהאַלטן אין זייערע ביידע הענט, ר' חאַצע און די אידענע, אַ סך און שווערע פּעקלאַך, וואָס זיינען געווען אָנגעפּאַקט און אַרומגעבונדן מיט דעם וייטן וועג, און געבליבן זיינען זיי ביידע ביי דער טיר, ר' חאַצע אַפריער און נאָך אים די אידענע, און מלכה איז געשטאַנען אין מיטן שטוב, האָט געקוקט אויף זיי מיט די אויגן, און זי האָט אפילו ניט געקענט אַ געשריי טאָן, גאָרניט. זי איז געשטאַנען ווי אַ פאַרגליווערטע, און אַ פאַרגליווערטע האָט זי זיך אונטערגעטראָגן די אייגענע הענט אירע, האָט זיך פאַרשטעלט דעם פּנים און האָט אָנגעהויבן צו וויינען.

די אידענע האָט זיך אַ ריר געטאָן, נאָר געוואַרט האָט זי אויף ר' חאַצען, וואָס ער וועט טאָן, און מלכה האָט געוויינט אַזוי, ווי עס ברעכן זיך צווייגן, פרעמד און טרוקן, און דער געוויין אירער האָט געקלאַפּט איבער דער ליידיקער שטוב, ווי געטראָטן אין שווערע שטיוול, און ר' חאַצע האָט גאָרניט געזאָגט צו דער אידענע, האָט גאָרניט געזאָגט צו דער טאָכטער: פּאַמעלאַך און ניט געאיילט

האט ער נאר אוועקגעלייגט די פעקלאך, ווי זיי וואלטן געווען פון גלאז, און דערנאך, אז ער האט עס שוין אפגעטאן, האט ער אלץ איבערגעלאזט אין מיטן דרינען און האט זיך געלאזט ארויסגיין פון חדר, אוועקגיין פון אלץ. די אידענע האט אים נאכגעקוקט, האט ניט געקענט אויסציען צו אים די הענט אירע, זיי זיינען געווען פארנומען ביי איר מיט פעקלאך. און זי האט שיעור ניט אויס־געשריען:

—חאצע, וואס טוסטו?!

נאר ר׳ חאצע איז שוין אריין אין א צווייטן חדר, און דארט האט ער אפריער פארמאכט נאך זיך די טיר, און דערנאך האט ער זיך אראפגעלאזט אויף א שטול, האט זיך א וויש געטאן דעם פנים מיט א האנט, וואס האט שטעניק געציטערט, ווי א צווייג וואס דארט, און דער גאנצער מוח זיינער איז געווען ווי א פארקלעפטע וואונד, וואס מען האט זיך ניט געטארט צו דעם צורירן.

ער איז געזעסן אנטקעגן א פענצטער, און אנטקעגן דעם פענ־צטער האט זיך שוין געזעצט די זון, און ר׳ חאצע האט עפעס א מורמל געטאן מיט די ליפן, וואס זיינען געווען אזוי בלייך, אז זיי האבן אזש געגלאנצט. נאר געזאגט האט ער גארניט צו זיך, עס האבן זיך ניט געהערט קיין ווערטער, עס האט זיך ניט געהערט קיין קול, ווי עס שניידט די לופט א מעסער, וואס איז ארויסגעפאלן פון די הענט, און ר׳ חאצע האט זיך נאכאמאל א וויש געטאן דעם פנים, און דערנאך האט ער זיך אויפגעהויבן פון ארט און האט זיך אוועקגעשטעלט דאווענען מנחה.

ער האט געדאווענט הויך אויפן קול, און מלכה האט מיטאמאל אויפגעהערט צו וויינען, און ווי זי וואלט נאך גאר קיינמאל אין איר לעבן ניט געהערט נאך דעם טאטנס קול, ניט געהערט און ניט געזען, זי איז געבליבן ווי אין א הינערפלעט, און ווי אין א חלום האט זי געמאכט א טראט צו דער אידענע, און די אידענע האט געמאכט א טראט צו איר.

ר׳ חאצעס דאווענען האט זיך געשפרייט איבער דער שטוב, ווי א געוועב איבערן קאפ, ווי א שלייער, וואס דעקט צו און שטילט איין, און די אידענע האט געהאלטן אראפגעלאזט די אויגן, און מלכה

איז אויך געזעסן אזוי ווי זי, און לעבן איר, אויך מיט אראפּגעלאזטע אויגן און אויך מיט אן אויסגעבויגענער פּלייצע, און די אידענע האט גערעדט צו איר מיט ווערטער, וואס האבן זיך דין ווי זיידנס ארייגעפלאכטן אין ר' חאצעס דאוונען, אז זי אליין, די אידענע, האט אויך א טאכטער, אויך שוין אן אויסגעגעבענע. ר' חאצע האט צוויי קינדער, א טאכטער און א זון, און זי האט נאר איין טאכטער, איין קינד און מער קיינעם ניט.

ר' חאצע האט אויסגעלאזט דעם דאוונען, און די אידענע איז אויך אנטשוויגן געווארן, און מלכה האט זיך נאך געריבן די הענט, אזוי האט זי געציטערט אין זיך, אזוי האבן געברענט ביי איר די באקן, און ר' חאצע איז ארויס פון זיין חדר, איז אריינגעקומען אהער, און דא האט ער דערזען, ווי זיי זיצן ביידע, די טאכטער זיינע און די אידענע, נאר געקוקט האט ער אזוי, ווי ניט דאס וואלט אים איצט געארט, ניט זיי האט ער געזוכט.

און באלד איז אריינגעקומען די דינסט, האט אנגעצונדן דעם לאמפּ, און מלכה מיט דער אידענע האבן זיך ביידע גלייך א כאפּ געטאן ווי די פארוויגטע, נאר אינאיינעם מיט ר' חאצען זיינען זיי עפּעס געבליבן אזוי ווי דריי פרעמדע מענטשן, וואס צוגעבונדן זיינען טאקע איינער צו דעם אנדערן, נאר אלע אינאיינעם האבן זיי נים וואס צו טאן.

ר' חאצע איז דער ערשטער אפּגעטראטן פון זיי, און מלכה האט זיך, ווי א טוטווייאיקע, אפּגעקערט אן א זייט, ווי זי וואלט גע־וואלט עפּעס באהאלטן, עפּעס ניט זען, און די אידענע איז גע־בליבן אליין און, ווי א פרעמדע דא, האט זי צונויפגענומען אירע פעקלאך, און שטיל, ניט געמאנט ביי קיינעם גארניט, איז זי ווייטער געבליבן ווארטן, אז אימיצער זאל איר זאגן, אז אימיצער זאל איר ווייזן, אוואו זי דארף זיך דא אהינטאן.

# LXI.

די אידענע האָט געהייסן בת־שבע, און געווען איז זי אַ קייַ־לאַכדיקע אַזאַ אינגאַנצן, אַט ווי אַ נוס, און אַ ווייסע אַזאַ, פון קאָפּ ביז די פיס, אַז עס האָט אַזש געלויכטן פון איר, עס האָט געשיינט. זי איז גלייך געוואָרן די באַלעבאָסטע פון שטוב, אַן געשרייען, האָט ניט געקאָמאַנדעוועט, נאָר מיט אַ שמייכל אויפן פּנים, מיט אַ שמייכל אויף די הענט, ווי ביי אַן אָפּגעהיטער רביצן, און מיט אַ שמייכל אויף אַלץ, צו וואָס זי האָט זיך צוגערירט.

מלכה האָט זי ליב געהאַט פון דער ערשטער מינוט אָן, נאָר געווען איז עס ווי אַ סוד, פאַר איר אַליין אפילו, און זי האָט עס גאָר־ניט געוואָלט דערציילן, קיינעם נים. נאָר אַט איז קלמן געקומען צו איר איינמאָל אין אַ מיטן טאָג, אַזוי ווי פריער, אַזוי ווי אַלע־מאָל, און די דינסט האָט זי, ווי אַלעמאָל, אַרויסגערופן פון די חדרים.

ביי מלכהן האָבן זיך צעשפּילט די האָר אויפן קאָפּ, אַז זיי זיינען געוואָרן ווי אַ קרוין, און קלמן איז געזעסן אויף דער באַנק אין אַ ווינקל, און מלכה איז צוגעגאַנגען צו אים, האָט זיך אָני־דערגעזעצט, און אַ דאַנק וואָס ער איז געקומען, אַ דאַנק!

זי האָט גערעדט צו אים, ווי ניט אים וואָלט זי געמיינט, און ער האָט איר אַ גלעט געטאָן די האַנט אירע מיט זיינע שטעכיקע פינגער, ווי קאַלטע שערבלאַך, און זי האָט עס ניט געפילט, זי האָט אים געוואָלט דערציילן, אַלץ דערציילן, מיט שמחה, מיט פרייד, נאָר דאָ האָט זי פּלוצלונג דערזען פאַר זיך, אַז זי קען גאָרניט אויס־זאָגן, קיין איין וואָרט ניט, און זי האָט אויף גיך צוגענומען די האַנט אירע פון זיינער, האָט שוין מער ניט געקענט וואָרטן ביז וואַנען ער וועט אַוועקגיין, נאָר האָט זיך אַליין אויפגעהויבן פון אָרט און האָט אים געזאָגט:

—גרים דער מאַמען!

אין האַלדז האָבן איר געשטאָכן טרערן, און זי האָט זיך געוואַ־קעלט אַ רגע, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז זי וועט זיך פאַנאַנדער־וויינען, טאַקע ווי באַדאַרף צו זיין, און פּלוצלונג האָט זי אויסגע־שריען, ווי אימיצן אויף צולאַכעס, ווי זי וואָלט זיך געקריגט מיט

אימיצן, אז זאָל ער זאָגן דער מאַמען, אַז עס זאָל איר ניט פאַר־דריסן, עס דאַרף איר ניט פאַרדריסן!

קלמנען האָט גאָרניט געענטפערט, פאַר קיינעם ניט, ווי נאָר פאַר איר, און ער איז נאָך געזעסן אַ ווײַלע, שוין אָן מלכהן, און מלכה איז שוין געשטאַנען אין דעם גרויסן זאָל, איז געשטאַנען אַזוי, ווי זי וואָלט זיך נאָר צוגעהערט צו דער קיך, געוואַרט נאָר אויף זײַן אַוועק־גיין. און קלמן האָט שטאַרק רחמנות געהאַט אויף איר, אַליין בײַ זיך, אַליין פאַר זיך, און דערנאָך האָט ער געזאָגט דער דינסט „אַ גוטן טאָג" און איז אַוועק אַהיים.

מלכה האָט געהערט, ווי ער איז אַוועקגעגאַנגען, און איבער דער שטוב, איבער די אַנדערע חדרים, אַחוץ דער קיך, האָט זיך בת־שבע אַרומגעדרייט, האָט אַכטונג געגעבן אויף עפּעס, און מער איז גאָרניט געווען אין דער גאַנצער שטוב. מלכהן האָט איצט פאַר־דראָסן אויף בת־שבען, און זי איז אויף ניך אַרויס פון זאָל, האָט זיך אָפּגעשטעלט אַנטקעגן בת־שבען, און בת־שבע האָט אַפריער אַ קוק געטאָן אויף איר צעבליטן פּנים און דערנאָך אויף איר געבענטשן בויך, וואָס האָט זיך שעמעוודיק־ווייך אַזוי געוויזן פון אונטער דער קלייד אויף איר.

מלכה האָט נאָך קיינעם ניט דערציילט, אַז זי טראָגט, נאָר בת־שבע שעפּט פון איר נחת, מיט אַ שטילן געלעכטער, אַז מלכה ווערט אַן אָנגעצונדענע און פאַרשעמט זיך אַזוי, אַז זי האָט זיך ניט וואו צו באַהאַלטן. פּונקט אַזוי פּלעגט אַמאָל קוקן אויף איר און לאַכן פון איר די אייגענע מאַמע אירע, נאָר יעמאָלט האָט זי שטענ־דיק געקענט אויסשרייען — מאַמע, הער אויף! און איצט קען זי גאָרניט זאָגן.

און בת־שבע האָט זיי ביידן ליב געהאַט ווי אייגענע קינדער, אי מלכהן און אי לייזער־בערן, און זי איז שוין אַפילו איינמאָל צוגעגאַנגען צו ר' חאַצען און האָט אים געזאָגט, אַז לייזער־בער איז דאָך אַזאַ גוטער, אַן אַ גאָל, אַ דימענט פון אַ מענטשן, און אַזאַ יאָר אויף איר אויף סאַראַ קלוגער ער איז!

זי האָט עס געזאָגט אַזוי, ווי זי וואָלט זיך געאַמפּערט מיט אי־מיצן, ווי זי וואָלט געוואָלט עפּעס איבעראַנדערשן, און בײַ ר' חאַצען האָבן אַ ציטער געטאָן די בלייכע ליפּן זײַנע, נאָר געענטפערט האָט ער

איר גאַרניט, האָט איר גאַרניט געזאָגט. ער האָט נאָר געוואָלט, אַז זי זאָל פֿון אים אָפּטרעטן, און בת־שבע איז מיטאַמאָל אומעטיק געוואָרן, האָט אַ זיפֿץ געטאָן, נאָר רעדן ווייטער וועגן דעם האָט זי שוין מער ניט געקענט, האָט מער ניט געהאַט קיין טענות...

ביי ר׳ חאַצען צעציטערן זיך אַמאָל די ברעמען, ווי זיי וואָלטן פּלוצלונג אָנגעגאָסן געוואָרן מיט כעס, מיט בלוט, און ביי בת־שבען האָט שטענדיק געשמייכלט דאָס פּנים, און געציטערט די הענט. דאָס פּנים אירס האָט זי אַלעמען געטראָגן אַנטקעגן, און די הענט אירע פֿלעגט זי שטאַרק פֿאַרבאַהאַלטן, און קיינער האָט טאַקע גאַרניט געזען, קיינער האָט גאַרניט געוואוסט, און מלכה מיט לייזער־בערן האָבן זי ווייטער גערופֿן „מומע", און זי זיי האָט גערופֿן ניט ביי די נעמען, נאָר — קינדער, קינד מיינס!

בת־שבע האָט גערעדט מיט אַ פֿולן קול, וואָס קומט פֿון האַרצן אַרויס, ווי עס קומט אַ טרייסט אָדער אַ געבעט, און ווי מען טראָגט אַ שנור פּערל אַזוי האָט בת־שבע געטראָגן דעם גוידער אירן אין רחבות, און דער האַלדז־און־נאַקן אירער האָט זיך געררויטלט ביי איר, ווי דאָס פּנים ביי אַ יונגער מיידל, און לייזער־בער האָט געלאַכט אין זיך, האָט געקוואָלן, ווי עס פֿרייט זיך אַ אינגל, וואָס איז געזונט און שטאַרק, און וואָס מיינט, אַז עס פֿאַרמאָגט די גאַנצע וועלט.

די דינסט דערלאַנגט דאָס עסן, און בת־שבע נעמט עס ביי איר צו, טיילט אַליין פֿאַנאַנדער די חלקים, און ביים טיש רעדט קיינער ניט אַרויס קיין וואָרט, מען שווייגט, נאָר לייזער־בערן דוכט זיך, אַז מען רעדט יאָ, אַז מען שמועסט, מען פֿאַרברייינגט, און אַז ביים טיש זיינען איצט פֿאַראַן אַ סך מענטשן, אַ פֿולע שטוב מיט מענטשן.

לייזער־בער כאַפּט זיך ניט צום עסן, און עסן עסט ער ניט דער־פֿאַר, ווייל ער איז הונגעריק, נאָר דערפֿאַר, ווייל ער האָט הנאה, און איבערן טיש שיינען אַרום בת־שבעס ווייסע הענט, אירע פֿולע פֿינגער מיט די טיפֿע גריבעלאַך, און ביי לייזער־בערן שיינען אַרום די אויגן.

ר׳ חאַצע זעצט זיך באַלד נאָכן עסן אַנידער מיט אַ ספֿר אין די הענט, און בת־שבע טוט גאַרניט, נאָר זיצט אַזוי, אַז אָט, אָפּגעלעבט אַ טאָג, איז אַ דאַנק דעם אויבערשטן! און לייזער־בער מיט מלכהן

גייען דערנאך אוועק צו זיך, אין זייער שלאף-חדר: אין חדר איז פינצטער, און מלכה טוט זיך אויס, לייגט זיך אריין אין בעט, און לייזער-בער דערהערט לעבן זיך, ווי מען דערהערט א שאטן, אז אפגלאנץ, דעם געוויש פון א זיידן אונטערקליידל, פון אויסגע-טאנענע זאכן, דערזעט א ווייסע העמדה, וואס איז נאר באנאכט, א נאקעטן עלנבויגן און א שפיץ ברוסט, וואס האט ווי פארבלאנ-דזשעט פון ליב אוועק. נאר לייזער-בער קוקט איצט ניט אויף דעם אלעמען. ער שטייט אז אויסגעצויגענער, שמעקט מיט זיינע נאז-לעכער, וואס עס קלאפט אין זיי אז אדערה, און מיט זיין מויל, וואס צוקט ווי א מעסער אינדערפינצטער, און אינגאנצן איז ער, מיט דער הויט אויף זיך, ווי א חיה, וואס האט דערהערט א ריח, ערגעץ פונ-דערווייט.

מלכה שרעקט זיך פאר אים, ער איז איר א פרעמדער אזא ווי ער איז, און זי וויל אויסשרייען צו אים:

—לייזער-בער, וואס איז מיט דיר?!

נאר זי דרייט זיך צונויף אין א בייגל, אז עס איז אויף איר א רחמנות, און לייזער-בער ציט זיך אויס אויף זיין בעט, און מיינען מיינט ער, אז ער וועט לאנג אט אזוי ליגן, מיט אפענע אויגן, נאר ער ווערט גאר באלד אנטשלאפן, געזונט און שטארק, אט ווי איינער, וואס ווייסט, אז ער האט זיך אויף וועמען צו פארלאזן, עס איז דא ווער עס זאל היטן זיין האב און גוטס.

## LXII.

לייזער-בער איז גוט געווען צו מלכהן, האט ליב געהאט ר' חאצען, און געשטאנען איז ער איצט מיט זיינע ביידע פיס אויף דער ערד, אז מיט די נעגל אזש האט ער געטאפט און אנגעטאפט דעם צימרינג-זיסלאכן ריח פון פרישער ערד, וואס איז איצט שטענ-דיק געווען ארום און וואס האט זיך שווער און זאפטיק געמישט מיט זיין בלוט אין די אדערן, און ווי אויסגעלייגט אויף א טעלער,

אזוי האט יעדער איינער געקענט זען פאר זיך די גוטע נשמה זיינע, נאר מלכה האט שעהן גאנצע געקענט אפלינן מיט אפענע אוינן, ווארטן און ניט שעמען זיך מיט דעם, וואס זי ווארט, און לייזער־בער איז ניט צוגעגאנגען צו איר, האט זי ניט אנגערירט.

מלכה האט ניט געוואוסט, אפשר דארף עס אזוי זיין, און זי מאכט צו די אוינן, הערט אויף צו ווארטן, נאר באלד כאפט זי זיך ווידער אויף, ווי פון א פלוצלונגדיקער שרעק, וואס איז געגאנגען אויף איר ווי א בארג, און דער איינציקער, וועמען זי האט אין איר שרעק, איז לייזער־בער — לייזער־בערן!

אט אזוי כאפט זי זיך ווידער אויף און שלאפט ווידער איין און כאפט זיך ווידער אויף, עטלאכע מאל דורך דער לאנגער נאכט, און אויף מארגן שטייט זי אויף מיט א קאפ־ווייטיק, וואס האלט זי אינגאנצן געפענטעט, און זי וויינט ניט, ניין, נאר עס גיסן זיך ביי איר טרערן, און בת־שבע טוליעט זי צו זיך און שושקעט איר אין אויער אריין, אז עס איז גארנים, עס אז נאר א טראגן אזא, און אז אן ערשטלינג דארף זיך שטארקן...

מלכה וויל איר דערציילן, נאר איידער זי רעדט נאך ארויס א ווארט, גלייכט זי זיך מיטאמאל אויס, אז זי פארגייסט אזש דעם קאפ, און אויף איר קלארן מאנדזבילשן שטערן לייגט זיך אוועק א קאלטער, א געהויבענער בעס, ווי א פאנצער, וואס זי האלט־צו מיט די הענט. זי קערט זיך אפ פון בת־שבען, ווי מען קערט זיך אפ פון א שונא, לאזט זיך אוועקגיין פון איר, און בת שבע קוקט איר נאך און שעפט פון איר נחת:

— איז שיין ווי א פאווע!

ר' חאצע גייט פרי אוועק פון דערהיים, ער דאוונט מיטן ערשטן מנין, און נאכן דאוונען גייט צו אים צו דער אלטער רב און עס פארפירט זיך צווישן זיי א שמועס, א ויכוח. ר' חאצע איז מיט גארניט מסכים, ער האט אויף אלץ אן אנדער ראיה, אן אנדער טייטש, און דער אלטער רב קומט אריין אין א כעס און צעשרייט זיך אויף אים:

— האסט א פארקערטן מוח, ר' חאצע, רס דו ווילסט איבערמאכן די וועלט!

דער אלטער רב גייט דערנאך אוועק פון בית-המדרש, קלאפנ־דיק שטארק מיט זיין שטעקן, און ר׳ חאצע בלייבט אליין, און ער זעצט זיך אנידער, לייגט לעבן זיך אוועק די הענט, און דעם רבס שטעקן הערט זיך שוין מער נים, און ר׳ חאצע ווערט מיטאמאל אן אפגעלאזענער אזא, איינגאנצן, אט ווי א איד א זקן. עס טרייסלט זיך ביי אים די אונטערשטע ליפ, עס הייגגען לויז די ברעמען, און ער זיצט לאנג אט אזוי, א איד אן עובר־בטל, און אז ער קוקט זיך שפעּ־טער ארום, ווי איינער, וואס איז מיטאמאל געקומען צו זיינע חושים, איז שוין אין בית-המדרש קיינער נימא, עס איז שוין זייער שפעט.

ר׳ חאצע קומט דערנאך אהיים ווי א שולדיקער, און בת־שבע קוקט אים אן, ווי מען קוקט אויף א חולה, און ר׳ חאצע זעצט זיך אנידער ווי אין דער פרעמד, און פאמעלאך, זייער פאמעלאך, פאר־גייען די מינוטן פון טאג, ווי עס פאלן די קארגע טראפנס פון אן אלטן קוואל, וואס טריקנט שוין אוים.

בת-שבע גרייט אליין צום טיש, טיילט אליין פאנאנדער די חלקים, און די הענט אירע, ווייסע און היימישע, שוועבן ארום פאר די אויגן, ווי פליגלען, און לייזער־בער וויל זיי א כאפ טאן, די הענט אירע — פאר אלעמען אין די אויגן. ביי בת־שבען רויטלט זיך דער גוידער, ווי דאס פנים ביי א יונגער מיידל, און מלכה דערפילט, אז זי ווערט באלד אויסשיסן אין א געוויין, און זי הויבט זיך מיטאמאל אויף פון ארט, גיט מיט כעס א רוק־אפ פון זיך דעם שטול, און לאזט זיך ארויסגיין פון עס־שטוב. ר׳ חאצע הויבט־אויף די ברעמען, קוקט מיט נאקעטע אויגן, און לייזער־בער קוועלט אין זיך, ווי פון א שפיצל אזא, און בת־שבע שטייט אפריער אנגעשפארט מיטביידע הענט אויפן טיש, און באלד גייט זי אוועק צו מלכהן, רעדט זי דארט איין, און מלכה זיצט דערנאך ביים טיש מיט אראפגעלאזטע אויגן, און ווערגט זיך מיטן ביסן.

ר׳ חאצע זעצט זיך באלד נאכן עסן אוועק מיט א ספר אין די הענט, און בת־שבע זיצט און טוט גארנים, זי רוט נאך א לאנגן טאג אזא, און לייזער־בער זאגט הויך אויפן קול: א גוטע נאכט! און מלכה שטייט לעבן אים, האלט אים, דוכט זיך, צו מיט די הענט, האלט זיך אן אים אן, און טוט דאס, וואס ער:

—א גוטע נאכט...

ר׳ חאצע האלט איין דעם אטעם. הערט אויף צו לערנען. נאר ענטפערן ענטפערט ער זיי גארניט, און בת־שבע כאפט ביי אים ניט אוים. נאר רופט זיך באלד אפ צו זיי, צו די קינדער, אי פאר זיך און אי פאר ר׳ חאצען:

—שלאפט געזונט!

די קינדער גייען אוועק, לייזער־בער מיט א שטארקן טראט, און מלכה מיט אזוינע איינגעשרומפטע אקסלען, אז בת־שבע וויל זי אזש באגלייטן, וויל גיין אינאיינעם מיט איר, און דערנאך קוקט זי צו ר׳ חאצען, ווי זי וואלט אים עפעס געזאגט, וועגן די קינדער געזאגט. נאר ר׳ חאצע קוקט שוין ווידער אין ספר אריין, האלט איינ־געגראבן די אויגן, דעם פנים, און בת־שבע הויבט זיך באלד אויף און גייט אוועק צו זיך.

ר׳ חאצע ווארט נאך א רגע, נאך א מינוט, און ערשט איצט, ווען ער איז שוין טאקע אליין, רוקט ער מיטאמאל אפ דעם ספר, אט ווי ער וואלט עס גארניט באדארפט. ער הויבט אויף די ברע־מען, בלייבט א נאקעטער, שפארט אן דעם קאפ אויף די אונטער־געשטעלטע הענט און קוקט ערגעץ פאר זיך, זוכט גארניט, נאר קוקט.

עס איז שוין שפעט אינדערנאכט, אלע שלאפן שוין געוויס, און ר׳ חאצע פארגינט זיך אזש א זיפץ־טאן, אזוי איז ער אליין. נאר בת־שבע קומט באלד צוריק אריין אין עס־שטוב. זי איז אין איין שלאף־ראק, וואס איז צענומען ביי איר פון פארנט, און ר׳ חאצע זעט, ווי עס גייט אויף אים א ווייסע, א שמעקעדיקע העמד. ר׳ חאצע לאזט אויף גיך אראפ די ברעמען, ווי ער וואלט זיך מיט זיי פארשטעלט די אויגן, די נאקעטע ראיה זיינע, און בת־שבע גייט צו אים צו און זעצט זיך אנידער לעבן אים. ר׳ חאצע טאפט מיט א בלינדער האנט, זוכט דעם אוועקגערוקטן ספר, און אינגאנצן איז ער ווי א צעשפילטער כעס, מען גיט אים ניט קיין רגע רו, און בת־שבע שלאגט אים טאקע איבער אין מיטן, נאך איידער ער געפינט דעם ספר, אז זי אליין איז דאך אויך א מענטש, און זאל איר דער אויבערשטער ניט שטראפן פאר די רייד, נאר אז קיין ווייב ניט, און קיין דינסט, ברוך השם, דארף ער אויך ניט האבן, טא צוליב וואס האט ער געשטעלט מיט איר די חופה? דער ערשטער מאן אירער איז געוועז א איד א למדן, א איד

א צדיק, און ער פלעגט שטענדיק זאגן, אז מבייש זיין א מענטשן איז די גרעסטע עבירה, די גרעסטע זינד!

בת־שבע האט גערעדט צו אים אן כעס, אן טענות, האט גאר־ניט געמאנט פאר זיך, זי האט נאר געוואלט וויסן דעם תכלית, א מענטש איז דאך ניט קיין חיה, און ר' חאצע איז אזוי נתפעל געווארן פון דעם, אז ער האט אויף איר אויסגעשטעלט א מויל און אויערן און אויגן, און די האנט זיינע, וואס האט אקארשט געזוכט דעם ספר, ווי עס ציט זיך א בלינדער נאך זיין שטעקן, האט זיך, מיטאמאל א בארואיקטע, אוועקגעלייגט צו בת־שבען אויף איר ווארעמער, באנאכטיקער קני, ווי צו זיך אין דעם אייגענעם בוזים אריין.

## LXIII.

בת־שבע האט געהערט, וואס ר' חאצע האט גערעדט צו איר, האט איינגעזאפט אין זיך די רייד זיינע, ווי די שווארצע ערד זאפט אריין אין זיך דעם טוי פון הימל, און ר' חאצע האט גערעדט פאר איר, האט זיך מודה געווען, אין אלץ — — —

יארן גאנצע, א לעבן א גאנצן, האט ער אפגעלעבט מיט דבורהן, און זי איז שטענדיק געווען א גוטע, א געטרייע, האט שטענדיק אוועקגעגעבן פון זיך די נשמה אירע פאר יענעם, פאר אנדערע. ער און זי און די קינדער, זיי אלע אינאיינעם — עס איז געווען ווי איין גאנצער נוס. וואו איז דער אנהויב פון א נוס, און וואו איז דער סוף? עס דרייט זיך א ראד, דער מענטש שלאפט בא־נאכט, און אינדערפרי, אז ער שטייט אויף, באגעגנט אים א ליכ־טיקע זון. נאר וואס די ערד דעקט־צו, דאס דארפן די לעבעדיקע פארגעסן, און דער טויטער דארף עס געדיינקען, דארף געדיינקען, אז מען האט אים פארגעסן. אזוי זאגן מענטשן, אזוי פירט זיך די וועלט, און דבורה איז אים טאקע קיינמאל ניט געקומען צו חלום, קיין איין מאל ניטן זי ליגט זיך אין איר רו, אין איר קבר, ווי אן אפגעשניטענע פון די לעבעדיקע, און קיינער קען צו איר גארניט

האבן. אז מען שניידט ביי א מענטשן אפ א האנט, אדער א פוס, בלייבט ער דאך אן אן אבר, יא צי ניט? נאר אז אלמן דארף נאכ־אמאל חתונה האבן, אזוי זאגן מענטשן, אזוי פירט זיך די וועלט, און מענטשן טראכטן גארניט אוים. די קינדער בלייבן טאקע יתומים, אויף אייביק אן א מאמען, נאר דער אלמן האט נאכאמאל חתונה, קלעפט זיך צו דעם אפגעשניטענעם אבר, און קיינער קוקט ניט אויף אים ווי אויף א קאליקע. מענטשן טראכטן גארניט אוים, עס איז אזוי דער סדר העולם, און ער אליין, ר' חאצע, אז ער האט געשטעלט מיט בת־שבען די חופה, ער האט ניט געוואלט גיין קעגן דער דרך הטבע, און נאר דער חופה, אז ער איז געבליבן מיט איר, איז געווען מיט איר, על פי דין, און ווי עס פירט זיך די וועלט — ער איז דער־נאך געלעגן די גאנצע צייט, און ניין! ניין! דבורה איז אויך דעמאלט ניט געקומען צו אים צו חלום, נאר ער אליין, ביי זיך, זיינע הענט, זיינע פיס, זיין יעדער גליד איז אים פארגעקומען, אט ווי ער וואלט געווען א דבר אחר! ויברא אלהים את האדם בצלמו, בצלם אלהים ברא אותו! באטאג שיינט די זון, באנאכט שיינט די לבנה, און וואו איז דער צלם אלהים אין דעם מענטשן, אין דעם אדם?! א צוגע־מאכטער קבר ווערט באוואקסן מיט גראז, נאר גראז איז דאך אויך א לעבעדיקע זאך, גראז האט אויך א נשמה, און אויף גראז פון א קבר טאר מען ניט טרעטן, מען טאר ניט! אי די וועלט? איז עס א מיאוסע וועלט, א מיאוסע!

בת־שבע האט ניט געזען דעם סם, וואס די רייד זיינע האבן געטראגן פאר איר, ר' חאצע האט געשוועבט ווי אן אדלער, ווי א קרוין, און אט האט ער זיך געקלאגט פאר איר, ווי עס שרייט א קינד אויף א צעבלוטיקטן פינגער, און בת־שבע האט אים געוואלט איינגעמען, איינשטילן, נאר זי האט זיך ניט געקענט א ריר־טאן פון ארט, זי האט געזשאלעוועט די האנט זיינע, וואס איז נאך גע־לעגן ביי איר אויף דער קני, און מיט זיין האנט אויף איר קני זיינען זיי ביידע געווען ווי איין מענטש, איין גוף, איין נשמה.

ערגעץ ווייט, אינדרויסן, איז שוין אויפגעגאנגען דער מארגנ־שטערן, און בת־שבע האט זיך צוגעשפארט אין דעם שלאף־ראק, ווי אין די זאכן, און ר' חאצע האט זיך געלאזט ארויסגיין פון שטוב,

אַז איינגעבויגענער און רייבנדיק זיך די הענט, ווי עס פּריוט זיך אַז אַלטער איד.

מיט בת־שבע און מיט ר׳ חאַצע האָבן מיט פאַרלאָשן דעם גרויסן הייננ־לאַמפּ, און ביי די פענצטער איז שוין געשטאַנען דער גרויער פאַרטאָג, און ווי געפּאַנצערט אין בליי זיינען אַרויסגעטראָטן די קאַלטבלוטיקע ווענט פון דער פאַרלאָזטער שטוב.

ר׳ חאַצע האָט היינט ווי אַלעמאָל געדאַווענט מיטן ערשטן מנין, און באַלד נאָכן דאַווענען איז ער אַוועק צום אַלטן רב. און דער אַלטער רב, אַז ער האָט דערזען ביי זיך ר׳ חאַצען, האָט ער גלייך איבער־געלאָזט דעם אָנבייסן, וואָס ער האָט געגעסן, האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און איז אים געגאַנגען אַנטקעגן:

—זייַ, ר׳ חאַצע, זייַ, ביסט אַן אַנגעלייגטער גאַסט!

און ר׳ חאַצע האָט זיך אַנידערגעזעצט מיט אַ פּנים בלייך ווי די וואַנט, מיט אויפגעהויבענע ברעמען, און אויף זיינע הענט, וואָס ער האָט געטוליעט צו זיך, און אין די אויגן, וואָס האָבן נאַקעט געקוקט, איז געלעגן אַזוי פיל מאַטערניש, אַז דער אַלטער רב האָט אַזש אַ געשריי געטאָן צו אים:

—וואָס איז, ר׳ חאַצע?!

נאָר ר׳ חאַצע האָט געשוויגן, ווי ער וואָלט קיינעם ניט געזען אַרום זיך, קיינעם ניט געהערט, און דער אַלטער רב האָט זיך דורכ־געשפּאַנט אַהין און צוריק, האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט, און שפּעטער, אַז דער רב האָט זיך דערוואוסט, וואָס ר׳ חאַצע וויל, נאָר וואָס ער איז געקומען, ווי אויסגעפרעגט אַ חולה, האָט ער צו אים אויסגעצויגן אַ האַנט, און ניט נאָר די אויסגעצויגענע האַנט זיינע, נאָר ער אַליין, אינגאַנצן, איז אויך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שווערד:

—דו ביסט פול מיט עבירות, ר׳ חאַצע, ווי אַ מילגרוים מיט קערנער! פול מיט זינד!

דער רב האָט געטייטלט צו אים מיט אַ פינגער, ווי מיטן שפּיץ פון דעם שווערד, און ר׳ חאַצע האָט קלאָר געהערט, האָט קלאָר פאַרשטאַנען דעם באַדייט, נאָר דער מוח זיינער איז געווען צעשניטן אין באַזונדערע חלקים, און ער האָט צעטראָגן געפרעגט, ווי מען קרעכצט פון ווייטיק:

—הא, וואס?...

דער רב האט זיך מיט כעס אנידערגעזעצט צום טיש, האט מיט כעס אפגערוקט פון זיך דאס עסן, ווי ער וואלט גארניט גע־וואוסט, ווי אזוי עס קומען איצט אהער די טעלער, און ער האט א געשריי געטאן צו דער רביצן, צו דעם הויזגעזינט, אז מען זאל עס צונעמען, די מינוט!

ר' חאצע האט געזען, אז מען עסקט זיך ארום אים, און ער האט זיך געוואלט פארענטפערן, און דער אלטער רב האט דערנאך לאנג געריבן מיט דער לאדאניע דעם ברוינעם טיש, ביז ער איז שארף געבליבן קוקן אויף ר' חאצען, אן כעס שוין, נאר מיט ביטול, מיט חוזק:

—איך ניט, ר' חאצע, הערסט? ניט איך! פאראן, ברוך השם, נאך א רב, פאראן א דין, און א בעדער איז אויך דא אין שטאט, ר' חאצע, א בעדער!

ר' חאצע האט זיך א וויש געטאן דעם שטערן, און די האנט זיינע איז דערנאך געבליבן שטעקן ווי א פארגליווערטע אויף דער רעכטער באק, ווי פון הוילן בייז, און דער אלטער רב האט דא מיטאמאל דערזען, אז עס מאטערט זיך א מענטש פאר זיינע אויגן, עס מאטערט זיך א נפש, א לעבעדיקע נשמה, און ער האט זיך אזש צוגעבויגן צו ר' חאצען, אזן ווי מען טרייסט א מענטשן מיט א גלייכווערטל, מיט א געמאכטן קאטאוועס:

—ביסט א שוטה, ר' חאצע, הער מיך אויס, א פשוטער שוטה, גלויבסט מיר ניט?

ר' חאצע האט צוגענומען די האנט זיינע פון פנים, האט אנגע־קוקט דעם אלטן רב און האט אים געענטפערט, ווי נאכגעזאגט:

—יא, איך גלויב...

דער אלטער רב האט ניט געקענט צוזען, וואס פון ר' חאצען איז געווארן, אז ער וואלט אים איצט געקאנט אראפלאזן א פאטש — היט דעם צלם אלהים, ר' חאצע, מיט געוואלט, מיט אלע כוחות! און ער האט זיך טיף פארטראכט, דער אלטער רב.

עס האבן זיך ניט געצויגן די מינוטן, מען האט ניט געווארט, נאר עס האט לאנג געדויערט, און בת־שבע אליין איז געקומען אהער, צום רב, ערשט אין א שעה ארום אפשר.

זי האָט אַפּריער אָפּגעגעבן דעם אָנבייסן לייזער־בערן מיט מלכהן, דערנאָכדעם האָט זי אָנגעזאָגט דער דינסט וואָס צו קאָכן אויף וואָרעמעס, און ערשט דערנאָך האָט זי פּאַמעלאַך און ניט געאײַלט אָנגעטאָן אויף זיך די שוואַרצע, זײַדענע קלייד, און מיט אירע ווײַסע הענט און זייער ווײַסן פּנים, פֿון דער שוואַרצער קלייד אַרויס, האָט זי אויסגעקוקט אַזוי, אַז מלכה האָט דערפֿילט אַ קאַלטע שרעק — מומע, וואָס וועט דאָ זײַן?!

מלכה האָט געריסן אויף איר די אויגן, און אויף בת־שבען האָט שטיל געגלאַנצט די זײַדענע קלייד, און לייזער־בער איז שוין אַוועק אין גאַס, גאָרניט זעענדיק, גאָרניט וויסנדיק.

בת־שבע איז געבליבן שטיין אויפֿן שוועל ווען זי איז אַרײַן צום רבֿ, ווי זי וואָלט געוואוסט, אַז איצט דאַרף זי היטן אירע טריט, און דער אַלטער רבֿ האָט אַ פֿרעג געטאָן בײַ איר, צי זי איז מסכּים, און זי האָט געמאַכט אַ טראָט, איין טראָט נאָר, און ר׳ חאַצע האָט זיך פּאָר עפּעס אויפֿגעהויבן פֿון אָרט, האָט זיך אויפֿגעשטעלט, ווי מען וואָלט געדאַרפֿט אין אים שיסן, און בת־שבע האָט געענט־פֿערט דעם רבֿ, אַז — יאָ, זי איז מסכּים.

זי האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר דער גאַנצער גווידער איר־דער האָט זיך שטאַרק אַ קנייטש געטאָן, ווי קוים דערשלונגען די שווערע טרער, וואָס האָט זיך איר געשטעלט אין האַלדז, און באַלד איז געקומען דער סופֿר, אַן אָפּגעהיטער ייִד מיט אַזוינע ריינע הענט און קלאָרע נעגל, ווי געקומען איז ער אַהער ערשט פֿון דער מקווה אַרויס, און דער שמש האָט אַרײַנגערופֿן נאָך אַ ייִדן, אַ פֿרעמדן, פֿון דער גאַס.

ר׳ חאַצע איז געשטאַנען די גאַנצע צײַט, און דער סופֿר האָט געשריבן דעם גט, און דער אַלטער רבֿ, אַ פּאַרטראַכטער אין זײַנע רעיונות, האָט זיך געצופּט די באָרד אַ האָר נאָך אַ האָר, האָט אונ־טערגעברומט אַ ניגון, און דער פֿרעמדער ייִד האָט געוואַרט ווי אַ פֿרעמדער, ער איז נאָר אויסן געווען די מצווה, און די אַלטע רביצין איז ניט אָפּגעטראָטן פֿון בת־שבען, און בת־שבע אַליין איז געווען אַזאַ פֿולע, אין אַלע אירע אבֿרים, אַט ווי אַ צײַטיקע פּרי, וואָס דאַרף זיך באַלד אָפּרײַסן פֿון שטאַם.

ר׳ חאַצע איז דער ערשטער אַרויס פֿון רבֿ, איז דורכגעגאַנגען

איין גאס, א צווייטע גאס, און ערשט דא האט ער זיך אפגעשטעלט און האט באטראכט אפגעווישט די טראפנס שווייס פון זיין פנים, מיט א באטראכטער האנט. דערנאך איז ער ווייטער געגאנגען, איז זייער לאנג געגאנגען, ביז ער איז געקומען אויף די גויאישע געסלאך, און דארט איז ער, ניט באטראכטערהייט, אריין צום וואסערפירער, צו יחיאל-מנשהן.

די זון איז געשטאנען אין מיטן הימל, און חנה איז אליין געווען אין שטוב, די קינדער האבן זיך געשפילט אויפן הויף און אז חנה האט איצט פלוצלונג אזוי דערזען ביי זיך ר׳ חאצען, ווי פון הימל אראפ־געפאלן, האט זי אזש א פאטש געטאן מיט די הענט:

—אוי, קרוינעלאד!

ר׳ חאצע האט בלייך געשמייכלט, ווי מען קומט צו אייגענע פון א ווייטער נסיעה, און חנה האט א כאפ געטאן א ביינקל, האט עס אוועקגעשטעלט אין מיטן שטוב, ווי אויבן־אן, און ר׳ חאצע איז צוגעגאנגען און האט זיך אנידערגעזעצט. אין דעם אנטקעגנדיקן פענצטער האט אריינגעשיינט די זון, און אין שטוב האט געשמעקט מיט דער היימישער ווארעמקייט, עס לעבן דא מענטשן אין יעדן ווינקעלע, און ר׳ חאצע האט צוגעמאכט די אויגן, אזוי גוט, אזוי פאמעלאך איז אים געווען, און דערנאך האט ער דערציילט פאר חנהן, אז איצט איז שוין אויס, עס איז שוין נאכן גט.

ער האט לאנג גערעדט, ווי א פשוטער איד רעדט מיט נאר א פשוטן אידן, און חנה איז די גאנצע צייט געשטאנען פאר אים מיט צונויפגעלייגטע הענט אויפן בויך, און פון אירע אויגן האבן זיך געקייקלט טרערן ווי ארבעס, און צום סוף האט זי אים זייער באַדאנקט, זייער, אליין ניט ווייסנדיק פארוואס, צי דערפאר, וואס ער האט זיך געגט מיט בת־שבען, צי דערפאר, וואס ער, ר׳ חאצע, איז געקומען צו זיי, איז געקומען זען וואס זיי מאכן און דערציילן וואס ער מאכט.

ר׳ חאצע האט נאכאמאל צוגעמאכט די אויגן, ווי אין א זיסן דרעמל, און חנה איז אויך געשטאנען ווי א פארוויגטע, נאר אויפן שוועל פון אלקער האט זיך באלד קלמן באוויזן, א דארער אזא, אן אויסגעדייוווערטער, אז ר׳ חאצע האט זיך א כאפ געטאן צו אים, און קלמן האט זיך אנגעשפארט אויף ר׳ חאצעס א האנט,

האט געמאכט א טראט און האט זיך אראפגעלאזט אויף דער באנק. ר' חאצע איז ניט אפגעטראטן פון אים, האט געקוקט אויף חנהן, און חנה האט זיך מיט הארץ פארענטפערט:

—אט ווי איר זעט!

ר' חאצע האט נאך געפילט אויף זיך קלמנס טרוקענע ביינער, זיינע ביינערדיקע הענט, וואס האבן גאר קיין זאפט ניט אין זיך, קיין חיות, און ביי קלמנען האבן ארויסגעשטעקט די פארדערשטע ציין, ווי ביי א טויטן, און ר' חאצע האט זיך מיט ווייטיק דער־מאנט, מיט בושה, אז קלמן איז שוין טאקע לאנג ניט געווען ביי זיי און אז קיינער האט עס ניט באמערקט אפילו, מלכה אויך ניט, מען האט גאר פארגעסן אויף אים. ר' חאצע האט ניט געוואוסט וואס ער זאל איצט טאן, האט אויף גיך א פרעג געטאן, צי מען טוט אים עפעס, צי מען רופט צו אים א דאקטאר, האט זיך אנידערגע־זעצט לעבן קלמנען, און חנה האט זיך ווידער אנגערופן, האט זיך ווידער פארענטפערט:

—צאנקט ווי א ליכט...

# LXIV.

אינדרויסן האט זיך געזיפט א קופערנער פארנאכט, מיט א טיפער, רייפער זון אויפן ברעג פון הימל, מיט גלאנציק־רויטע פענצ־טער ביי די זייטיקע הייזער, וואס האבן זיך ברייט אפגערוקט פון וועג און וואס זיינע געשטאנענע ווי פארוויקלטע אין שאטנס, אז עס האבן דארט גארניט געלעבט קיין מענטשן, און ר' חאצע איז גע־גאנגען פון די גויאישע געסלאך מיט רעיונות וועגן קלמנען, איז מיט די רעיונות געקומען אהיים, און דא האט ער זיך פלוצלונג אפגעשטעלט האט זיך שטארק צוגעהערט, ווי געהאנגען אויף א האר, נאר אין אלע חדרים, אין דעם גאנצן מויער איז געווען אזוי, אז מען האט געקענט זען, אז בת־שבע איז דארט ניטא, עס איז קיי־נעם ניטא.

ר' חאצע האט זיך שוין מער ניט אומגעקערט צו זיינע רעיונות

ווענן קלמנען, און מלכה איז געזעסן אין דעם גרויסן פוטעל, האט געקוקט מיט אויסגעשטעלטע אויגן, ניט אויפן טאטן, נאר גלאט אזוי, און ר׳ חאצע האט זיך גשטעלט דאוונען מעריב. ער האט גע־דאוונט אזוי ווי אלעמאל, נאר עס האט זיך אים רק אויסגעוויזן, אז ער הערט א געוויין, אז אימיצער וויינט — ווער וויינט? און נידעריקער פון דעם געוויין איז געווען דער ניגון פון זיין דאוונען, און מלכה איז זיך ווייטער געזעסן אזוי ווי פריער, אזוי ווי בת־שבע נאר האט זי איבערגעלאזט.

ווען בת-שבע איז געקומען פון רב האט זי זיך אפריער צור־געזעצט א ווײלע, אין מיטן שטוב, ווי זי וואלט שטארק געווען אויס־געמאטערט, און דערנאך האט זי אין איילעניש גענומען איינפאקן די זאכן אירע. ווי צוויי אפענע מיילער זיינע די טשעמאדאנען גע־לעגן אויף צוויי באזונדערע שטולן, און בת-שבע האט געשפארט אין זיי די זאכן, מיט אן אלטער אויסגעבויגענער פלייצע, מיט הענט, וואס האבן ניט געפאלגט, און מלכה האט די גאנצע צייט געקוקט אויף איר פון הינטן, און בת־שבע האט איבערגעלאזט דאס פאקן און האט זיך אומגעקערט צו מלכהן, מיט א שמייכל, מיט א זיפץ.

ביי בת־שבען זיינען אראפגעלאזט געווען די הענט, און מלכה האט געוואוסט, אז זי טאר איצט גארניט פרעגן, זי טאר ניט, און די דינסט האט שוין אליין געפאקט די זאכן, און בת-שבע האט ארומגענומען מלכהן, ווי מען נעמט ארום אן אייגן קינד, האט זי צור־געטוליעט צו זיך, און האט איר געזאגט, אז זי האט צו איר, חלילה, גארניט, און צום טאטן צו אירן האט זי אויך גארניט, צו קיינעם ניט, און זאל זי גריסן לייזער־בערן, זאל זי אים גריסן!

בת-שבע האט גערעדט מיט א געוויין אן טרערן, און מלכה האט איר צוגעזאגט, ווי עס פאלגט א קינד, אז יא, זי וועט גריסן לייזער־בערן, און בת-שבע האט ווייטער גערעדט צו איר, האט איר אנגע־זאגט, אז ווען זי וועט איבערקומען, מיט דעם אויבערשטנס הילף, באלד ווי זי וועט נאר געלעגן ווערן, זאל זי איר קלאפן א טעלעגראמע!

בת-שבע האט דא פארלארן א טרער פון אירע גערדיכטע, גלאנציקע אויגן, און די דינסט האט שוין איינגעפאקט די זאכן, און בת-שבען האט ניט געארט, טאמער האט די דינסט עפעס פאר־געסן איינפאקן, טאמער האט זי דא עפעס איבערגעלאזט, און די

דינסט האט זיך געלאזט ארויסגיין פון שטוב מיט די צוויי שווערע טשעמאדאנעס, און בת־שבע האט זיך אפגעקלעפט פון מלכהן און איז נאכגעגאנגען נאך די זאכן נאך אירע ווי אויף געשוואלענע פיס, און מלכה האט זיך אראפגעלאזט אין דעם גרויסן פוטעל, האט געקוקט, נאכגעקוקט, און אז בת־שבע מיט דער דינסט זיינען שוין ארויס פון שטוב, און אין שטוב איז געווארן אזוי פוסט, ליידיק, האט זי זיך געוואלט א כאפ־טאן פון ארט, נאר דא האט זי פלוצלונג דערזען דעם אייגענעם גרויסן בויך אירן, וואס אזוי גרויס איז ער נאך קיינמאל ניט געווען. מלכה האט זיך ניט דערשראקן דערפאר, זי איז נאר געבליבן אויף אן ארט, האט ברייט פאנאנדערגענומען די פיס, ווי עס זיצן טראגעדיקע ווייבער, האט פאמעלאך ארויפגעלייגט אויפן בויך די ביידע הענט אירע און האט שטארק פאנאנדערגעריסן די אויגן — — —

מלכה האט ניט געפרעגט ביים טאטן וואס און ווען, ניט ווען ער איז געקומען אהיים און ניט ווען ער האט אפגעדאווענט, און ר' חאצע האט גארניט גערעדט צו דער טאכטער, האט איר גארניט דערציילט, זיי האבן ביידע געשוויגן, יעדער איינער באזונדער פאר זיך אליין, און ווי געלעזערנע זיינען געווען די מינוטן, וואס זיינען געפאלן צווישן זיי מיט א קלונג, האבן זיך יעדע רגע געקענט צעברעכן, און עס האט זיך טאקע אויסגעוויזן, אז אט, באלד, און זיי וועלן ביידע גלייך אנהויבן צו רעדן, שרייען איינער צום אנדערן, נאר זיי האבן ביידע גלייך געווארט אויף לייזער־בערן, און אז לייזער־בער איז געקומען האט מען זיך באלד אנידערגעזעצט צום טיש

די דינסט האט דערלאנגט דאס עסן און לייזער־בער האט זיך ארומגעקוקט, ער האט געווארט אויף בת־שבען, נאר מלכה אליין האט באלד אנגעהויבן אויסטיילן די חלקים, ווי א באלעבאסטע, און לייזער־בער האט דא מיטאמאל אזוי א קוק געטאן אויף איר, אז ביי מלכהן האט זיך אפגעשטעלט די אויסגעצויגענע האנט מיטן טעלער, איז געבליבן שטעקן איבערן טיש, און ר' חאצע האט זיך אויפגעהויבן פון ארט, ווי אים וואלט מען דאס געמיינט, נאר אים, און נאך אים האט זיך שוין אויך אויפגעשטעלט לייזער־בער, און זיי זיינען געשטאנען אין דרייען, און געקוקט האט נאר איין

לייזער־בער, און ביי מלכהן האט זיך ארויסגעגליטשט דער טעלער פון דער האנט, איז צעבראכן געווארן אויפן טיש, און מלכה האט אויסגעשאסן אין א געוויין — פארן גאנצן לאנגן טאג.

זי איז מיט דעם געוויין מיט אירן ארויסגעלאפן פון עס־שטוב, און ר׳ חאצע האט נאך לאנג געהאלטן אראפגעלאזט די ברעמען, ביז ער האט אנגערירט לייזער־בערן, איז מיט אים אפגעטראטן פון טיש, ווי געפירט אים פאר א האנט, און האט אים אלץ דערציילט, דעם גאנצן ענין.

ר׳ חאצע האט גערעדט מיט ווערטער, וואס זיינען געווען קארג, שעמעוודיק און ריין, און לייזער־בער האט נאר ארויסגענומען פון זיינע רייד, אז ניטא שוין בת־שבע, ניטא, אויף אייביק, און ער האט געוואלט א נעם־טאן ר׳ חאצען אין זיינעביידע הענט אריין, אט דעם אלטן תרח, און צעברעכן אים אויף צווייען, ווי מען צעברעכט א שייטל האלץ אויף דער קני.

ר׳ חאצע איז אנטשוויגן געווארן, האט מער ניט געהאט וואס צו רעדן, נאר אפטרעטן פון לייזער־בערן האט ער ניט געקענט, און לייזער־בער האט אים ווייטער געפייניקט מיט זיינע אויגן ווי ביי א גזלן, מיט זיין ברומען ווי א חיה, אז עס האבן זיך אזש געזען די נאקעטע ציין, ביז מלכה איז צוריק אריינגעקומען אין עס־שטוב, שוין אן דעם געוויין, נאר מיט גרויסע פלעקן אויפן פנים. לייזער־בער איז ניט אפגעטראטן, איז ניט געווארן אנדערש, און מלכה איז צוגעגאנגען צו אים און האט אים געזאגט, קוקנדיק אים גלייך אין פנים אריין, וואס בת־שבע האט איר געהייסן זאגן — בת־שבע האט אים געהייסן גריסן. די ווערטער אירע זיינען געפאלן אויף זיין מוח, ווי טראפנס וואסער אויף צעגליטן אייזן, און ער האט א קוק געטאן אויף איר און אויף ר׳ חאצען, האט זייביידן צונויפגעמישט און האט א שפיי געטאן.

דער שפיי־ארויס זיינער איז געפאלן לעבן ר׳ חאצעס פיס, און ר׳ חאצע האט זיך אפגעהיט צוגענומען פון דעם, און לייזער־בער האט זיך א ריס געטאן פון ארט, ווי א פלאקן, וואס האט געשטעקט טיף אין דער ערד, און איז ארויסגעלאפן פון שטוב. ער האט מיט אלע זיינע כוחות א זעץ געטאן מיט דער טיר נאך זיך, אט ווי ער וואלט

שוין מער קיינמאל ניט נעדארפט געווען קומען אהער צוריק, און ר' חאצע האט זיך געוואלט א לאז טאן נאך אים, פארהאלטן, ניט דערלאזן, נאר מלכה האט גארניט געזאגט דעם טאטן, ניט מיט די אויגן און ניט אויפן קול.

ר' חאצע האט אראפגעלאזט די ברעמען, האט געווארט א מינוט, נאר די ברעמען אליין זיינען איצט געווען פאר אים ווייניק, און ער האט זיך צוגעטראגן דיביידע הענט זיינע און האט זיך מיט זיי פארשטעלט דעם פנים. מלכה האט רחמנות געהאט אויף אים, נאר אז זי האט א זאג געטאן, פון גוטסקייט וועגן — טאטע?! איז עס ארויסגעקומען אזוי טרוקן ווי א בייטש.

# LXV.

מלכה איז דערנאך ארויסגעגאנגען פון עס־שטוב, און ר' חאצע איז געבליבן אליין, און ער האט ניט געעפנט קיין ספר, ער איז געבליבן זיצן א לייזיקער, מיט לידיקע הענט — — —

צוליב וואס לאזט אים דער אויבערשטער לעבן אויף דער וועלט? אוואו ער קערט זיך ניט און אוואו ער ווענדט זיך ניט זייט ער אלץ ארום זיך טויט און אומגליק. צוליב וואס שיינקט אים דער אויבערשטער די יארן זיינע? די, וואס דארפן לעבן, די שטארבן גראדע, און די, וואס דארפן ניט לעבן, די לעבן גראדע יא. איז דאס דער סדר העולם?!

איז עס־שטוב האט געברענט דער גרויסער הייננ-לאמפ, און ביי מלכהן איז חדר האט אויך געברענט א לאמפ, און מלכה איז געלעגן אין די זאכן אן אויסגעצויגענע אויף איר בעט. זי האט לעבן זיך אוועקגעלייגט די ביידע הענט אירע, האט ווארעם אויסגעצויגן א פוס לעבן א פוס, האט ניט צוגעמאכט די אויגן, און מער האט זי גארניט געטאן.

אויפן טיש אין עס־שטוב איז נאך געשטאנען דאס עסן, און די דינסט האט שפעט געווארט, און אז זי האט צום סוף אויפגע-

ראַמט פון טיש, שוין פאַרן שלאָפן גיין, און האָט פאַרשפּרייט אַ ווייסן טישטוך, האָט ר׳ חאַצע אויפגעהויבן די אויגן און האָט אַ קוק געטאָן אויפן וואַנט־זייגער.

דער טישטוך האָט געבלאַנקט אין די אויגן ווי אין אַ ליידי־קער שטוב, און דער זייגער האָט שטיל געקלאַפּט, און ר׳ חאַצע האָט געוואוסט, אַז מלכה שלאָפט נאָך ניט, ער האָט געהערט, ווי זי שלאָפט ניט, און די דינסט האָט געפרעגט ביי ר׳ חאַצען:

—פאַרשפּאַרן די טיר?

—ניין.

און לייזער־בער איז געזעסן אין שיינק דעם גאַנצן אויפדער־נאַכט, די גאַנצע נאַכט. אין שיינק איז געווען אַנגערויכערט און שווייסיק, ביטער־געדיכט, און לייזער־בער האָט זיך אַנידערגעזעצט ביי אַ ברעג טיש, און די שיקסע, וואָס אין שיינק, אַז זי האָט אים דערזען, האָט זי אים מיט שמחה גלייך צוגעטראָגן אַ פלאַש מיט בראַנפן. לייזער־בער האָט אויסגעטרונקען אַ גלעזל, אַ צווייטע און אַ דריטע, און געטרונקען האָט ער איינס נאָך איינס, אין איין אָטעם, אַזוי האָט ער נאָך דאָ אין שיינק קיינמאָל ניט געטרונקען, און די שיקסע האָט דערפילט צו אים אַ קלעמעניש ביים האַרצן:

—פאַרבייַנקט זיך?

לייזער־בער האָט איר גאָרניט געענטפערט, און צו איר האָט מען גערופן פון אַלע זייטן, דער האָט געוואָלט אַ פלאַש ביר און דער אַ גלעזל בראַנפן, און די שיקסע איז אָפּגעטראָטן פון אים, האָט זיך אַריינגעפּלאָנטערט צווישן די לאַנגע טישן, איז זייער גע־ווען פאַרטאָן, נאָר דעם קאָפּ אירן האָט זי אַלץ געדרייט אַהין, וואו עס איז געזעסן לייזער־בער. און לייזער־בער האָט געגאָסן אין זיך אַ גלעזל נאָך אַ גלעזל, האָט ביים צענטן גלעזל אפשר אַ שוידער געטאָן מיטן פלייש פון זיין לייב און האָט ווייטער געטרונקען, און דער שיקסע איז עס שטאַרק ניט געפעלן געוואָרן, ביז זי האָט מיטאַמאָל איבערגעלאָזט דעם גאַנצן שיינק, איז צוגעגאַנגען צו אים און האָט אוועקגעלייגט ביי אים אויפן טיש אירע ביידע שטאַרקע לאַדאָניעס — די שטאַמען פון אירע צוויי פולע, ווייסע הענט:

—גענוג! וואָס טרינקסטו אַזוי?

לייזער־בער האָט זיך אַ ווייש געטאָן די ליפּן, ווי עס וואָלט אים טרוקן געווען אין מויל, און געזעסן איז ער ווי אויסגעהאַקט פון אַ שטיין, ניט אַ וואָרט, ניט אַ ציטער, און די שיקסע איז ווידער אָפּגע־טראָטן פון אים, האָט זיך ווידער אוועקגעפלאַנטערט אין דער געדיכטקייט פון דער לאַנגער שיינק. נאָר ווידער האָט זי גע־דרייט דעם קאָפּ אירן צו לייזער־בערן, אַ פאַרזאָרגטע פאַר אים און אַ געטרייע צו אים.

אַ פּויער האָט אויסגעצויגן אַ האַנט צו דעם ביסל בראָנפן, וואָס איז נאָך געווען אין פלאַש, האָט געקוקט אויף לייזער־בערן מיט גרויע אויסגעקראָכענע אויגן, ווי ביי אַן אַלטער קאַץ, און לייזער־בער האָט געקוקט דערנאָך אויפן גוי, ווי ער טרינקט די בראָנפן, אַז ער זויגט אויס דאָס גלאָז פון דער ליידיקער פלאַש אַרויס, און ניט עס האָט אים הנאה געטאָן, לייזער־בערן, און ניט עס האָט אים געאַרט, גאָרניט.

עס איז שוין שפּעט געווען אינדערנאַכט, און אין שיינק זיינען נאָר איצט געבליבן די אַלטע, געפּרוּווטע שיכורים, וואָס שרייען ניט, טומלען ניט, נאָר זיצן ווי פאַרחלשטע. איינער האָט געכאַרכלט אַ וואָרט, ווי פון שלאָף, אַ וואָרט אַז אַ זינען, און איינער האָט זיך פּלוצלונג אַ צאַפּל געטאָן, האָט זיך מיט די נעגל אַ קראַץ געגעבן דאָס נאַקעטע האַרץ און איז ווידער געבליבן זיצן אַזוי ווי פריער.

די שיקסע האָט גענומען אַ לאָמפּ אין ביידע הענט אַריין, איז מיט דעם געגאַנגען צו לייזער־בערן, ווי מיט זייער אַ שווערער זאַך, און אַז זי איז צוגעגאַנגען, האָט זי עס אוועקגעשטעלט פאַר אים, אויף זיין ברעג טיש. לייזער־בער האָט אַנגעריבן אַ שוועבעלע, האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, און די שיקסע האָט גענומען דעם אָנ־געצונדענעם לאָמפּ, ווידער מיט ביידע הענט, און ווידער ווי אַ שווערע זאַך אַזאַ, און לייזער־בער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און איז איר נאָכגעגאַנגען — זיין טראָט אין איר טראָט.

אַזוי זיינען זיי אַרויס פון שיינק דורך אַ זייטיקער טיר, ניט אויפן גאַס, ניט אינדרויסן, נאָר אין אַ שוואַרצן, פינצטערן פאַר־הויז, ווי אַ קעלער מיט ערדיקע ווענט, האָבן זיך אויפגעהויבן

אויף עטלעכע טרעפ און זיינע אריין אין א קליינעם חדר, וואו עס איז געווען שטיל און ריין און אזוי ווייט פון שיינק, ווי אויף אן אנדער גאס גאר. די שיקסע האט אוועקגעשטעלט דעם לאמפ אויף א הויכן קאמאד, שטייענדיק נאך מיטן רוקן צו לייזער־בערן, און לייזער־בער האט געוואלט א געשריי טאן צו איר, אז עס וועט אראפפאלן! אראפפאלן! נאר דער לאמפ איז ניט אראפגעפאלן, און לייזער־בער מיט דער שיקסע האבן זיך אנגענומען פאר די הענט, האבן זיך ביידע אינאיינעם געטוליעט צו דער וואנט, ווי צוויי פאר־לארענע קינדער, און ביידע גלייך האבן זיי זיך דערנאך אנידערגע־זעצט אויף דער בעט, ווי צוויי אלטע לייט, ביי וועמען עס קנאקן די קני, וועמען עס טוען וויי די פיס.

# LXXVI.

קיילעכיק און די גרויס ווי א טעלער איז אויף דער שיקסעס אפגעדעקטן בויך געלעגן א ווייסער פלעק, ווי דער אפשיין פון א שפיגל, און לייזער־בער האט אויפגעהויבן זיין לײדיקע האנט, וואס איז אראפגעהאנגען פון בעט, האט פאנאנדערגענומען דעם פארהאנג, האט אנגעטאפט די וייך־קאלטע שויב, און ווי ער וואלט מיט די שפיץ פינגער מיט זיינע אנגעטאפט די לבנה, וואס האט אריינגעקוקט אין פענצטער.

לייזער־בער האט געוואלט א רוף־טאן צו דער שיקסע, אזוי פריידיק איז אים געווען, נאר פאמעלאך האט ער באלד ארויסגעלאזט פון דער צווייטער, פארנומענער האנט די שלאפעדיקע ברוסט אירע, האט פאמעלאך אפגעווארט א מינוט, אז זי זאל זיך ניט אויפ־כאפן, און איז פאמעלאך אראפ פון בעט.

ער האט זי געזשאלעוועט, די שיקסע, מיטן גאנצן הארצן זי געזשאלעוועט, און מיט געטרייסאפט האט ער איר צוגעדעקט די אפגעדעקטע אברים, האט נאכאמאל א קוק געטאן אין פענצטער אויף דעם אויסגעשטערנטן הימל, האט אנגעטאפט דעם אויסגעלא־שענעם לאמפ, וואס איז געשטאנען אויפן קאמאד, און איז, ווי

אַ באַלעבאָס, אַרויס פון חדר. און ווידער איז ער דורכגעגאַנגען דעם פּיצטערן פּאַרהויז, וואָס איז געווען ווי אַ קעלער, און ווידער איז ער דורכגעגאַנגען די גרויסע שיינק, וואָס איז איצט געלעגן ווי אונטער שפּינוועבס.

ער איז אַרויס אויפן גאַס, און די נאַכט אין דרויסן איז פול געווען מיטן שאַרפן און זיסן ריח פון פרישער ערד, וואָס האָט אין פאַרפראָרן ווערן, דאַרף זיך באַלד צושליסן, און די פולע לבנה איז נאָכגעגאַנגען נאָך אים, ווי זי וואָלט געציילט און געהיט זיינע טריט, און לייזער־בער האָט געטראָגן אויף זיך דעם איינגעשטילטן גוף, און נאָר פון מאָל צו מאָל האָט ערגעץ אין אָן אָבער ביי אים אַ ציטער געטאָן אַן אַדער, אַ ציטער געטאָן און אויפגעהערט.

נאָר אַז ער איז געקומען אַהיים, און אין עס־שטוב האָט נאָך געברענט דער גרויסער הייננ־לאָמפּ, און ר' חאַצע האָט זיך שטאַרק אַ כאַפּ געטאָן צו אים, איז אים געלאָפן אַנטקעגן, איז לייזער־בער געבליבן שטיין אַ צעטומלטער, און ר' חאַצע האָט קוויטשענדיק אַזוי אַ געשריי געטאָן:

—מלכה!

לייזער־בער האָט געוואָלט אָנכאַפּן ר' חאַצען, אַז ער זאָל ניט שרייען, ניט שרייען, נאָר מלכה איז שוין אַרויס פון איר חדר און איז געגאַנגען צו זיי. זי איז געווען אַן אָנגעטאָנענע, אין די זאַכן, נאָר עפּעס אַ צעשפּיליעטע, און אַן די שיך, אין היילע זאָקן נאָר, און מיט אַזאַ אויסגעצויגענער, אויסבויגענער האַלדז, ווי ביי אַ פויגל.

לייזער־בער האָט געוואַרט אַן אָטעם, און זי איז צוגעגאַנגען צו אים, נאָר געזאָגט האָט זי אים גאָרניט, ווי זי וואָלט נאָר געוואָלט זען מיט די אייגענע אויגן, אַז ער איז טאַקע דאָ, און לייזער־בער האָט זיך געוואָלט אַ וואַרף־טאָן צו איר, פאַלן צו די פיס, נאָר זי האָט זיך שוין אָפּגעקערט פון אים, איז דורכגעגאַנגען פאַרביי, און לייזער־בער האָט געזען איר ברייטן, צעשפּאַרטן הינטן, און דעם שאַרפן שפּיץ פון איר נאָז, וואָס האָט אַזוי געבלאַנקט און געציטערט, ווי דער שפּיץ פון אַ מעסער.

ער האָט זי געלאָזט דורכגיין, אַוועקגיין, און זי איז צוריק אַריין

אין איר חדר, האט זיך דארט אויסגעטאן, האט זיך אריינגעלייגט אין בעט, און ר׳ חאצע האט עפּעס א מורמל געטאן, ווי עס וואלט אים גרינגער געווארן אויפן הארצן, און לייזער-בער האט זיך אראפּ־געלאזט אויף א שטול, אז עס זיינען אים צו־לאנג געווען די פיס.
ער האט געקוקט אויף ר׳ חאצען, און ר׳ חאצע האט ניט אפּגע־טראטן פון אים, האט זיך א פּאר מאל א וויש געטאן דעם פּנים, און עס האבן אזש געציטערט אויף אים די פּאנאנדערגענומענע פּא־לעס פון זיין אפּענעם סורדוק. ער איז געווען א דארער, ר׳ חאצע, א טרוקענער, ווי פון אלטע ביינער, און ביי לייזער-בערן האט זיך א בראך געטאן דאס פּנים אין א בלעכענעם שמייכל — אז איר זענט א פארשטונקענער הערינג, ר׳ חאצע, וואס איר זענט! איר, אלע, א פארשטונקענער הערינג!

לייזער־בער האט עס געטענהט צו זיך אליין, אז אנשטאט ווערטער, וואס זאלן הילכן, איז אלץ קענטיקער געווארן דער בלע־כענער שמייכל, דאס צעבראכענע פּנים, און ער איז אלץ מער גע־בליבן גערעכט, אינגאנצן גערעכט געבליבן, און ר׳ חאצע האט אים אנגערירט מיט צעשפּרייטע פינגער פאר אן אקסל, ווי ער וואלט אים א גלעט געטאן:

—גיי שלאפן, גיי...

און לייזער-בער איז געגאנגען שלאפן, נאר אויף מארגן איז ער דעם גאנצן טאג ניט ארויסגעקראכן פון בעט, האט געוואלט זיין קראנק, און ערשט צו פארנאכט־צו האט ער זיך דערמאנט, אז אט־באלד, און עס שטעלט זיך שוין דער קרעמעניצער יאריד.

צו דעם יאריד אין קרעמעניץ דארף מען פארן פריער מיט א וואך, שטענדיק אזוי, און לייזער־בער איז ארוים פון בעט, האט זיך אנגעטאן און ווי האט ווי פארלארן, שוין גייענדיק צו דער טיר, אז ער פארט אין קרעמעניץ. ער איז ניט אנטלאפן פון שטוב, ער האט זיך ארויסגעכאפּט, און מלכה איז געבליבן זיצן, און זי וועט באלד אויספלאצן אין א געוויין, ווי נאר דער טאטע וועט א קוק־טאן צו איר, ווי נאר ער וועט עפּעס פרעגן, און זי האט געווארט אויף דעם מיט כעס, נאר ר׳ חאצע האט גארניט געפרעגט, האט גארניט געקוקט.

און לייזער־בער, אז ער איז ארויס פון שטוב, האט ער זיך גאר מחיה געווען, ער איז פטור געווארן, און ערשט, ווען ער איז שוין געזעסן אין וואגאן, האט ער זיך ערשט גוט געוואלט פאנאנדער־לאכן, ווי פון עפעס א שפיצל, וואס ער האט אפגעטאן, נאר דא האט ער זיך מיטאמאל ארומגעזען, אז אים איז גאר אומעטיק, אזוי אומעטיק, אז כאטש נעם און קריך ארויף און קער זיך צוריק אום אהיים.

אין וואגאן איז געווען שאטנדיק־פינצטער, ווייט, ביים סוף פון וואגאן, האט הויך אריבער דער טיר געברענט א ליכט, פאר־שטעלט מיט א פארשמירטער גלאז, און לייזער־בער האט צוגע־מאכט די אויגן און האט נאר געהערט ווי עס קלאפן די רעדער. ער האט געוואלט איינשלאפן, שלאפן, נאר ער האט געוואוסט, אז ער איז הונגעריק, אז ער האט גארניט געגעסן דעם גאנצן טאג, און ער האט שטארק רחמנות געהאט אויף זיך. מלכה איז געווען אמאל אזא, אז מען האט ניט געקענט צו איר דערלאנגען, און איצט האט זי א געלן פנים, א שפיציקע נאז, און אז זי גייט, איז ווי א קראנקע גאנדז... און די שיקסע, וואס איז שיינק, האט פולע הענט, ווי זאפ־טיקע צווייגן, ווייסע ציין און ווייסע ברוסטן, און זי האט אים גע־האלטן אין איין זאגן, אין איין איבערחזרן:

— ביזט א גוטער, איך האב דיך ליב!

ביז צום יאריד איז נאך געווען א פולע וואך, און א פולע וואך האט געדויערט דער יאריד. און אז לייזער־בער איז דערנאך גע־קומען אהיים האט אים ר' חאצע אנגענומען פאר א האנט און האט אים גענומען פירן, ווי א בלינדן, צו מלכהן אין חדר אריין. ר' חאצע האט איינגאנצן געשיינט, עס האט זיך אזש ברייט פאנאנדערגע־קאמט די בארד זיינע, ווי אויפן ווינט, און לייזער־בער איז געגאנגען נאך אים, און ביי מלכהן אין חדר איז אלץ געווען ווייס, אזוי ווייס, און מלכה איז געלעגן אין בעט, און לעבן איר איינגעבונדן אין א קישן, איז געלעגן א קליין נפשל.

לייזער־בער האט אויפגעשווידערט מיטן פלייש פון זיין לייב, און ר' חאצע האט זיך אויפן שטעל ארויסגעשארט פון חדר, האט זיי איבערגעלאזט אליין, און מלכה האט אז אטעם געטאן, ווי א

זיפץ, און דערנאָך האָט זי אויפגעהויבן אַ האַנט, אַ בלייכע אַזאַ און אַ שלאַפע האַנט, אַז פון לייזער־בערן האָט זיך אַ נאָס געטאָן אַ רחמנות, אַ גוטסקייט צו איר, און מלכה האָט אויסגעצויגן די האַנט צו אים און האָט אים אַ גלעט געטאָן איבערן פּנים.

לייזער־בער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן, האָט אונטערגעכאַפּט די האַנט, וועלן די האַנט איז שוין אַראָפּגעהאַנגען פון בעט אַראָפּ, ווי אַ פאַרחלשטע, און ביי מלכהן האָבן אויפגעציטערט צוויי רויטע פלעקן אויףביידע באַקן, און זי האָט קוים אַרויסגערעדט:

—ווייז ניט, מען דאַרף ניט...

אין דער אָפענער טיר איז געשטאַנען ר׳ חאַצע, און זיין באָרד האָט זיך ברייט געקאַמט, ווי אויפן ווינט, און מלכה האָט צוגעמאַכט די אויגן, ווי זי וואָלט שטאַרק געוועז אויסגעמאַטערט, און לייזער־בער האָט פאַמעלאַך־פאַמעלאַך צוגעפירט איין האַלבע טיר צו דער אַנדערער האַלבער טיר, איז מיט ר׳ חאַצען אריין אין דעם גרויסן זאַל, און ערשט דאָ האָט זיך גענומען רייסן פון אים אַ געלעכטער, עס האָבן געלאַכט אין אים שטיקער לייב, און זיינע אויגן האָבן געפינקלט מיט טרערן, ווי די טראָפּנס פון אַ זומערדיקן רעגן.

נאָר שפּעטער האָט מען געדאַרפט געוועזן אָפּרעדן וועגן אַ נאָ־מען געבן דעם קינד, און לייזער־בער איז שוין געזעסן אין פוטעל, ווי אַן אַנגעשוואָלענער, האָט שווער געאָטעמט, און ר׳ חאַצע האָט אַרומגעשפּאַנט אַהין און צוריק מיט פאַרלייגטע הענט אויף הינטן, און אַז אויפגעלייגטער, אַז אויפגעראַמטער, האָט ער גערעדט צו לייזער־בערן, אַז דער ערשטער נאָמען, אויב נאָר אַ זון, קומט דעם טאַטן.

לייזער־בער האָט זיך געוואָלט אַ זעץ־טאָן אין האַרצן אריין, אַז ער האָט ניט קיין טאַטן, האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין מאַמען, ער האָט ניט קיין נאָמען, ניטאָ! נאָר ער האָט איינגעשפּאַרט גע־שוויגן אַ פאַרביסענער, האָט גאָרניט געטאָן, און ר׳ חאַצע האָט זיך אַרומגעשפּאַנט אַהין און צוריק, און מיט פאַרלייגטע הענט אויף הינטן, און לייזער־בער האָט געקוקט אויף אים, האָט אים נאָכגע־קוקט, ווי מען היט זיך פון אַ שונא, אַ דם־שונא.

און ר׳ חאַצע האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט, איז נאָענט צו־

געגאַנגען צו לייזער־בערן און האָט אים געזאָגט, ווי נאָר ער אַליין וואָלט עס געדאַרפט הערן, אַז באַלד ווי זי איז איבערגעקומען, מלכה, האָט אָפּגעהאַט, האָט זי געהייסן קלאַפּן אַ טעלעגראַמע צו בת־שבען.

ר׳ האַצע האָט אים דאָ דערלאַנגט מיט אַ פלאַקן איבערן קאָפּ, און לייזער־בער האָט אויסגעשטעלט אַן אָפּן, אַ שטום מויל, אַ פּאָר גלעזערנע אויגן, און ר׳ האַצע האָט שוין מער ניט אַרומגע־שפּאַנט מיט פאַרלייגטע הענט אויף הינטן, און לייזער־בער האָט געזוכט, האָט געשמעקט, ווי אַ געבונדענער, און מיט אײמ־פּעט האָט ער זיך באַלד דערמאָנט אויף מאַירקען, אויף ציפּען, אויף זלאַטען און אויף יאַסקען. זיי זיינען אַלע אַוועקגעפאָרן, אַלע איינ־איינעם, אָבער — שמואל? שמואל איז דאָך פאַרלאָרן געוואָרן, איז געשטאָרבן אודאי, און לייזער־בער האָט זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט, האָט זיך אויסגעגלייכט און האָט אויסגעשריען הויך אויפן קול, און קוקנדיק ר׳ האַצען גלייך אין פּנים אַריין:

—שמואל!

ביי לייזער־בערן איז רויט געווען דאָס פּנים ווי אַ שטיק פייער, און ר׳ האַצע האָט זיך אַ גלעט געטאָן די באָרד און האָט נאָכגע־זאָגט — אַ פאַרטראַכטער:

—שמואל.

## LXXVII.

און שמואל איז געווען אַ קינד מיט גרינע אויגן, מיט אַ גרויסן שטערן און מיט אַ פאַרשאַרפטער מאָרדע, און לייזער־בערן האָט זיך אָפּט אויסגעוויזן, אַז דאָס קינד איז טאַקע געראָטן אין שמואלן. לייזער־בערן האָט עס הנאה געטאָן, אַז כאַטש נעם און גיב זיך אַ רייץ מיט ר׳ האַצען, און ער האָט גערעדט צום קינד, נעגנבע־טערהייט: —באַלעגאַלקעלע! נאָר באַלד איז אים אומעטיק געוואָרן, גלאַט אַזוי אומעטיק, און ער האָט שוין געשוויגן, אַט ווי עס וואָלט ביי אים אויף דער נשמה געלעגן אַ שווערקייט, אַ בייַנקעניש.

לייזער־בער האָט ליב געהאַט צו כאַפּן דעם קינדס פּיסעלאַך אין מויל אַריין, ווען דאָס קינד איז געלעגן אַ צעוויקלטס און געדרי־

געט מיט אַלע פיר, און מלכה האָט כלומרשט געשריען, האָט זיך כלומרשט געבייזערט:

—גיי אַוועק, טשעפּע ניט!

לייזער־בער גלייכט זיך אויס, אָטעמט מיט זיין פולן, שטאַרקן ברוסט־קאַסטן, און מלכהן איז גוט, וואָס ער איז איצט דאָ, לעבן איר, לעבן קינד, און וואָס ער איז אַזאַ ווי ער איז, און זי בויגט זיך אַז איבערן קינד און גלעט אים מיט הענט, מיט פינגער, וואָס זיינען פול מיט וואַרעמע שטעכלקעס, און קושט אים מיט אַ מויל, אַז זי פאַרבויגט אַזש די ליפּן אַריבער די ציין, דאָס מויל זאָל ניט קענען בייסן:

—שמואל, שמואליק, שמואלקע!

לייזער־בער לייגט אויף איר אַרויף אַ שווערע האַנט, ווי ער וואָלט זי אַרומגענומען, און זי טוליעט זיך צו אַז אַ שעמען־זיך, און לייזער־בער שטייט ווי אַ וואַנט און האָט זיי ביידן ליב, ביידן גלייך.

און דאָס קינד ליגט דערנאָך ביי איר אויפן שויס, זויגט ביי איר די ברוסט, און מלכה האַלט זיך שטאַרק איין, אַז זי זאָל ניט אויס־שיסן אין אַ געלעכטער, זאָל ניט איבערשלאָגן דעם קינד דאָס עסן, און די אויגן אירע קוקן ניט, נאָר זיינען אַזוי געדיכט און ווייך, ווי טייערער סאַמעט, ווי אַלטער וויין, פון דעם צעבליטן פּנים אַרויס.

אין דרויסן איז געהאַנגען אַ מילכיקער טאָג, און אין דער לופטן האָבן זיך אַרומגעדרייט קאַרגע שנייעלאַך, האָבן אַרומגעפלאַטערט, יונגינקע אַזוינע, ווי פאַרלאָזטע, אַז עס האָט אָנגענומען אַ רחמנות, און מלכה האָט אַרויסגעקוקט אין פענצטער, האָט געדריקט צו זיך דאָס קינד, מיט אַ גוטסקייט פון דער אייגענער וואַרעמקייט, און ווי זי איז געשטאַנען אָט אַזוי מיטן קינד אויף די הענט האָט מען צו איר פּלוצלונג אַ רוף געטאָן פון קיך אַרויס. מלכה האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, פּונקט אַזוי פלעגט צו איר רופן די דינסט, ווען קלמן פלעגט אַמאָל קומען, און מלכה האָט אָנגעשטעלט אירע אויגן, האָט זיך צוגעהערט, און די דינסט האָט זי נאָכאַמאָל אַ רוף געטאָן:

—באַלעבאָסטע!

מלכה האָט אויף גיך אַוועקגעלייגט דאָס קינד אויפן בעט, ניט

נאָר אָוועקגעלייגט, נאָר ווי זי וואָלט דאָס באַהאַלטן, און אַז זי איז דערנאָך אַליין אַריין אין קיך האָט זי דאָרט דערזען ניט קלמנען, נאָר דעם טאַטן זײַנעם גאָר, און יחיאל־מנשה האָט זיך איר אױפֿ־געהויבן אַנטקעגן, האָט פֿאַר עפּעס אַראָפּגעריסן דאָס היטל פֿון קאָפּ, נאָר באַלד האָט ער זיך צוריק אַנידערגעזעצט און האָט זיך צוריק אָנגעטאָן דאָס היטל. מלכה איז אויף גיך צוגעגאַנגען צו אים, און זײַערע אויגן האָבן זיך נאָענט באַגעגנט, און יחיאל־מנשה האָט ניט אַ פֿינטל געטאָן, האָט ניט אַפּגעקערט דעם קאָפּ:

— געשטאָרבן!

מלכה האָט ניט אויסגעשריען — ווער געשטאָרבן! וואָס גע־שטאָרבן! זי האָט עס אַליין געוואוסט, און זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך פּלוצלונג אָנגעגאָסן ביז פֿול, האָט זיך שטיל אַנידערגעזעצט לעבן יחיאל־מנשהן און האָט זיך שטיל פֿאַנאַנדערגעוויינט.

און שטיל, ווי דער געוויין אירער, האָט יחיאל־מנשה באַלד אָנ־געהויבן צו רעדן, דערציילן, אַז קלמן איז גאָר ניט געשטאָרבן, נאָר איז אויסגעגאַנגען, ווי אַ ליכט, און ווען ניט חנה, וואָס האָט געמאַכט אַ גוואַלד, אַז געשטאָרבן! געשטאָרבן! וואָלט גאָר קיינער ניט געוואוסט...

און פֿאַרן טויט, איידער ער איז אויסגעגאַנגען, האָט ער אים צוגערופֿן צו זיך, דעם טאַטן זײַנעם, און האָט אים געזאָגט, האָט זיך פֿאַר אים מודה געווען, אַז דאָס האָט ער אַליין אונטערגעצונדן, האָט אַליין געמאַכט די שׂרפֿה...

מלכה האָט אויפֿגעהויבן אויף אים אַ פּאָר אויגן, און זי האָט זיך אַזש אַפּגערוקט פֿון אים:

— וואָס?!

— יאָ! און דיר אַליין דערציילן, זאָלסט וויסן, איך און דו!

און דערנאָך איז געווען די לוויה, אין דעמזעלבן טאָג נאָך. געפֿירט האָט די לוויה אַ קורצער און אַ דאַרער איד, אַ שוואַרצער, אַ פֿאַרברענטער, ווי אַ האַלאָוועשקע, און דער איד האָט געשריען, געגוואַלדעוועט, ווי מען וואָלט אים געמוזט הערן אויף דער צענטער

גאָס : — צדקה תציל ממות ! צדקה תציל ממות ! און זעקס סטראַשנע אידן, ווי די גלייך־געוואַקסענעביימער, האָבן גרינג געטראָגן אויף זיך דעם מת, און נאָך דער מיטה זיינען נאָכגעגאַנגען, אין איין גלייכער שורה, ווי מען וואָלט זיי אויסגעשטעלט אַט אַזוי, ר׳ חאַצע און חנה און יחיאל־מנשה און לייזער־בער. חנה האָט שווער געשלעפּט די געשוואָלענע פיס, און אַליין איז זי אויך געווען אַ געשוואָלענע, אַז זי האָט אויסגעזען, ווי אַ לויזע שטיק ערד וואָלט זיך קוים געדרוקט, און ר׳ חאַצע איז אינגאַנצן געווען ווייס ווי אַ טויט, און ביי יחיאל־מנשהן האָבן זיך אויפגעשטעלט די אַקסלען זיינע, ווי זיי וואָלטן ערגעץ פון דערווייט דערשמעקט אַ געשלעג.

די לויה איז געווען אַ שטילע, קיינער האָט ניט געוויינט, ניט געטענהט, און די שטומע לויה האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד, און מיט פּחד האָט מען אַרויסגעקוקט פון די אָפענע קראָמען, ביי די פּלויטן. און די פאַרכאַפּטע מענטשן אין גאַס, און די לויה האָט זיך געשפּרייט איבער לייזדיקע גאַסן, פּוסטע, אויסגעליידיקטע.

דער טאָג איז געווען אַ מילכיקער, און צו פאַרנאַכט־צו האָט מען ניט געזען, ווי עס האָט זיך געזעצט די זון. עס איז גאַרניט געווען קיין זון, און לייזער־בער האָט זיי אַלעמען אַריינגעזעצט אין אַ פאַעטאָן, באַלד נאָך קבורה, חנהן און ר׳ חאַצען און יחיאל־מנשהן, און איז מיט זיי אַוועקגעפאָרן אַהיים.

דער פאַעטאָן זייערער איז אַריינגעפאָרן אין שטאָט, און די שטאָטישע גאַסן האָבן אויסגעקוקט פרעמד, אַ פרעמדע שטאָט, און חנה האָט זיך פּלוצלונג אַ ריס געטאָן פון פאַעטאָן־אַראָפּ, אַז זי איז שיעור ניט אַרונטערגערפאַלן אונטער די רעדער, און ר׳ חאַצע מיט לייזער־בערן זיינען שוין אויך געשטאַנען לעבן איר, און יחיאל־מנשה האָט שטום און דערשלאָגן פאַנאַנדערגענומען די הענט זיינע, ווי ער וואָלט מיט דעם געזאָגט, אַז ער קען דאָ גאָרניט מאַכן, קען ניט העלפן !

לייזער־בער האָט זיי צוריק געוואָלט אַריינזעצן אין פאַעטאָן.

נאָר חנה האָט אָפּריער גוט אויסגעשאָלטן יחיאל־מנשהן, און דערנאָך האָט זי זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעוויינט, און יחיאל־מנשה האָט זיך שטום און פאַרלאָרן פאַרענטפערט פאַר ר׳ חאַצען, פאַר לייזער־בערן, און האָט זיך געלאָזט גיין נאָך חנהן, וואָס איז שוין אַוועק איבער די גאַסן מיט אַ געוויין, מיט אַ קלאָג. — — —